STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03590

SIBIRER GESHIKHTEN

B.H. Rayz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. ח. רייז

סיבירער געשיכטען

(זכרונות פון אַנע־ונד'ניק)

***

תרפ״ו — 1926

פערלאַג יאַקובזאָהן און גאָלדבערג
וואַרשע, דזיקאַ 32

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 8.

1055

„דער ווארשאווער"

I

אין כאַבאַראָווסקי ד. ה. אין דער הויפּט־שטאָדט פון דער אמורער פּראָווינץ, איז איינער פון מיינע קונדען געווען אַ גע־וויסער מיראָן לאַזאַרעוויטש שטאַנט, נאָר אין דער סביבה פון דער כאַבאַראָווסקער קויפמאַנשאַפט האָט מען איהם גערופען סתם: „ד ע ר ו אַ ר ש אַ ו ע ר".

איך מוז דאָ ערקלערען, אַז פאַר ווארשא האָט מען גע־האַט אין יענע מקומות גרויס דרך־ארץ, מען האָט דאָרט אונזער הויפּט־שטאָדט זאָגאַר בעצייכענט מיט׳ן עפּיטעט: „ד־אַ ס פּ ו י־ל י ש ע פּ אַ ר י ז". אזוי, אַז דאָס וואָרט „ו אַ ר ש אַ" איז דאָרט בענוצט געוואָרען ווי אַ סינאָנים, אַ שם־נרדף הייסט עס, פון „קולטור", פון „אַריסטאָקראַטיע" און פון „עלעגאַנץ".

נור דער קונדע מיינער, „דער ווארשאווער", האָט לחלו־טין נישט געקאָנט דיענען אַלס מוסטער פון קולטור, אַריסטאָ־קראַטיע און עלעגאַנץ.

דאָס איז געווען אַ פלעגמאַטישער, אָבגעלאָזענער, איינגע־הויקערטער איד פון אַ יאָהר עטליכע און פיערציג, מיט אַ קורצען האַלז, אזוי, אַז צווישען קאָפּ און די אַקסלען איז כמעט קיין שום שטח נישט געווען. זיין געזיכט איז געווען ברוינליך־רויט

און גלאַט, נישט בעוואַקסען, ווי דאס געזיכט פון א סריס, נור קיין סריס איז ער, ברוך השם, נישט געווען, ווייל פון דער מנובל'טע, מיט וועלכער ער האט געלעבט, ד. ה. פון דער קאַזאַטשקע יעוודאָקיא, האט ער בפירוש געהאַט גאַנצע דריי בנים.

אויף זיין קאָפּ האט ערטערווייז געסטאַרטשעט איינזאַמע, אויסבלאַקירטע האָר, און זיינע קיילעכדיגע, גרינגליכע אויגען האבען געקוקט אַפּאַטיש, אהן א שום אויסדרוק.

קיין פירמע, ד. ה. אָפּען געשעפט, האט מיראָן לאַזאַרע־וויטש נישט געהאַט, און זיין מסחר איז בעשטאַנען אין דעם, וואס ער האט געהאַט א פערד מיט א שאַראַבאַן און איז כסדר אַרומגעפאָהרען אין די אַרומיגע סטאַניצעס, און האט פערקויפט פערשידענע סחורות, וואס ער האט מיטגעפיהרט מיט זיך אין שאַראַבאַן.

אין די ערשטער צייט, באַלד נאָך דעם, ווי ער האט אָבגעאַרבייט זיינע פיער יאהר קאַטאָרגע און איז אַרויס פון טורמע אויף אייביגע פּאָסעלעניע, איז ער געוואָרען א „קאַראַביי־ניק", ד. ה. א פעלדער, וואס געהט צופוס פון סטאַניצע צו סטאַניצע און טראָגט אויף דער פּלייצע א פּעקעלע מיט ביליגער דאָרפישער גאַלאַנטעריע. נור ברכות הימים האט ער זיך דער־אַרבייט צו א פערד מיט א שאַראַבאַן. ער האט פערגרעסערט פערשידענאַרטיג דעם אַסאָרטימענט סחורה, האט בערייזט א גרעסערען ראַיאָן און האט געמאַכט א סאָלידען אומזאַץ.

אין כאַבאַראָווסק פּלעג איך קומען צוויי מאָל אין יאָהר. זומער־צייט בין איך אהין געפאָהרען מיט'ן אַמור, ד. ה. מיט'ן וואַסער, אויף בלאַגאָוויעשטשענסק, און ווינטער — מיט דער אייזענבאַהן דורך כאַרבין און וולאַדיוואָסטאָק.

„דער וואַרשאַווער" האט גוט געדענקט די צייט, וואס איך

האב געווייל‎ט אין כאבאראָווסק, פ‎לעגט ער קומען צו מיר אין נומער, האט אָבגעקליבען א קראָם סחורה פון צוויי ביז דריי טויזענד רוב‎ל, האט באַלד ערלעדיגט די גאַנצע רעכנונג מיט מזומנים, האט פערנומען דאס פעקעל און פטור.

II

קאטארזשניקעס בכלל זענען א פערשלאָסענע, שווייגענדיקע אומה. יעדער פון זיי האט זיך זיין בעזונדערע, אינערליכע, אינדיווידועלע וועלט, וועלכע שלינגט איהם איין מיט אלע זיינע חושים און אויף וועלכער עס זענען קאָנצענטרירט אלע זיינע געדאַנקען. דאס זענען וועלטען פון פערשיעדענאַרטיגע, פון פרעהליכע אדער טרויעריגע עראינערונגען, וועלטען פון שווערע געוויסענסביסע, פון בענקשאפט, פון דאגה, פון האפנונג, פון רעזיגנאַציע, פון אַפאַטיע און פון קאָמבינאַציעס, ווי אזוי צו אנטלויפען פון דער טורמע כאָטש אויף א קורצע צייט. די געשפרעכען, וואס די קאטאָרזשניקעס פיהרען צווישען זיך, זענען באנאלע, פלאַכע, רויהע, ציניש‏ע, מעהר קינסטליכע, נישט נאַן טירליכע און האבען לחלוטין קיין שום שייכות נישט מיט דעם אמת׳דיגען אינערליכען „איך” פון דעם אַרעסטאַנט.

על־פי־רוב פערברענגט דער קאטארזשניק זיין צייט אין גרויזאַמען שטילשווייגען, דער דאָזיגער הרגל ווערט ביי איהם מיט דער צייט א צווייטע נאַטור, אזוי, אז אפילו ווען ער פערלאָזט שוין דאס „טויטען־הויז” און ווערט א פּאָסעליעניעץ, איז ער ווייטער דער זעלבער שווייגער, און דערמיט טאַקי לאָזט זיך ערקלערען דער פאַקט, וואס די סיבירער זענען שווער אויפן לשון, און אונזערע מענשען מוזען אויסרעדען צעהן ווערטער ביז מען בעקומט פון זיי אַרויס איין ווארט.

נאָר אזא פערביסענע פער׳עקשנ׳טען שטילשווייגער, ווי „דער ווארשאווער״, האב אין סיביר נישט בעגעגענט.

אַ משך פון פינף־זעקס יאָהר איז דער דאָזיגער פאָסעלעניעץ געווען מיינער אַ קונה, צוויי מאָל אין יאָהר איז ער אָבגעזעסען גאַנצע שעה׳ן ביי מיר אין נומער, אָבקלייבענדיג סחורה, און איך קאן פערזיכערן, אַז פאר דער גאַנצער צייט האב איך פון איהם נישט געהערט קיין גאנצע הונדערט ווערטער.

לויטן אָנקלאפּען אין טהיר פלעג איך שוין דערקענען, אז דאָס קלאפּט מיר אן לאזארעוויטש, און אויף מיין ענטפער: „אריין!״ האט זיך די טהיר לאנגזאם געעפענט, אין נומער האט זיך אפּאטיש אריינגעשטופּט דער איינגעהויקערטער פארשוין, האָט אפּאטיש ארויסגעברומט „זדראַסטוואויטיע״, ניט קוקענדיג מיר אין געזיכט, און אַזוי אפּאטיש האט ער זיך געזעצט ביים טיש, געקליבען די סחורה, בעצאָהלט די רעכנונג, גענומען דאס פּעקעלע אונטערן אָרעם, געזאָגט: „פּראשטשאיטיע״ און פּטור.

ווי אַזוי איך האָב ניט פּרובירט פערפיהרען מיט איהם אַ שמועס, וועלכע ענינים איך האב נישט בעריהרט, וועלכע מעשיות איך האָב נישט דערצעהלט, איז ער זיך אלץ געזעסען ווי אַ „מרוק״, פּונקט ווי נישט איהם מיינט מען, און האט זיך געקליבען די איהם אינטערעסירענדע אַרטיקלען, נאָר אַ פלעג־מאטישער שמייכעל האט זיך אויף אַנ׳אויגענבליק בעוויזען אויף זיין פּנים, און עפּעס אַ מוסקול האט זיך לייכט געריהרט אין זיינע באקעטע באקען.

און מערקווירדיג: דער דאָזיגער נפש, וועלכער איז פאר דער שטאדטישער געזעלשאפט געווען אַזוי פערשלאָסען, אַזוי אָבגעזונדערט, אַזוי שטיין־שטום און מיסטעריאיש, דער זעלבער נפש איז ביז צום נישט דערקענען איבערגעקעהרט געווארען, ווען ער האט זיך געפונען אין דאָרף צווישן זיינע קליענטען, דאָס הייסט צווישן די יונגע קאָזאקען און קאזאטשקעס. דאָרט

איז ער מיט אַמאָל געוואָרען לעבהאַפט, רעדעוודיג, וויציג, ריהרעוודיג צוּן פרעהליך, פונקט ווי דאָרט וואָלט ער זיך גע־פינען אין זיין עלעמענט, אין זיין געווינשטער סביבה און אין דער פאר איהם פאַסענדער אַטמאָספערע.

ווי אַ געניטער, דורכגעטריבענער פעדלער, וואס פערשטעהט די פסיכאָלאָגיע פון די נאַאיווע, לייכט־גלויבינע דאָרפישע קונים, און קען גוט דעם קונץ פון פעראינטערעסירען זיי מיט זיין קרעמעל, פלעגט „דער ווארשאווער" אריינפאָהרען אין יעדער סטאַניצע מיט אַ פייפעריי, מיט אַ זינגעריי, מיט הילכיגע גלעק־לעך אויפ'ן פערד, מיט אַ קנאַקעריי פון דער לאַנגער בייטש, אַזוי, אַז די גאַנצע סטאַניצע איז אין איין אויגענבליק געוואָהר געוואָרען, אַז „דער ווארשאווער" איז אָנגעקומען מיט זיין „צויבערפולען" שאַראַבאַן, און דער מאַרק־פּלאַץ איז גלייך פול געוואָרען פון דעם נייגיריגען דאָרפישען עולם. הויפּט־זעכליך פון יונגע בחורים מיט מיידלעך.

דא האט זיך מיראָן לאַזאַרעוויטש אויפגעשטעלט אויף דעם שאַראַבאַן, ווי אַ פאָלקס־רעדנער אויף דער טריבונע ער האט אויסגעגלייכט זיין איינגעהויקערטען רוקען, האט, אויף ווי־פיעל עס איז איהם מעגליך געווען, הויך אויפגעהויבען זיין איינגעזונקענעם קאָפּ, האט געוואָרפען פייערדיגע, כיטרע, קאָ־קעטירענדע אויגען אויף אלע זייטען, הויפּטזעכליך אויף די יונגע קאָזאַטשקעס, און מיט אַ מונטערן, בראַוואורנעם, אָריגינע־לען געזאַנג, אויף אַ צעקאַליעטשעטען רוסישען ארטיגען דיאַלעקט האט ער אָנגעהויבען אָבלויבען זיינע בראָשקעלעך, קעמעלעך, לענטעלעך, זייגעלעך, מעסעלעך, טיכעלעך און נאך אַלערליי תמרוקי הנשים, שיטענדיג דערביי מיט ענטשפּרעכענדע, געפּע־פערטע און געזאַלצענע וויצען, פון וועלכע דער עולם האט געקייכט פאר געלעכטער און האט געקויפט, האט געכאַפּט די כשר'ע מציאות.

„אָבאַרבייטענדיג” דעם מאַרק, האט ער זיך געזעגענט מיט זיינע קונים מיט א ספּעציעלען פּזמון, האט געמאַכט דערביי טיעפע, קאָמישע פּערנויגונגען אויף אַלע זייטען, האט א קנאַק געטוהן מיט דער בייטש, געמאַכט דעם פּערדעל א פּאָר קאָמפּלי־מענטען און איז אוועק אין דער צווייטער סטאַניצע, וואו עס האט זיך איבערגע׳חזר׳ט די פריהערדיגע קאָמעדיע, און אזוי כסדר, ביז ער האט זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים קיין כאַבאַ־רוואסק.

III

ווי נור ער איז אריבערגעפאהרען דעם אמור נעהנטער צו דער שטאדט, איז „דער ווארשאַווער” באַלד ווידער געוואָרען איינגעהויקערט, מרה־שחורה׳דיג, קאנצענטרירט אין זיך אַליין און שטום ווי א שטיין.

מענשען, וועלכע האבען געהאט די זכיה צו קענען איהם נעהנטער, האבען דאס ערקלערט מיט די צרות, וואס ער איז אויסגעשטאנען פון זיין ליעבהאַרציגער „רולצינעע”, ד. ה. פון דער קאזאטשקע יעוודאקיא טאראכאוונא מיט איהרע טייערע דריי תכשיטים.

אויף אַלע מיינע שאלות, מיט וועלכע איך האָב זיך גע־ווענדעט צו מיינע כאבאראָווסקער געשעפטס־פריינד, וועגען דער פערנאַנגענהייט פון „דעם ווארשאַווער” און וועגען דעם פער־ברעכען, צוליעב וועלכען ער איז בעשטראָפט געוואָרען מיט קאַטאָרגע, האב איך כסדר בעקומען איין ענטפער:

— גאָט ווייס איהם. א קרימינעלער קאַטאָרזשניק האָט פיינד צו רעדען פון זיין פערברעכען, בפרט, אזאַ עקשנותדיגער „מרוק”, ווי „דער ווארשאַווער”.

אזוי זענען אוועק יאָהרען און איך האב גאָרנישט גע־קאָנט דערגעהן וועגען מיין זאָנדערבארען קונדע.

נאר, ווי זאגט דער מאמר הרכם: „מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל״.

איך ווייס נישט פאר וועלכע מעשים טובים, נאר מיט דער צייט, שטופענווייז, האב איך אָנגעהויבען נושא חן זיין אין די אויגען פון מיראָן לאזארעוויטש.

עפּעס האט ער זיך בעצויגען צו מיר מיט מעהר צוטרוי, מיט מעהר רעספּעקט. עפּעס איז ער געוואָרען מיט מיר מעהר אָפענהערציג. ער האט מיר אפילו איינמאָל געמאַכט א קאָמפּלי־מענט, אז איך בעשטים פרייזען אויף מיינע ארטיקלען זעהר געוויסענהאַפט, און האָט מיר דאביי דערצייהלט, אז פאר מיר איז געווען מיינער א קאָנקורענט אין כאבאראָווסק, נאר ער האט ביי איהם נישט געקויפט, ווייל יענער נע־ונד׳ניק האט געמיינט אז ער האָט אָנגעטראפען אויף א „יאָלד״ און האט געוואלט פון איהם רייסען א פּאַס, ווידעראמאל האט ער, דיר נישט, מיר נישט, מיר אנגעהויבען פרעגען וועגען ווארשא, וועגען געוויסע ווארשאווער גאַסען פון די אידישע קווארטאלען, וועגען געוויסע ווארשאווער אידען, וועגען א געוויסען ווארשאווער אַדוואָקאט. אזוי־ארום זענען מיר ביסלעכווייז אלץ מעהר מקורב געווארען, ביז איך האב מיר אָנגענומען מיט דרייסטקייט און האב איהם אוועקגעשטעלט די פראַגע, ווי מען זאגט, אויפ׳ן שפּיץ מעסער.

פארגעקומען איז דאס ביי פאָלגענדען אומשטאנד.

איינמאָל, אין א צוויי־דריי טעג נאך מיין אנקומען אין כאַבאַראווסק, קלאפּט מען אין מיין טיהר. דערקען איך, אז דאס קלאַפּט „דער ווארשאווער״, רוף איך זיך אָן „אריין״, קומט אריין מיראן לאַזארעוויטש. בעגריסען מיר זיך, כנהוג, און איך לאָד איהם איין צום טיש, צו מיין קאָלעקציע, הייסט עס.

שטעהט ער און קראַצט זיך אין אויסגעקראָכענעם קאָפּ און שווייגט.

זאָג איך צו איהם נאָך אמאל:

— נו, מיראָן לאזארעוויטש, זעצט אייך צו דער אַרבייט.

שמייכעלט ער צו, טהוט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און רופט זיך אָן:

— ניין, ווענִיאַמין יאַקאָוולעוויטש. קיין קראַם סחורה, ווי שטענדיג, וועל איך היינט נישט נעהמען, ווייל איך האב קיין געלד נישט. איך האב זיך לעצטענס אביסל פערשפּעקולירט. נאר אויב איהר קאָנט מיר קרעדיטירען אביסעל סחורה אויף א פינף-זעקס הונדערט רובל ביז צום קינפטיגען זונטאג, דאס הייסט, אויף א טאָג אכט, וואלט איך אייך געזאָגט „ספּאַסיבא״. אין וויערינא איז דינסטאג א יריד, בעדארף איך האָבען א ביסעל סחורה צו בעשמעלצען מיין קראַם. שבת קום איך צוריק, און זונטאג פריה רעגוליר איך אייך די רעכנונג.

פון דעם טאָן, פון דעם שטעהן זייגעם און פון דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט האב איך בעמערקט, אז ער איז אין און גרויסע ספקות, צי איך וועל איהם אָנגעטרויען די עטליכע הונדערט רובל, און ווען איך האב איהם געענטפערט בתשואות חן:

— „מילאָסטי פּראָסים״, מיראָן לאזארעוויטש. איהר קאָנט נעהמען אפילו אויף גאַנצע טויזענד רובל, שאַדט נישט איהר וועט מיט מיינע טויזענד רובל נישט אַנטלויפען — איז דאס געזיכט ביי איהם געווארען ליכטיגער מונטערער זיינע אויגען האבען אויף מיר א בליק געגעבען מיט דאַנקבארקייט, ער האט זיך געזעצט צום טיש און האט אָבגעקליבען א קראָם, וואס האט אָנגעטראָפען טאקי נישט מעהר ווי זעקס הונדערטער

VI

[illegible] אין אכט טעג אַרום, דאס ד׳ סט אין פערשפראָכענעם זונטאג, צעהן אזייגער אין דערפריה, ווען דער נומערא־ווי האט נאר וואס ארייגעטראגען דער סאַמאָוואר מיט כל־טוב, און איך האב זיך געזעצט פריהשטיקען בהרחבה, האט מען אָנגעקלאַפּט אין טהיר, און אין נומער איז ערשינען „דער וואַר־שאווער“ מיט שפּאָגעל־נייע זעקס יעקאַטערינבעס אין דער האַנד.

— זדאַרוואוואוטיע, — האט ער זיך אָנגערופען מוטיגער און פרייער, ווי געוועהנליך, און האט פאר מיר אַוועקגעלעגט מיט שטאָלץ די זעקס אַסיגנאַציעס, זאגענדיג: — אט האט איהר אייער חוב. ספּאַסיבאָ וואם, אי פּראָשטשאַיטיע.

דאס זאגענדיג, האט ער זיך געלאזט געהן צו דער טיהר נאר איך האב איהם פערהאלטען, אנרופענדיג זיך:

— ניין, מיראָן לאַזאַרעוויטש, דאס געהט נישט. היינט איז זונטאג, קיין געשעפטען מאַכט מען נישט, איך האב צייט, איהר מסתמא, האט אויך צייט. איך האב אייך צום ערשטען מאָל קרעדיטירט, איהר האט פּינקטליך דערהאלטען דעם טער־מין, נו, בעדארף מען דעם עסק בענעצען. זעצט אייך, און מיר וועלען צוזאַמען פריהשטיקען.

מיראָן לאַזאַרעוויטש האט זיך אפּאָר סעקונדען געשלאָגען מיט דער דעה און האט ענדליך אמאַך געטוהן מיט דער האנד ווי איינער זאָגט: „זאָל מיינס איבערגעהן“, אנרופענדיג זיך:

— נו, מילא, פריהשטיקען — איז פרישטיקען.

ער האט זיך געזעצט צום טיש, די סעודה האט זיך אָנ־געהויבען אויף אוואָיאַזשאָרישען אופן, דאָס הייסט, מיט אגלע־זעלע קאָניאַק, וועלכעס האט זיך עטליכע מאָל איבערגעחזר׳ט, ווי דער לייט־מאָטיוו אין אמוזיק־שטיק, און נאך דעם דריטען,

צי דעם פיערטען גלעזעלע, זענען מיר ביידע געוואָרען מונטער־רער, מקורב׳דיגער, אונזערע צונגען האָבען זיך פונאנדערגע־פלאָכטען, א מעהר פערטרויליכער שמועס האט זיך פערקניפט, און אויף מיין פראגע, ווי אזוי האט ער זוכה געווען צו בעקו־מען פראוואזשיטעלסטוואָ אין אזא אַמורער פראָווינץ, וואוהין אפילו א סתם דיפלאָמירטער איד טאר נישט אריינשמעקען, האט ער זיך הערצליך צעלאַכט און מיר גענומען דערצעהלען אזא מין געשיכטע:

V

„— אין ווארשא איז דא א געסעל, א קורץ געסעל, א שמו־ציג געסעל, ווי די אָרימע קליינע געסלעך אין דער אידישער געגענד. האט אין איינעם פון די הויפען אין דעם דאָזיגע גע־סעל. אין אַנ׳אַלטער הילצערנער אָפיצינע, אויפן ערשטען שטאק, דאס הייסט אין אַנ׳ענגער, בידריגער, קאַלטער און פייכטער פאַ־ציאַטע, געוואוינט אַנ׳אַלטער איד, אַנאַלמן, לוזער שמאַגט, אַנ׳ארי־מער שלאסער. דאס איז געווען מיין טאַטע, לאַשאַלעם. מיך האט מען גערופען איטשע מאיר, נאכן אלטען גערער צדיק, ווייל מיין טאַטע, לאַשאַלעם, איז געווען א גערער חסיד. ביז בר־מצוה בין איך געגאַנגען אין תלמוד־תורה. איך בין טאקי נאר „ג ע ג א נ ג ע ן", ווייל דער טאַטע האט מיך אהין געטריבען מיט שטעקענס. מילא בין איך געגאַנגען, אבער לערנען, לא מיט א פזר. איך האב נישט געוואלט און טהו מיר עפעס. —

געזעהן אז פון מיר וועט שוין אין תלמוד־תורה קיין לייט נישט זיין, האט מיר דער טאַטע, לאַשאָלעם נאך בר־מצוה גענומען צו דער אַרבייט, דאס הייסט צו שלאסעריי.

„— די דאזיגע אומנות איז מיר גראד געפעלען. א שלאַם

מיט א קלינג, א שלאָס מיט א סעקרעטעל, א שלאָס מיט עפּעס א קנעפּל אַנשטאט א שליסעל, די דאָזיגע קונץ־שטיקער האָבען מיך פּעראינטערעסירט. איך האָב זיך גענומען צו דער מלאכה מיט אלע חושים, און אין גאַר א קורצער צייט האב איך אי־בער געשטיגען מיין רבין, מיין טאַטען, לאָשאלעם הייסט עס.

האָבען מיר זיך אַזוי געאַרבט צוזאַמען פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ווען דער אלטער האט אנגע־הויבען אָבשטעהן, געוואָרען שוואַך, אָנגעהויבען הוסטען, קרעג־קען, און די גאַנצע לאַסט איז געפאַלען אויף מיינע פּלייצעס, האב איך אַליין געמוזט אַרבייטען פאַר צוויי, און האָב גע־אַרבייט.

„— דער אלטער האָט נישט לאַנג אנגעצויגען. ער האט נאך געהאַט די זכיה צו דערלעבען פון מיר נחת, דאס הייסט, מיך פיהרען צו דער חופה טאַקי מיט זיינער א שוועסטערן־טאָכ־טער, אַנאָרימע יתומה, דבורה־לאה האט מען זי גערופען, און פּונקט א חודש נאָך אונזער התונה איז געווען די לויה.

דא איז „דער ווארשאווער" פּלוצלונג שטיל געבליבען. זיין ברוינליך־רויט געזיכט איז אויף א סקונדע בלאַס געוואָרען. דורך זיינע באַקעטע באקען איז דורכגעלאָפען א נערוועזער צי־טער, ער האָט ראפּטעם, נישט קוקענדיג אויף מיר, אויסגעלע־ערט א גלעזעל קאָניאַק און האט פאָרגעזעצט:

IV

„— א שווער לעבען האבען מיר געהאַט. קיין שלאָסערס האבען נישט געפעהלט אין יענער געגענד. די קאָנקורענץ איז געווען זעהר גרויס. און אידען ווילען נישט וויסען. א שלאָסער א קינסטלער, א שלאָסער א פּושער אַלץ איינס. מען געהט צו־

יענעם, ווער עס פערלאַנגט וועניגער פאַר דער אַרבייט מיטן בלוטיגען שווייס זעכצעהן שעה אין מעת לעת און געהאַט קדחת. —

איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, צו מאכען אַ נייעם מין שלאָס מיט אנאויסטערלישער, זעהר קאָמפּליצירטער קאָנסטרוקציע. דאס הייסט אַזאַ צאַצקע, וואס ווארשא האט נאך קיינמאָל נישט געזעהן. האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבייט מיטן גאַנצען קוראַזש מיט דער גאנצער ענערגיע האט געבלענדעט די אויגען. געבויגען דעם קארק, געבראָכען די פינגער, אָנגעשטרענגט מיין מוח נאַכט-איין, נאכט-אויס, ווייל בייטאג האט מען געמוזט אַרבייטען אויף לחם לאכול, און נאך אַ דריי חדשים זמודנער, מאָזאָלנער ארבייט האָב איך מיין ערפינדונג געהאַט פערטיג.

„— איך האָב גענומען דעם שלאָס האָב איהם פערפּאַקט אין אַ שעהן שעכטעלע, האָב אָנגעטוהן מיין שבתדיגע איבערראָק און ביז אוועק אויפן גזשיבאָוו צו די סוחרים. איך בין אריין צו פּריוועסן, צו נייפעלדן צו די גרעסטע סוחרים הייסט עס. האָב זיי געוויזען מיין שטיקעל ארבייט, האָב זיי ערקלערט די קאָנסטרוקציע. זיי האָבען בעקוקט בעטראַכט, געדרעהט אַהער, געדרעהט אהין, און שווייגענדיגערהייד מיר צוריקגעגעבען דעם שלאָס. וואס איז? בכן, דער שלאָס איז נישט פּראַקטיש, עס קאָלקולירט זיך נישט, מיט איין ווארט אַ חוזק, אַ בוידעם אַ נעכטיגער טאָג.

בין איך אַוועק צוריק אַהיים ווי נישט מיט מיינע פיס, פּונקט ווי אַ רוח וואָלט מיך געטראָגען, איך האָב פשוט נישט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. עפּעס האט מיר געקלונגען אין די אויערען, עפּעס האט מיר גענאָגט ביים האַרצען און פאַר די אויגען זענען אַרומגעפלויגען פייערדיגע פינטעלעך.

„— נישט טויט נישט לעבעדיג בין איך אריינגעפאלען אין מיין וויסטער נארע, האב נישט גערעדט קיין ווארט, האב פון זיך אראפגעווארפען דעם שבתדיגען מלבוש, האב געכאפט א האמער און האב צעהאקט אויף שטיק־שטיקלעך אין איין מינוט דעם שלאס, איבער וועלכען איך האב מיט אזוי פיעל כוחות, מיט אזוי פיעל גייסט און מיט אזוי פיעל האפנונג געארבייט גאנצע נעכט אין משך פון דריי חדשים...

— משוגענער. וואס טהוסטו? — האט מיין דבורה־לאה גענומען שרייען און געוואלט ארויסרייסען דעם האמער פון מיינע הענד. — וואס טהוסטו, די ווילדער כעסן?

געה אוועק! האב איך א געשריי געטהון און האב זי אבגעשטויסען, טאקי ווי א ווילדער כעסן. — געה אוועק, ווארום איך וועל דעם גאנצען ווארשטאט באלד צעהאקען... איך וועל דיין קאפ אויך צעהאקען, געה אוועק!

„— דבורה־לאה האט זיך מיט א געוויין אבגעטראגען, איך האב דעם ווארשטאט נישט צעהאקט. נאך דעם ווי מיין שלאס איז שוין געווען אינגאנצען פערניכטעט, האב איך דעם האמער אוועקגעווארפען, נור די שלאסעריי איז מיר נמאס געווארען, איך האב נישט געקאנט קאלטבלוטיג קוקען אויף מיינע איב־סטרומענטען, און בין געזעסען גאנצע טעג מיט פערלעגטע הענד און מיט א פערזארגטען קאפ.

VII

— עס איז אוועק א שטיקעל צייט האבען זיך אנגעהויבען פערשפרייטען קלאנגען, אז אין דער אידישער געגענד האבען זיך בעוויזען פאלשע פערציג־גראשען־שטיקלעך, אבגעאר־בייט זענען זיי קונצליך, בריה׳יש, ממש ווי די אמת׳דיגע, נור

דער קלאַנג זייערער איז אַ פערטויבטער, אַ הייזעריגער, נישט ווי פון זילבער, נור ווי פון בליי, אָדער פון צין. מילא האט זיך די געהיים־פּאָליציי גענומען צו דער אַרבייט, האט אָנגעהויבען גוט נאָכשפּירען, ביז זי איז דערגאַנגען, אַז יעדען פריה־מאָרגען געהט ארויס אַ אידענע פון דעם הויף, וואו איך האב געוואוינט, פערקעהרוועט יעדען טאג אין אַן׳אַנדער גאַס, געהט אריין יעדען טאג אין אַן׳אַנדער געוועלב, קויפט איין טהיי, צוקער, קאַווע, פלייש, פיש און נאָך אנדערע זאכען, און צאָהלט מיט די פאלשע פערציגערס. אזוי ארום איז פּאָליציע געקומען אויף דעם ריכטיגען שליאד.

„— איינמאָל, אזייגער צוויי אין דער נאכט, ווען איך מיט מיין דבורה־לאה׳ן זענען זיך געלעגען אין בעסטען זיסען שלאָף, הערט זיך פּלוצלינג אַ וואַלערייי אין אונזער טהיר מיט אַ בייזען קול: „עפען אויף!“.

„— מילא דבורה־לאה, פערשטעהט איהר מיך, איז געווען בישט טויט, נישט לעבעדיג, זי האט אנגעהויבען ציטערן, און די צייהן אין מויל האבען איהר אָנגעהויבע גרעגערן, פונקט ווי אין גרעסטען קדחת, נור איך בין מיר געלעגען כלומרשט רוהיג און האב געפרעגט אויך מיט אַ בייזען קול:

— ווער טראַסקעט דארט, צו די אלדע שוואַרצע יאָהר?— נור אנשטאָט אַנ׳ענטפער האט זיך דערהערט אַ בייער טראַך אין טהיר אין דער פריהערדיגער קול האט זיך נאך בייזער אָנגע־רופען:

— די עפענסט צי ניין, דו זשיד קאַנאליע!

— בין איך אראָב פון געלעגער האב אויף זיך ווי עס איז ארויפגעוואָרפען מיינע לאַכעס, האב געעפענט די טהיר, און אין מיין דירה מ׳שטיינס געזאָגט האט זיך אריינגעשאָטען אַ גאנצע מחנה לאפּאַטשעס, סטויקאָוועס, רעוויראָוועס מיט דעם קאָמיסאַר אין דער שפּיץ.

קודם־כל האָט זיך דער קאָמיסאַר גענומען צו מיין דבורה־לאה׳ן, און זי געפרעגט:

— וואו האָסטו גענומען די פאַלשע פערציגערס, מיט וועלכע דו ביסט יעדען טאָג געגאַנגען אין גאַס איינקויפען?

— ליבהאַרציגער פריץ־לעב, — האָט זיך דבורה־לאה אָנגערופען מיט אַ געוויין און עס האָט איהר געוואָרפען אַ צאָהן אין א צאָהן, — איך זאָל אזוי בעהיט זיין פון צרות, ווי איך האָב נישט געוואוסט, אַז די פערציגערס זענען פאַלשע.

— וואו האָסטו זיי גענומען פרעג איך דיר.

— וואו זאָל איך זיי געהמען, פריץ־לעב? וואו נעהמט יעדע ווייב? ביים מאַן. וואו דען? האָטס רחמנות, פריץ־לעב — האט דבורה־לאה נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען כליפּען און גע־וואָלט פאַלען דעם קאָמיסאַר צו די פיס, נור דער קאָמיסאַר האָט ברוטאַל אויסגעשריען; „פּאָשלא וואָן, סטיערווא!” און האָט איהר ווייטער געפרעגט:

— און וואו האָט דיין מאַן גענומען די מטבעות! ווען האָט ער זיי געמאַכט?

— איך זאָל אַזוי בעהיט זיין פון צרות, און איהר אויך, ווי איך הויב נישט אָן צו וויסען.

— אמת, פּאַניע קאָמיסאַרזשע, — האָב איך זיך דאָ שוין אריינגעמישט, — מיין ווייב ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגען. זי איז גאָט די נשמה שולדיג. איך האב איהר יעדען פריה־מאָרגען געגעבען דאָס געלד און איהר בעפוילען, זי זאָל געהן יעדען טאָג איינקויפען אין אַנ׳אנדער גאַס. אז זי האט מיך גע־פרעגט; „פאר וואס? פאר ווען?” האב איך איהר געענטפערט: „דאס איז נישט דייך באבעס עסק, אזוי הייס איך, און פּטור. זי האט נישט געוואוסט, פּאַניע קאמיסארזשע, איך שווער אייך, ווי איך בין אַ איד, אז זי האט נישט אנגעהויבען וויסען. ווייסט

איהר דען נישט, פּאַניע קאַמיסאַרזשע, אַז פאַר וועבער טאָר מען קיין סוד נישט ענטפּלעקען?

— נו, און פאַר מיר וועסטו דעם סוד יאָ ענטפּלעקען?— האט מיר דער קאָמיסאר לאַגאדנע און כיטרע געפרעגט און ער מיט זיין סוויטע האבען זיך דערביי שטארק צעלאכט.

„— איך, נארישער איטשע מאיר, בין פּלוצלינג צוליב זייער פרעהליכען געלעכטער געוואָרען מונטערער, מוטיגער, האב איך פלומרשט צוגעלאכט און האב געענטפערט וואוילעריש:

— נאך וואס זאל איך ענטפּלעקען, פּאַניע קאמיסארזשע? אט וועט איהר זוכען, וועט איהר מסתמא אליין דעם סוד געפינען.

— דו ענטפער מיר אויף מיין פראַגע, און זיי נישט אזא חכם. דו האָסט פאבריצירט די פאַלשע מטבעות?

— נישט נור איך, פּאַניע קאָמיסאַרזשע, — האב איך ווייטער געענטפערט וואוילעריש, — אלע האָבען פאַבריצירט.

— וואס הייסט אַלע? ווער אַלע?

— אַלע פּאַניע קאָמיסאַרזשע. יעדער, ווער עס איז נאר צו מיר געקומען האט געמאַכט די מטבעות. אט אפילו איהר, פּאַניע קאָמיסאַרזשע, האט אויך געמאכט א פאַלשען פערציגער...

— וואס?! — האט דער מאָסקאל אויסגעשריען. — דו מאכסט חוזק? דו מאכסט זיך כלומרשט פאר א נאַר. נו, נו דו ווילסט נישט זאגען, ווי אזוי דו האָסט געפעלשט און מיט וואס דו האָסט געפעלשט דאס מלוכה-געלד? אַנו, רעביאטא, נייהמט אייך צו דער ארבייט. הויבט אָן זוכען!

VIII

— די לאַפּאַטשעס מיט די סטויקאָוועס האָבען זיך פליי

טיג געגומען צו דער אַרבײט, מ'האט געמאכט ממש א חורבן אין דער פּאַציאַטע. מ'הײט אויפגעריסען די צעפּוילטע ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, מ'האט צעלעגט דאס אויוועלע, מ'האט איבערגעקעהרט מײן װארשטאט, מ'האט צעריסען די סיעניקעס, מ'האט געזוכט אויפ'ן בוידעם, מ'האט דורכגעטרײסעלט יעדעס װינקעלע, די רעװיזיע האט געדויערט א פּאָר שעה, און מ'האט גארנישט ענטפּלעקט, װאס זאל קאנען אָנװײזען אויף מײן פערברעכערישער אַרבײט.

„— װען די רעװיזיע איז שוין בעװען געענדיגט, און די לאפּאַטשעס זענען געשטאַנען װי די בעמלאכה'טע, מיט לאַנגע נעזער, און האָבען אויף מיר געקוקט, װי דער האָהן אויפ'ן בני־אדם, האט זיך צו מיר דער קאָמיסאַר געװענדעט בזו הלשון:

— ענטפער קורץ, דו װילסט זיך מודה זײן, צי דו װילסט זיך נישט מודה זײן" יאָ, צי נײן? לאנג װעל איך דא מיט דיר נישט טענה'ן. דארט אין צירקעל, װעסטו שוין בײ מיר רעדען.

„— איך האב גוט געװאוסט מיט װעלכע מיטלען מ'מאַכט אין צירקעל רעדעװדיג, איז מיר קאַלט געװאָרען אין אלע גלידער. און דערצו האָט דבורה־לאה פלוצלונג, דיר נישט, מיר נישט, זיך א װארף געטהון אויף מיר מיט א געװײן, מיט א יאָמער: „זײ זיך מודה, איטשע־מאירשי, זײ זיך בעסער מודה דא, אינדערהײם, מיט גוטען. דארט װעט מען דאך קאַטעװען, פּײניגען. זײ זיך מודה".

„— האב איך זיך מודה געװען. איך האב צוגעפיהרט דעם קאָמיסאַר צו דער טהיר און האָב איהם ערקלערט, אז אין דער טהיר איז אדײנגעפראַװעט אזא מאשינדעל, אזא שטעמפּעל הײסט עס מיט אזא קאָנסטרוקציע, אז װער עס סהוט א קװעטש די קלאַמקע, דריקט אָב א פּערציגער. אט פּרובירט א קװעטש

טהון די קליאַמקע, פאַניע קאָמיסאַרזשע וועט איהר באַלד מאַכען אַ פאַלשען פערציגער.

„— חברה האבען זיך אָנגעקוקט פערוואונדערט. דער קאָמיסאַר האט צוגעשמייכעלט און האט אַ דריק געטהון די קליאַמקע. איך האב געעפענט אַ סעקרעטנע ברעטעלע, און האב ארויסגענומען 2 שפּאָגעל נייע פערציגער. דער קאָמיסאַר האט נאָך אַמאָל אנגעקוועטש די קליאַמקע, און איך האב נאָכאַמאָל ארויסגענומען אַ פאַלשען פערציגער.

— נו, זעהט איהר, פאַניע קאָמיסאַרזשע, אַז איך האב נישט געמאַכט חוזק, זאָגענדיג, אַז ווער עס איז צו מיר געקומען, האט געמאַכט פאַלש געלד, און אַז איהר אַליין האט אויך געמאַכט אַ פאַלשען פערציגער, ווען איהר זענט אריינגעקומען נור איך שווער אייך נאָכאַמאָל, אַז זי האט נישט געוואוסט פון קיין פּתרון און פון קיין חלום. קיין שום לעבעדיגער נפש האט נישט געוואוסט פון דעם דאָזיגען סוד.

„— וואס זאָל איך אייך פיעל ברייען? מיר זענען ביידע אָבגעזעסען מעהר ווי אַ יאָהר אין פּאַוויאַק. דבורה־לאה׳ן האט דאס געריכט פריי־געשפּראָכען, ווייל זי איז טאַקי נעבעך געווען אונשולדיג, און מיך האט מען פערמשפּט צו 4 יאָהר קאַטאָרגע. ווען מ׳האט מיך פערשיקט איז דבורה־לאה שוין נישט געווען אין וואַרשע: זי איז אַוועק צו איהר ברודער קיין אַרגענטינאַ...

א סיבירער ראמאן

אין טאָבאָלסק, וואו דער גרויסער דאָסטאָיעווסקי האט צעהן יאָהר געשמאַכט און איז געפּייניגט געווארען אין „טויטען-הויז“. וואו ס'איז „נתגלה“ געווארען ראַספּוטין און וואו ניקאָלאַי דער צווייטער מיט זיין פאמיליע זענען אָבגעקומען זייער ערשטען גלות, האט מיט יאָהרען צוריק פּאַסירט דער פאלגענדער מערקווירדיגער קוריאָז:

צוויי חבר'טעס זענען זיי געווען. אין איין טאג האבען זיי ביידע אָנגעהויבען געהן אין טאָבאלסקער גימנאַזיום און אין איין טאָג האבען זיי ביידע דאס גימנאַזיום פערלאזען, און ביידע האבען געהייסען אָלגא סעמיאָנאוואַ, נור אום זיי צו אונטערשיידען, האט מען איינע גערופען אַלגאַ די בלאָנדינע, און די צווייטע — אָלגא די ברונעטע.

אלגא דער בלאָנדינעס פאטער איז געווען סעמיאן אַרקאדיעוויטש, א פערשיקטער „ניהיליסט“ וועלכער האט בלויז אין די אָפיציעלע דאָקומענטען פיגורירט אלס פּראַוואסלאַוונער, פּאַקטיש אבער איז דאס געווען א מענש אָהן א שום גלויבען און א קאסמאפּאָליט פון די אלטע ראָמאַנטישע צייטען.

אין טאבאלסק איז ער געווען א אָנגעזעהענע פערזענליכקייט, די רעכטע האנד ביים גובערנאטאר און זיין גאַנצער בעל-יועץ.

אָלגא דער ברונעטעס פאטער איז געווען סעמיאָן יעווסיעוויטש, א איד, א זוהן פון א ניקאָלאיעווסקי סאָלדאט, א רייכער פרוכט-הענדלער און א אָנגעזעהענע פיגור אין פאָבאָלסקער אידישער קהלה.

סעמיאָן ארקאַדיעוויטש האט געהאט צוויי קינדער, אלגא און ארקאדי, האט ער זיי ערצויגען אויף זיין אופן, ווייט פון וועלכען עס איז רעליגיעזען, אדער נאציאנאלען שאוויניזם, ווייט פון וועלכען עס איז פאראורטייל נעגען אנדערע מענשען, און האט אין זיי ענטוויקעלט טאלעראַנץ אויף דער העכסטער מדרגה.

סעמיאָן יעווסיעוויטש האט מעהר ווי די אָלגא נישט געהאט, נור מיט איהר ערציהונג האט ער זיך ווענינ וואס בעשעפטיגט. זי אריינגעגעבען אין גימנאַזיום אויז פטור.

האבען זיך דיביידע אלגאַ סעמיאנאוונעס שטארק בעפריינדעט. צוזאמען געזעסען אויף א שול-באַנק, צוזאמען געמאכט די אוראָקען, צוזאַמען שפּאַצירט און צוזאמען פערבראכט די וואקאַציעס אין סעמיאָן יעווסיעוויטש'ס ווילע אויפ'ן אוראל.

— אליעטשקא! — האט זיך איינמאָל אין א העלען, מאַיאָווען לבנה-אווענד אנגערופען מיט א שווערמעריש-מעלאנכאָלישער שטים די ברונעטע אלגא צו דער בלאנדינער און דערביי טיעף אָבגעזיפצט. — פארוואס האב איך נים קיין ברודער?

— אליעטשקא! און וואס וואלט געווען, ווען דו וואלסט יא געהאַט א ברודער? — האט געפרעגט די בלאנדינע.

— וואלסטו זיך אין איהם פערליבט.

— אזוי ווי דו אין מיין ברודער?...

— אלגא, וואט פאלט דיר איין? — האט זיך די ברונעטע מכלומרשט בעליידיגט. און איהר געזיכט איז אונטער די בלייכע שטראהלען פון דער לבנה רויט געוואָרען.

— פפע, אַליא, — האט זיך אָבגערופען די בלאָנדינע.
— פאַר מיר האָסטו סודות? פאר מיר? ווייס איך דען נישט? זעה איך דען נישט, אז דו ביזט צו אַרקאַדי'ן נישט גלייגילטיג? „קיין אָהל בעהאלט מען נישט אין אַ זאַק".
— און ארקאדי? — האט געפרעגט די ברונעטע, נישט קוקענדיג א-הר חברטע אין געזיכט.
— ארקאַדיא איז מיט מיר אָפענהערציג, ווען ער רעדט פון דיר ווערט ער אַזוי בעגייסטערט, אזוי פערענדערט... נור ער האט מיר בעשוואָרען, איך זאָל דיר גאָרנישט דערצעהלען, ביז ער וועט זיך דיר אליין נישט ערקלערען.
— און דו ווילסט מיך האבען פאַר אַ שוועסטער?
אנשטאט אַן ענטפער האט די בלאנדינע צוגעדריקט די ברונעטע צו איהר ברוסט.

* *

אין אַ קורצע צייט ארום איז אויף דעם זעלבען אָרט ביי דעם שיין פון דער לבנה מיט די שטערען, געשטאנען אויף די קניע פאר אָלגא סעמיאָנאווא, די ברונעטע, ארקאדי סעמיאָנאָוויטש, האט צוגעדריקט איהר האנד צו זיין פיבערהאַפט שלאָגענדער ברוסט און איהר צוגעשווארען אייביגע ליעבע.

סוף חודש יוני, נאָכדעם ווי עס איז אין רעקרעאַציאָן-זאַל פונם טאָבאלסקער מעדכען-גימנאזיום געפייערט געווארען אין געגענווארט פון די עלטערן דער אַקט פון צעטיילען די מאַטורעס, און דער דירעקטאָר האט אלגא סעמיאנאוונא דער ברונעטער איבערגעגעבען די מאטורעס צוזאַמען מיט אַ גאלדענער מעדאל, האט זיך צו איהר, שוין זייענדיג אין דער היים, דער שטאלצער און גליקליכער סעמיאָן יעווסעיעוויטש געווענדעט מיט די ווערטער:
— זאָג, טאכטערשי, מיט וואס זאל איך דיר בעלויגען פארן כבוד, וואס דו האסט מיר פערשאפט?

— מיט דיין ברכה צו מיין חתונה מיט ארקאדי סעמיאָ־ נאָוויטש. — האט זי געענטפערט.

— וואס? — האט דער פאטער געפרעגט אערשטוינטער און זיך געווענדעט צו זיין פרוי, סארא וואסילעוונא — דו האסט פערשטאנען?... אלגא, וואס זאל דאס בעדייטען?

— אז מיר האבען זיך ליעב און פעסט בעשלאסען חתונה האבען. זיינע עלטערן זענען איינפערשטאנדען.

— דאס הייסט אציווילע, אונגעזעצליכע חתונה?

— פאר וואס אונגעזעצליך?

— ווייל ער איז אפראוואסלאַוונער און דו ביזט אאידיש קינד.

— וועל איך אויך ווערען אפראוואסלאוונע. פאפּאָטשקא, איז דאס דען נישט אנארישע קאמעדיע? וואס פאר אפראוואַ־ סלאַוונער איז ער? אָדער וואס פאר אאידין בין איך? און דע־ ריבער זיך אָבזאגען פון אונזער גליק?

סעמיאָן יעווסעיעוויטש איז בטבע געווען אקאלטבלוטיגער, בערעכענטער מענש, און אהן ישוב הדעת האט ער קיינמאל נישט געזאגט „יא" אדער „ניין", האט ער אויך אצינד דער בת־יחידה געענטפערט, אז ער מוז זיך די זאַך איבערלעגען.

* *

אין אָפאר טעג ארום האט סעמיאן יעווסעיעוויטש ארייג־ גערופען אלגאן צו זיך אין קאבינעט און אין דער אנוועזענהייט פון סארא וואַסיליעוונא צו איהר אזוי געזאגט:

— נו, אָליעטשקא, די מאמאשאַ און איך האבען בעשלאָ־ סען נישט שטערן אייך אין אייער גליק און אייך געבען אונזער ברכה, נור מיט די פאלגענדע תנאים: דו מיט ארקאדין וועסט, חי ביז איצט, אויך נאך דער חתונה בלייבען ביי מיר אין הויז, עסען ביי מיין טיש און אונז קיינמאָל נישט פערלאזען. דאָס ערשטע קינד וואס דו וועסט מיט גאָטס הילף האָבען, אויב דאָס וועט זיין אָטאכטער, ווערט עס זיין דיין קינד און דו וועסט

עס קענען טויפען, אזוי ווי דאס געזעץ פאָדערט. נור טאָ־
מער וועט דאס זיין אַ זוהן, מוז ער זיין אונזערער, דאס
הייסט מיינער און דער מאמאשעס. ער וועט מוזען זיין אַ איד,
טראגען מיין טאטענס נאמען און זיין אונזער קדיש־זאגער. דו
גיב איבער מיינע ווערטער ארקאַדיען, און נאך דעם, ווי איהר
וועט ביידע דערויף איינוויליגען, וועלען מיר אייך בענשען צו
דער חופה.

אבער, פאַפּאטשקע, א קינד, וואס ווערט געבוירען פון
פּראַוואסלאַוונע עלטערן, מוז דאך ווערען איינגעשריבען אין די
מעטריקע־ביכער ביי דער קירכע, מוז ווערען געטויפט, און קאָן
בשום אופן קיין איד נישט זיין.

— דאס איז שוין מיין דאגה, טאכטערשי. איהר דאַרפט
נור דערויף איינגעהן און האלטען די זאך בסוד.

ס'האט נישט לאַנג געדויערט האט אַרקאדי סעמיאָנאוויטש
מקדש געווען אָלגא סעמיאנאוונע די ברונעטע כדת פעטער
ופּאוועל, די מחותנים האבען זיך געגעבען די הענד, און טאַ־
באַלסק האט א געוויסע צייט געהאט פון וואָס צו רעדען.

די האָניג־חדשים זענען אוועק, עס זענען אָנגעקומען
זויערע און געזאַלצענע וואָכען, דאס יונגע ווייבעל האט זיך
געריכט אין קינדבעט, און פאר סעמיאָן יעווסעיעוויטש איז
אויפגעשוואומען מיט איהר גאַנצער ערנסטקייט די פראַגע, ווי
אזוי געהט מען אום דאס געזעץ און מ'מאכט דאס אייניקעל
פאר זיינס א קינד, פאלס ס'וועט געבוירען ווערען א אינגעל?

נור, ווי זאגט מען עפעס: „וואו תורה, דארט איז שמד־
שטיק". און הגם דער טאבאלסקער אָנגזעהענער איד איז קיין
מודא'דיגער למדן נישט געווען, דאך קיין שמד־שטיק האט איהם
נישט געפעהלט, און נאך עטליכע טעג אַרבייט מיט'ן מוח האט
ער די הארבע שאלה פערענטפערט ווי דער גרעסטער חריף.

אַנ׳אַקושערקע איז אין טאַבאָלסק געווען, וואַסיליסאַ איגנאַטיעוונאַ, טאַקי סארא וואַסיליעוונאַ׳ס אַ קרובה. האָט זיך סעמיאָן יעווסעיעוויטש איהר אָנפערטרויט מיט זיין פלאַן, האָט איהר גוט אריינגעקנעלט ווי און וואס זי האָט צו טהון. און ווען ס׳איז געקומען די צייט, און אלגאַ סעמיאָנאָווא די ברונעטע האָט זיך געלעגט אין קינדבעט און געבוירען אַ בן־זכר, איז סאראַ וואַסילעוונא אויך געלעגען געוואָרען, און גלייך צומאָרגענס האָט זיך אין טאָבאָלסק פערשפרייט די סענסאציע, אַז סיי די מאמע סיי די טאכטער זענען אין דער פערגאַנגענער נאַכט געלעגען געווארען, נור דאָס יונגע ווייבעל נעבעך האָט מפּיל געווען, ווערענד סאראַ וואַסילעוונא האָט געבוירען אַ יונג מיט ביינער.

צום אַכטען טאג האָט מען דעם יונג מל געווען, איהם אַ נאָמען געגעבען יהושע בר שמעון, אָדער יעווסיי סעמיאָנאָוויטש, אַ ברית איז געפּראַוועט געווארען כיד המלך, און דער ראמאַן האָט זיך געענדיגט מיט אַזאַ מין שאראדע: פון דער באָבע איז געווארען אַ מאמע, פון זיידען אַ טאַטען פון דער מאַמע אַ שוועסטער און פון טאַטען אַ שוואָגער.

אויף א „פאָוסטאַניעץ”.

אין מינוסינסק איז מיר אויסגעקומען צו בלייבען שבת־של־חנוכה, און אַזוי ווי מיינעביידע דאָרטיגע אידישע קונדען, רובין סאַמואילאָוויטש און סאַמואיל רובינאָוויטש, דער ערשטער א געוועזענער ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט און דער צווייטער טאַקי זיינער אַ זוהן, זענען ביידע געוועזען זעהר „נאַבאָזשנע”, און ביז נאך דער „מאַליטווע” האָבען זיי געהאַלטען פערשלאָסען זייערע „לאַווקעס” אום שבת, בין איך אויך אַוועק אין שוהל, אבי ווי עס איז די צייט צו פערטרייבען.

אין שוהל, א גענוג ליכטיג צימער, פון אַנ׳ערך דריי קלאַפטער אויף דריי קלאַפטער, מיט א שען אָרון־קודש׳ל מיט א בעלעמער׳ל אין דער מיט, מיט א קליינער גאַלעריע פאַר ווייבער און מיט אַנ׳אנדערטהאַלבען מנינים „פריכאָזשאַנעס”, — איז צו מיר צוגעגאַנגען דער שמש, א איד פון א יאָהר זיבעציג מיט א גרויע באָרד, וועלכער איז ביי די ליפען צוזאַמען מיט די געדיכטע וואָנסעס געווען שמוציג־געל פון טאַבאַק־שמעקען. דער טלית זיינער האט נישט אויסגעזעהן יונגער פון איהם אליין און איז געווען אין מעהרערע ערטער נישט זעהר קינסטלעריש פערצירעוועט. אויף זיין אָבגעגאָלעטען קאָפּ האט געגלאַנצט פון פעטקייט אַנ׳אויסגעריבענע סאַמעטענע יאַרמולקע, זיינע ביידע האָריגע אויערן האבען בעדעקט צוויי ריקע, ווילד־

לאַנגע פאות, און אויף זיין קאַרק האָבן זיך געזעהען ברוינ=בלויע קיילעכדיגע שפורען פון טרוקענע באַנקעס. מיט איין ווארט — א לעבעדיגע פאָטאגראַפיע פון א ש[illegible]ש אין א פוילישען קליינשטעדטעלדיגען חסידים=שטיבעל.

ווי אנ'אַלטער, לאַנגיעהריגער, ערפאַהרענער שוהל=שמש, האט ער געהאַט א שאַרפען חוש=הריח און האט באַלד דערשמעקט אז איך א נע=ונד'ניק, אַ וואָיאזשאָר הייסט עס. און אזוי ווי וואיאזשאָרען בכלל האבען א ברייטע נאַטור, אַ אפענע האנד און זענען מילדע בעל=צדקה אויף זייערע פירמעס קעשענע, האט מיר דער מינוסינסקער זקן בעגעגעט מיט גרויס דרך=ארץ, געגעבען א ברייטען שלום=עליכם, ארויפגעפיהרט בכבוד גדול אין מזרח=וואַנד טאקי נעבען „ראַבין" אליין, האט מיר געבראַכט א עלעגאַנט טלית'ל און א סידורל מיט א רוסישען „פערעוואָד", האט מיט אַ הנופה'דיג ושמייכעלע ביי מיר געפרעגט מיין נאָמען מיין טאטענס נאָמען, פון מיר איז ער צוגעגאַנגען צום „סטאַראָסטי", דאס הייסט צום שוהל=גבאי, האט זיך מיט איהם עפעס געסוד'עט, און ביי קריאת התורה האט ער מיט זיין אלטען, הייזעריגליכען קול הויך מיין נאמען אויסגערופען: „יעמוד שלישי!".

אין יענעם יאָהר, געדענק איך, האט זיך דער ווינטער אין דרום=סיביר שפעט געשטעלט, אין [illegible]שטאָט קנאַקעדיגע פרעסט איז אין דרויסען געווען א פוילע, נאַסע קעלט, פינסטער בלאָטיג — אַנ'אמת'דיג חנוכה־וועטער פונקט ווי אין דער געבענשטער „טשערטא".

זיץ איך מיר יענעם מוצאי=שבת אין מיין געמיטליך=וואַרעמען נומער ביים טיש, אויף וועלכען עס זומט דער סאַמאָ=וואַר, איך טרינק מיר בהרחבה מיין גלאָז טהיי, קוק אריין אין בעשטעלונגס=בוך און שעפּ נחת פון מיינע מינוסינסקער פדיונות.

קלאַפּט עמיצער. זאג איך הויך: „אַריין”! עפענט זיך די טהיר און אין נומער קומט אריין מיט א לאַמטער אין איין האנד, מיט א סענקאַטען שטאָק אין דער צווייטער האַנד און מיט די ביידע פּאָלעס פון דער וואַטענער קאַפּאָטע פערשטעקט אונטער ן גאַרטעל — מיין נייער בעקאַנטער, דער שוהל־שמש.

קוק איך איהם אָן א ווײלע און דערמאָהן זיך, אז פונקט אזוי פלעגט געהן נאך חנוכה־געלד אין מיין געבורט־שטאָט ר׳ זלמן, דער שמש פון הקדש־בית־המדרש...

— א גוטע וואָך, א פרעהליכע וואָך, א פרעהליכער חנוכה.

— א גוטע וואָך, א גוט יאָהר. זעצט אייך, זיידעשי.

— א דאַנק, א יישר כוח.

דער אלטער האט מיט די פינגער פערלאָשען דאס ליכט אין לאַמטער, האט אַרויסגעלאָזט די פּאָלעס פון גאַרטעל, האט אויסגעטהון די פוטערנע היטעל מיט לאַפּען, איז געבליבען מיט דער יאַרמולקע אויפ׳ן קאפּ און האט זיך אַוועקגעזעצט ביים עק טיש.

— איי א וועטער, — האט ער זיך אָנגערופען, שאָקלענ־דיג מיט׳ן קאָפּ, — נעהמט אדורך ערגער ווי דער שטאַרקסטער פראָסט.

— וועט איהר טרינקען, זיידעשי, א גלעזל טהיי? — און נישט ווארטענדיג אויף זיין ענטפער, האב איך נעבען איהם אַוועקגעשטעלט אַ זיסע גלאָז טהיי.

— א דאַנק, א גרויסער יישר כוח, — האט דער שמש געזאָגט און האט גענומען מיט די ציטערנדע פינגער א שטיקעל צוקער, האט איינגעטונקען אין דעם טהיי, געמאַכט אַ „שהכל” און גענומען טרינקען, זיך קוויקענדיג מיט יעדען זופּ.

פערשטעהענדיג דעם ציעל פון דעם דאָזיגען וויזיט, האב איך זיך גענומען צו דער קאַסע און האָב אָנגעהויבען צעהלען:

— אָט דא האט איהר, זיידעשי ח״י זהובים פון „בעבור

שנדר״, דא האט איהר פאר אייך חנוכה־געלד, און דא האט איהר גלאַט פאר אייער טרחא.

— א דאנק, א גרויסער יישר כוח, — האט דער שמש געזאָגט, בעהאלטענדיג די ממתקים אין בוזעם־קעשענע, און זיין אלט, געקנייטשט געזיכט האט ממש געלויכטען פון צופרידענ־הייט. — איי אונזערע אידען, פון דארט, פון ווייט, פון דער היים הייסט עס, נאר אַנדערע הערצער, גאָר אנדערע נשמות... גאט מיר נישט שטראָפען פאר די רעד, נור די היגע אידען האבען גאָרנישט די השגה, וואס עס הייסט געבען בעין יפה און מיט א רוח־נדיבה... גאט זאל מיר נישט שטראָפען פאר די רעד. איך מיין נישט חס ושלום צו רעדען לשון־הרע, נור פשוט, עס ווילט זיך אַביסעל אויסרעדען דאָס האַרץ פאר אונזערן א אידען... איך ווייס נישט, ווי עס זעהן אויס די אידען אין אנדערע סיבירער שטעדט, נור, דא אין מינוסינסק, זאל מיר גאָט נישט שטראָפען פאר די רעד... איך קאן זאָגען, ווי יעקב אָבינו האט געזאָגט: „עם לבן גרתי״... שוין א יאָהר פערציג, ווי איך בין אהער פערשיקט געוואָרען, און איך בין מיט׳ן אויבערשטענס הילף ביז היינטיגען טאָג פערבליבען דער זעלביגער לעמעל דער שמש, ווי דאָרט, אין וועגנראָוו, ביים ליוויעץ, אין פאָדליאסיע...

— און פאר וואס האט מען אייך אַהער פערשיקט, ר׳ לעמעל?

דער אַלטער האט ארויסגענומען פון דער הינטערשטער קעשענע א קאָרענע פושקע מיט טאַבאק, האט אָנגעשטופט דעם גרוי־גרינעם ביטערן שטויב אין ביידע נאָז־לעכער, האט א דריי מאָל גענאָסען און מיט אַ שטאָלצען טאָן געענטפערט:

— איך בין געווען פערמישט אין דער פאָווסטאַניע, אין דער פוילישער פאָווסטאַניע...

— איהר???

יאָ, מיין ליבן איד. איך, לעמעל דער שמש פון ווענגראָווער שוהל. געווען איז דאס אין יאָהר טויזענד אכטהונדערט דריי און זעכציג, ווען ביי אונז אין פּאָדליאַסיע זענען די וועלדער פול געווען פון יונגע לייט, וואס זענען אויפגעשטאַנען אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם העלדישען קסיאָנדז מאַצקעוויטש, צו בעפרייען דאס פאטערלאַנד פון דעם שונא'ס יאך. מיר אידען, האבען דאַמאלס איבערגעלעבט שווערע, ביטערע צייטען. אין האַרצען האבען מיר אַלע געוואָלט, אז די פּאָווסטאַנצעס זאלען מנצח זיין, ווייל יעדער פון אונז איז געווען פון אבות־אבותנו צום פּוילישען לאַנד, און מיר האבען בתכלית השנאה פיינד געהאַט פאָניען מיט זיין לשון און מיט זיינע בעזויפענע, שלעכטע טשינאָווניקעס. נור מיר האבען געמוזט זיין אשב ואל תעשה, ווייל ווי דער גבאי זאָגט: כי קטן יעקב ודל, א שוואַכע אומה'לע, אַנ'אָרימע אומה'לע... און אין די שטעדט האט געשוויבעלט און געגריבעלט פון קאָזאַקען און שפּיאָנען... און אזנים לכותל. פאר אַנ'אומשולדיגען קוק, פאַר'ן קלענסטען ווארט האט מען דעם אידען געשמיסען, געהאָנגען, אנגעטהון עניים קשום. האט מען נעבעך געמוזט שווייגען, איז מען אַרומגעגאנגען ווי די אבלים. נור שטילערהייד, בחדרי חדרים, האט מען געזאָגט תהלים, האט מען גוזר־תענית געווען און געבעטען דעם רבונו־של־עולם, ער זאל שיקען פוילען די ישועה וגאולה. איך ווייס נישט, וואס עס האט זיך אבגעטהון אין אנדערע אידישע שטעדט, נור ביי אונז אין ווענגראוו איז געווען אזוי ווי איך דערצעהל אייך.

ר׳ לעמעל האט ווידער אַריינגעכאַפּט א גוטען שמעק טאַבאַק, האט זיך ווידער גוט אויסגענאסען און פאָרטגעזעצט:

— ויהי היום, פרייטאָג איז דאס געווען, געה איך צום ליוויעץ, שעפּ אָן צוויי עמער וואסער און טראג זיי אויף די קראמיסלעס א היים, איך געה אב עטליכע קלאַפטער פון טייך

זעה איך, ווי עס פאהרט אן פון סאקא־אווער טראקט אַ פּאַטרול קאזאקען, דאס האט מען כסדר געזוכט דעם קסיאנדז מאַצקיע־וויטש מיט זיין שטאב, טראכט איך מיר: „ניין, איך וועל זיי נישט ענטקעגענקומען מיט פולע עמער. זאל זיי זייער וועג זיין שלימזל׳דיג״... איך האב אויפגיך אויסגעגאסען דאס וואסער און בין געבליבען שטעהן מיט די לעדיגע עמער, ביז דער פּאַטרול איז נעלם געווארען. נאכדעם בין איך צוריקגעגאַנגען צום טייך האב אנגענומען וואסער און זיך געלאזט גיצהן אהיים. קומט אן א נייער פּאטרול. גיס איך ווידער אויס דאס וואסער און בלייב שטעהן מיט לעדיגע כּלים ביז די קאזאקען ווערען נעלם. אזוי האט עס זיך איבערגעחזרט עטליכע מאָל, און עס האט געדויערט א שטיק צייט ביז איך בין ענדליך געקומען אהיים מיט די צוויי עמער וואסער. בעגעגענט מיר מיין פלוניתטע מיט א שענעם ברוך־הבא:

„— וואס הייסט? ווי האסטו דאס לבבות? דו ווייסט, אז עס איז ערב־שבת, מ׳דארף אויפשטעלען די פיש, כשר׳ן דאס ביסעל ביינער, און דו ביזט פערפאַלען געווארען מיט די פּאר עמער וואסער״.

— דערצעהל איך איהר די גאַנצע מעשה מיט די קאזא־קען. פאלט זי איצט רעכט אויף מיר ארויף מיט איהר מענח־לשון:

— נבלה, טיפּש, למך! וויפיעל מאָל האב איך דיר גע־בעטען און געוואָרענט, דו זאלסט זיך נישט מישען אין אַזעל־כע זאַכען. מעהר פעהלט אונז נישט, נור דו זאלסט אָנהויבען מיט פּאָניען...

— מילא. שווער איך איהר, אַז מעהר וועל איך זיך נישט מישען, און בעט זי, זי זאָל בלייבען שטיל. האט דאָך אָבער אַ אידענע אַ לאַנגע צונג א קורצען שכל, דערצעהלט זי דאס מסתמא בסוד דער שכנ׳טע, די שכנ׳טע דערצעהלט עס

דער סיבירער „מאראַן"

I

אַ זונטאָג איז דאס געווען, ווען די געוועלבער זענען געשלאָסען, קיין געשעפטען ווערען נישט געמאַכט, און איך בין געזעסען אין האָטעל־נומער אָהן אַ שטאָך אַרבייט.

פּלוצלינג קלאַפּט מען אין טהיר, און עס קומט אַריין איינער פון מיינע קונדען, אַ אידישער כלל־טהוער אין קראַסנאָיאַרסק, אַ דאָרטיגער תושב, אַ זוהן פון אַ ניקאָלאַיעווסקען סאָלדאט.

— הער, גאָלובטשיק! — האט ער זיך צו מיר אָנגערופען מיט'ן גראָבען ריש און בלשון „אתה", אויפ'ן סיבירער נוסח. — איך בין געקומען דיר פּריגלאַשאיען אין אונזער אָבראזצאָווען חדר, קאטאָרי אונזער בייער ראַבין האט אָסנאָוועט. די רעסיאַטא וועלען באַלד עקזאמינירט ווערען. דער ראַבין און דער קאַנטאר זענען שוין דאָרט. קום, בראַטיעץ! און נאָך דעם עקזאַמען פּריגלאַשאיעט אייך אלע מיין סטאַרושקע צום אָביעד.

קענענדיג די אָפּענהערציגקייט פון אַ סיביריאַק און וויסענדיג, אַז ווען ער זאָגט אייך „פּאַשאָל וואָן!" זענען דאס דברים היוצאים מן הלב, און ווען ער רופט אייך „גאָלובטשיק און בראַטיעץ" מיינט ער עס אויך גאַנץ ערנסט, און זיין איינלאַדען

צום אָביעד פליסט פון נאַטירליכער גאַסטפריינדשאַפט, -- האָב איך גענומען מיין איבערראָק און בין אַוועק מיט'ן קראַסנאָ-יארסקער אידישען כלל-טוער אין אָבראַזצאָווען חדר בייוואוינען דעם עקזאַמען. מיין געשעפטס-פריינד האט מיך פאָרגעשטעלט פאר'ן ראבין פאר'ן קאַנטאָר און פאר'ן מלמד פונם אָבראַזצאָווען חדר.

ווען דער מלמד האט מיר אויסגעשטרעקט די האַנד און איך האָב אויף איהם אַ קוק געטהון, בין איך געווארען ער-שטוינט, און פון מיינע ליפּען האט זיך שיער נישט אַרויסגע-כאַפּט אַנ'אויסגעשריי: „יונה'לע!".

דער עקזאַמען האט זיך אָנגעהויבען, נור איך האָב גאָר-נישט געהערט. מיינע געדאַנקען זענען געווען וויית פון קראַס-נאיאַרסק, פונם חדר, פון די עקזאַמע-נאַטאָרען, פון די תלמידים און האָב מיך גענוי דערמאָהנט אין דעם, וואס איז געשעהן מיט יאָהרען צוריק אין מיין געבאָרטס-שטאָדט.

II

יונה'לע האט מען איהם גערופען. „יונה'לע כל-בוניק". זיין פאטער איז געווען אַ חלפן, אַ בן-תורה, אַ אָנגעזעהענער בעל-הבית, האט צו זיין בן-יחיד געהאַלטען די בעסטע מלמדים, און די מלמדים האָבען געזאָגט, אַז יונה'לע איז אַ שאַרפער מוח, אַ גרויסער בעל-כשרון און וועט אויפוואַקסען אַ גדול.

נור יונה'לע האט זיך אריינגעלאָזען מיט שלעכטע חברים איז אוועק אין קרומען וועג, האט אָפּגעטהון מעשים תעתועים און איז געוואָרען אַנ'אויסוואורף, אַ כל-בוניק.

ויהי היום האט מען אויף דעם סאבאר-פּלאַץ געפונען דעם נאַכט-וועכטער אַ דערשטיקטען. די צערקעוו אַ בע'גנב'עטע,

און יונה׳לע מיט דער גאַנצער שייקע זענען נעבעך מיאוס אַריינגעפאַלען.

טאַטע-מאַמע האָבען די שרעקליכע חרפה נישט איבערגע-טראָגען. דער פאָטער האָט בעקומען אַ האַרצשלאַג און די מו-טער איז אַראָב פון זינען און געשטאָרבען אין משוגעים-הויז, און מיט יונה׳לען אין טורמע האָט זיך אָנגעהויבען אָפּיעקעווען דער גלח פון דער בעגנב׳עטע צערקווע.

פון צייט צו צייט האָט דער גלח בעזוכט יונה׳לען אין טורמע און איהם געגעבען אַן׳עצה טובה: ער זאָל איבערגעהן צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען ובשכר זה וועט איהם די שטראָף פיעל פערלייכטערט ווערען.

דער פרומער גלח האָט זיין ציעל עררייכט, ער האָט צרוואָרבען אַ פערבלאָנדזשעטע נשמה פאַר דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע, און יונה׳לע, אדער ווי מען האָט איהם אַ נאָמען געגע-בען ביים אָבשמד׳ן זיך, קסענאָפאָנט סעראַפּימאָוויטש, איז אָנ-שטאָט קאַטאַרזשנע אַרבייט, פערמשפּט געוואָרען צו וואָלגע פּאָ-סעלעניע, אין יעניסעער גובערניע.

יאָהרען זענען אוועק און שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך האָב פעלאָזען מיין געבורטס-שטאָדט. געוואָרען אַ נע-ונדניק, און דער דערמאָהנטער עפּיזאָד איז, ווי פיעל אַנדערע געשעהעענישען לאַנג פערגעסען געוואָרען, און פלוצלינג געפין איך זיך אין דער הויפּט-שטאָדט פון יעניסעער גובערניע און זעה, ווי דער אָבגעשמד׳טער יונה׳לע איז מרביץ תורה אין אַ אידישען חדר.

III

— אַ אינטערעסאַנטע געשיכטע אַט מיט דעם מלמד. — האָט זיך צו מיר געווענדעט דער קראַסנאַיאַרסקער רב, נאָך

דעם זעלבען אָווענד, ווען מיר זענען געזעסען צוזאַמען אין זיין געמיטליכער דירה ביים שען־געדעקטען טהיי־טיש. — הערט אַ פאַקט, וואס קאָן פּערלויפען טאַקי נור אין סיביר. מיט אַ יאָר צוויי־צוריק, ווען מיין פלאַן פון אַ חדר־מתוקן האט שוין געהאַלטען ביים פערווירקליכט ווערען, און עס האט זיך בלויז געהאַנדעלט וועגען געפינען אַ פאַסענדען מלמד, וואס דא אין סיביר איז כמעט נישט בנמצא — מעלדעט זיך צו מיר אַ יונגערמאַן, וועלכען איך האב פערזענליך נישט געקענט, נור בעמערקט האב איך איהם פון צייט צו צייט אין אונזער שוהל. דער יונגערמאַן האט זיך אָנגעהויבען פאר מיר מתודה צו זיין אין אַ שרעקליכען פערברעך, וואס ער איז בעגאַנגען אין דער היים, אַ דאַנק דעם איינפלוס פון שלעכטע חברים און אויך, אַז אַ גלח האט איהם צוגערעדט צום שמד, כדי זיין שטראָף זאל איהם פערלייכטערט ווערען, און יעצט קוועהלט איהם דאָס געוויסען, ער האט קיין מנוחה נישט, און נאַכט־ביי־נאַכט זעהט ער אין חלום זיינע אומגליקליכע עלטערן, וואס זענען צוליב איהם פאר דער צייט און מיט גרויס בזיון פון דער וועלט געגאַנגען.

מיט איין וואָרט, זיינע מאראלישע ליידען זענען אין לשער, ער געהט ממש אַדורך אלע שבעה מדורי גיהנם, און אויב איך וועל איהם נישט צוריק צונעהמען צום יודענטום, וועט ער אראָב פון זינען, אדער זיך דאס לעבען נעהמען.

דער דאָזיגער ודוי איז געפלאָסן פון אַ צעבראָכענעם, לאַנגאָנגעוועהטאָגטען הארץ. דאביי האט זיך ארויסגעוויזען, אַז דער אומגליקליכער איז דוקא אַ בר־אורין: בעזיצט פאָלקאם די העברעאישע שפּראַך, און פערשטעהט גאר גוט אַ בלאַט גמרא מיט אַ תוספות. האב איך איהם געהייסען קומען צו מיר אין אַ פּאָר טעג ארום, נאָך דעם, ווי איך וועל זיך וועגען דעם ענין מישב זיין מיט די פאָרשטעהער פון דער אידישע געמיינדע.

כך הוה. איך האב זיך מיט זיי אדורכגעשמועסט. זיי האבען מסכים געווען, און דער יונגערמאַן איז געוואָרען א „מאַראַן”, אזוי ווי אמאָל בעת דער אינקוויזיציע אין שפּאַניען. אָפיציעל, דאס הייסט, איינמאָל אין וואָך, ווען ער מוז זיך מעלדען אין דער פּאָליציי, איז ער „קסענאפאנט סעראפימאָוויטש דער פּראַוואסלאוונער”, און באמת איז ער ר׳ יונה ב״ר נחום, אַנ׳עכט פרומער, אידישער מלמד. דער אונטערשיד איז בלויז דאס, וואס די „אנוסים” אין שפּאַניען האבען זיך געבען מיט זייער אידישקייט געמוזט בעהאַלטען בחדרי־חדרים, אין פינסטערע אונטערערדישע היילען און האבען מורא געהאַט פאר זייגע אייגענעם שאָטען. און אונזער „סיבירער מאַראַן” פּראוועט זיין אידישקייט פראַנק און פריי, און קיינעם קומט נישט אויפן רעיון איהם דערפאר צו פערפאָלגען.

אט דאס האט נור געקאָנט פאָרקומען אין סי־יר.

„גרישקא קאַפּעליושניק“

I

אין א העלען ווינטער-אָוונד, ארום אַכט א זייגער, בין איך אָנגעקומען אויף דער פּאָסט-סטאַנציע אַטבאסארסק, די לעצטע סטאַנציע צווישען פּעטראָפּאַוולאָווסק און אַקמאָלינסק.

די אַזוי-גערופענע „קאַנצעלאַריע“ איז געווען מוטנע-ברוינליך בעלויכטען פון א פערקאָפּטשעט נאַפט-לעמפּעל, וואס איז געהאָנגען אויף א פערזשאַווערטען דראָהט צווישען די צוויי מיטעלע בעלקעס פון דעם גרוי-שמוציגען סופיט. די לופט איז געווען געדיכט אָנגעזאַפּט מיט דעם עקעלהאַפטען גערוך פון קיזיק, וועלכער האט זיך גערויכערט אין דעם ברייטען, ערטערוייז געפּלאַצטען אויוועז.

אויף דער ליימענער פּאָדלאגע זענען געלעגען עטליכע יאַמשטשיקעס אין פערשידענע נישט זעהר עסטעטישע פּאָזען, און האבען געכראָפּעט מיט אלע כלים. ביים אויוועז, פאר א טישעל, אויף וועלכען עס איז געלעגען אָפען דאס פערפעטסטע רעגיסטער-בוך און דערביי א טינטער מיט א געגנזענער פעדער, האט זיס געדרימעלט א מאַן פון אַ יאָהר זעכציג מיט א פערוואַקסען געזיכט, מיט א קאַהלען קאָפּ און מיט צעפלאַצטע ברילען אויפ׳ן שפּיץ פון זיין ברייטער, בלויער, האָריגער נאָז.

דאס איז געווען דער „אדון" אַליין, דאס הייסט פּאָמאַ פּאָמיטש, דער „גלאַווגער" סמאָטריטעל פון אַטבאַסאַרסקער פּאָסט-סטאַנציע, א דעמיסיאַנירטער „קאָלעזשסקי רעגיסטראַטאָר", מיט איין וואָרט — א גאַנצער „מורה-מורנו".

ווען איך בין אריינגעקומען, האָט פּאַמאַ פּאָמיטש האַלב אויפ-געעפענט זיינע רויטע אויגען, האט מיך א ווײַלע פלעגמאַטיש אַנגעקוקט פון איבער די ברילען און זיך ווייטער גענומען דרעמלען.

— גאָספּאָדין סמאָטריטעל! פערד זענען דאָ? — האָב איך הויך געפרעגט.

דער סמאָטריטעל האט ווידער האַלב אויפגעעפענט די אויגען, ווידער מיך אָנגעקוקט א ווײַלע פלעגמאַטיש און ארויס-געברומט מיט א הייזעריגען, פארשכורטען קול:

— פערד זענען דא... פארוואָס זאָלען זיי נישט זיין?...

— טאָ זייט אזוי גוט און הייסט שפּאַנען.

— וואוהין? קיין קאָקטשעטאָוו?

— ניין, קיין אַקמאָלינסק — האָב איך געענטפערט און געוויזען מיין רייזע-פּאַס.

— קיין אקמאָלינסק? — האט פּאַמאַ פּאָמיטש שוין אַביסעל לעבהאַפטער איבערגעפרעגט, נישט געהמענדיג דעם רייזע-שיין — גאָט איז מיט אייך!... וועלכער יאַמשטשיק וועט דען אין דער נאַכט פאָהרען קיין אַקמאָלינסק?... ערשט מיט א וואָך צוויי צוריק האט אַ כ מ ע ט ק ע אויף דעם דאָזיגען טראַקט, א וויאָרסט צוואַנציג פון אַטבאַסאַרק, געקוילעט א סוחר פון סעמיפּאַלאַטינסק. איהר האט דען נישט געהערט?

— ווער איז ער, דער אַכמעטקע?

— ווער זאָל ער זיין? א פערפלוכטער טאָטער. א בראָ-דיאַגא. א געפעהרליכע בריאָה. האט נישט איין רויב-מאָרד אויף זיין געוויסען. לויפט שוין דאס דריטע מאָל פון סאַכאַלין, זייט

א פאָר חדשים גראַסירט ער אויף דעם טראַקט צווישען אַטבאַסארסק און אַקמאָלינסק און טהוט־אָב ווילדע רציחות.

— און די משגיחים איבער דער אָרדנונג, די פּאָליציי?

דער סמאטריטעל האט מיך פערוואונדערט אָנגעקוקט, פּונקט ווי מיין פראַגע וואלט געווען למעלה מדרך הטבע, אדער איך וואָלט געווען א חסר דעה, האט מיט א איראָנישען, גרינגשעצענדען טאָן געזאָגט:

וואָס־זשע? איהר קענט נישט אונזער פּאָליציי אין א סיבירער בערען־ווינקעל? „זיץ אין דערהיים און ריפּע זיך נישט — זאָגט ער, אונזער פּאָליציאַנט — איך וועל פאר דיר נישט אונטערשטעלען מיין בויך אונטער אַכמעטקעס קינזשאַל"... געווען דא אַנ׳אוריאַדניק פון די אָרענבורגער קאָזאַקען, א מאָלאָדיעץ, א היצקאָפּ, א פייערדיגער נפש. ער האט זיך גענומען צו די בראַדיאַגעס מיט׳ן גאנצען ברען, מיט׳ן גאנצען אימפּעט. ווי א וואָלף איז ער געלאָפען איבער׳ן סטעפּ, געקראָכען אין יעדעס ווינקעלע אין יעדער נארע, אין יעדער יורטע, געשנאָרכט, נאכגעשפּירט, אויסגעלויערט און נישט איין בראָדיאגע דערטאפּט און אין קייטען פערשמידט. ער האט אבער נישט לאנג געהוליעט. אין א געוויסען פריהמארגען האט מען איהם געפונען אין זיין אייגענער דירה אויף שטיקער צעשניטען. יאָ, יאָ, ליעבסטער הערר. מיט אזעלכע ארטיסטען ווי אַכמעטקע איז נישטאָ קיין הכמות. „זיץ אין דערהיים און ריפּע זיך נישט". בייטאג איז נאך ווי עס איז, אבער ביינאכט, זאל גאָט שומר ומציל זיין. אט, ליעבסטער הערר, געהט אריין אין גאסט־צימער. איך וועל הייסען אייך אריינברענגען דעם סאַמאָוואר. א גלעזעלע שנאַפּס קאנט איהר דא אויך בעקומען. שלאפט זיך אויס, און ווי עס וועט נאר טאג ווערען, וועט איהר זיך מיט גאָטס הילף לאזען אין וועג.

— ניין, הערר סמאטריטעל איך מוז שוין פאָהרען. מיר

רייזענדע הייסט עס, זענען ווי די סאָלדאטען אויפ'ן פראָנט. אונז טאר נישט אָבהאלטען פון אונזער פליכט קיין שום סכנה אויב איך וועל מארגען פריה נישט זיין אין אַקמאלינסק, דראָהט מיין פירמע א גרויסער פערלוסט. איך מוז פאהרען און איך מיין, אז עס איז נישט אזוי געפעהרליך. די לבנה שיינט מיט איהר פולען גלאַנץ, און אין דרויסען איז העל, ווי אין מיטען טאָג.

II

דער אַלטער האט מיר גארנישט געענטפערט. ער איז ווי בעליידיגט אויפגעשטאַנען פון זיין שטוהל, איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די שלאפענדע יאַמשטשיקעס, האט איהם נישט זעהר דעליקאַט אנגעשטויסען מיט'ן פוס און בייז געברומט:

גאוורילא, ע, גאוורילאָ! געגוג דיר דריכנען... דיין אָטשערעד... שטעה־אויף און שפּאַן איין די פערד. נו, לעבעדיג

גאוורילאָ, א יונג פון א יאָהר צוויי־דריי־און־צוואַנציג, האט א יפגעעפענט א פּאָר ברייטע גרויע אויגען, האט זיך גוט אויס־געגעבעצט, אויסגעצויגען, האט מיט אלע צעהן פינגער זיך אָנ־געהויבען קראצען אין ק(דלעוואטען קאָפּ און געפרעגט:

— וואוהין פאהרען? מיט וועמען?

— אָט מיט זיי, האט דער סמאטריטעל געענטפערט, אָנ־ווייזענדיג אויף מיר. — קיין אַקמאלינסק.

— טפוי! — האט גאוורילאָ אויסגעשפּיגען און דריי מאל זיך איבערגעצלם'ט — איך וועל נישט פאהרען, פּאָמא פאמיטש.

— קיינער וועט אין דער נאַכט נישט פּאָהרען — האט זיך אנגערופען אַנ'עלטערער פוהרמאן, וועלכער האט זיך גלייכ־צייטיג מיט גאוורילאָ'ן אויפגעכאַפּט פון שלאָף. — נישטא קיין

חשק צו כאַפּען אין קאָפּ אכמעטקעס רובינקע אָדער אראַבשלינגען זיין קינזשאַל...

פּאַמאַ פּאמיטש האט אַמאַך געטהון מיט דער האנד, איז צוריק אַוועק אויף זיין אָרט און האט זיך אָנגערופען צו מיר:

— איך האב דאך אייך פריהער געזאָגט. פאלגט מיר און נעכטיגט דא איבער, און גאַנץ פריה וועט איהר פאהרען.

— גאַנץ פריה מוז איך שוין זיין און אקמאָלינסק, פּאָמאַ פּאמיטש, — האב איך געטענה׳ט כמעט א פערצווייפעלטער. — ווילט פערשטעהן, אז איך אליין וואָלט אוודאי צופרידענער געווען זיך אויסרוהען די נאַכט. איך האב זיך שוין געגוג אָנגעטרייסעלט די פּאָר טעג. נאר איך מוז פּאָהרען. איך מוז מארגען פריה זיין אויפ׳ן אָרט.

— וואס קאָן איך טהון? — האט דער סמאָטריטעל געזאָגט. — פון מיין זייט איז קיין מניעה נישט. איך קאָן אבער קיינעם נישט צווינגען דאס לעבען איינצושטעלען.

נאך א קורצע פויזע, זעהענדיג מיין פערלעגענהייט און דערפיהלענדיג אפנים צו מיר א ביסעל מיטלייד, האט זיך דער סמאָטריטעל געווענדעט צו די יאַמשטשיקעס:

— זאל ווער פון אייך ארייגרופען גרישקא קאפעליושניק.

— אָט וועל איך איהם רופען, פּאָמאַ פּאמיטש — האט זיך געוורילאָ אבגערופען און איז אַרויס אין דרויסען.

— דאָס איז דער איינציגער יאַמשטשיק מיט וועלכען איהר קאנט רוהיג פּאָהרען, אויב ער וועט נאר איינוויליגען, — האט מיר ערקלערט פּאַמאַ פּאמיטש. — זאגט איהם צו אַנאָרענטליכען „נאטשאַיאָק”, וועט ער שוין פּאָהרען. פאר גרישקאַ קאַפּעליושניק, דאס הייסט פאר זיין אייזערנע גבורה, האט אפילו אַכמעטקע דרך־ארץ...

עס האט געדויערט עטליכע מינוט, און אין דער בעגלייטונג

פון גאַווריל־אָ׳ן איז אין שטוב ערשינען אַ הויכע און אַ ברייטע, מגושם׳דיגע, אַטלעטישע פיגור, מיט אַ קורצע, געדיכטע שוואַרצע באָרד, מיט טיפע, פייערדיג־שוואַרצע אויגען און מיט אַ שטרענ־גען, אָבער דערביי אַ זעהר סימפּאַטישען געזיכט.

— ווילסטו פאָהרען מיט דעם הערר קיין אַקמאָלינסק? — האט דער סמאָטריטעל קורץ געפרעגט דעם אַטלעט.

— אַ טריאָשניצע נאַ־טשאַי וועט זיין? — האט מיר גריש־קאַ געפרעגט.

— אפילו צוויי טריאשניצעס — האב איך געענטפערט.

— וועט מען פאהרען. געה שפּאַן־איין, גאַווריל, זשיווא!

III

העל און צויבערפול האט געשיינט די לבנה צווישען די מיליאַרדען פינקעלדיגע שטערן, מיט וועלכע עס איז געווען אויסגעפלאסטערט דער ווייטער, קלארער, בלויער הימעל. דער שטילער סיבירער דרייסיג־גראַדיגער פראסט האט אנגעפילט די לופט מיט אַנ׳ערפרישענדען, קרעפטיגענדען אראמאט. דער בע־קוועמער פאסט־שליטען האט זיך שנעל און רוהיג געגליטשט אויף דער פלאכקייט פון דעם גרענצלאזען, מיט זילבערווייסען שניי בעדעקטען סטעפּ. ארום און ארום האט געהערשט אַ בעגייסטערנדע פיעל־דערבעהלענדע און געהיימניספולע שטילקייט, און אין דער דאזיגער שטילקייט האט זיך מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכען רייץ און מיט אַ ווילדער, עקזאטישער בעימות צעגאסען דער מעלאנ־כאלישער געזאנג פון מיין זאנדערבארען פוהרמאן, בעגלייט דורך דעם פערשידענארטיגען קלאנג פון די גלעקלעך, וואס אויף די דריי פאסט־פערד.

דער זאפטיגער פאלצעט און די איינפאכע, דייטליכע, ווערטער פון דעם אייגענארטיגען סיבירער עטאפּען־ליד, זענען געפלאסען פון דער ברייטער, קרעפטיגער, אטלעטישער ברוסט,

האבען זיך געטראגען ריין און זאנפט איבער דעם ווייטען, אונ־ענדליכען שטח, האבען זיך אבגעשלאגען אן מיינע אויערען מיט א ווידער־קול פון א כאר פון געהיימע, אונזיכטבארע גייסטער און האבען אין מיר ערוועקט זאָנדערבארע, זיס־טרויעריגע געפיהלען און געדאנקען.

דער שרעק, דאס האַרץ־קלאַפעניש, מיט וועלכע איך האב פערלאָזט די פאָסט־סטאנציע און זיך אַריינגעזעצט אין שליטען, זענען פלוצלינג פערשוואונדען. דער כח־הדמיון, וואס האט מיר אין די גרויזאַמסטע פאַרבען געמאָלט דעם טאָטער אַכמעטקע מיט זיין חרב פיפיות, איז מיט אמאָל נעלם געוואָרען, און איך בין ווי א בעצויבערטער געזעסען איינגעהילט אין מיין דוכא — א בעצויבערטער פון דעם הערליכען, בלויען הימעל, פון דער העלער לבנה מיט די שטערען, פון דעם ווייסען, פינקעלנדען סטעפ, פון דער לעגענדארישער שטילקייט און פון די מינאראווע טענער פון דעם סיבירישען ליעד...

IV

— עך, באַרין! — האט פלוצלינג אויסגערופען גרישקאַ קאַפעליושניק און זיך האלב אומגעדרעהט צו מיר. — ווען איהר זאלט הערען אָט דאס דאָזיגע ליעד, ווען עס זינגט א פאַרטיע פון הונדערט אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעבלאַסטע, אין קייטען געשמידטע, פערשיקטע קאַטארזשניקעס!...

„דערבאַרמט אייך, גוטע מענשען, אויף אונז, מידע וואַנ־דערער, אויף אונז, אָרימע געפאַנגענע“...

עך, באַרין! דאס איז נישט קיין „ליעד“, דאס איז נישט קיין „געזאַנג“, דאס זענען ביטערע זיפצען און האַרצרייסענדע וועה־געשרייען, וואס טראָגען זיך איבער דעם אונענדליכען סי־בירער טראַקט, אויף וועלכען מען טרייבט די טראַנספאָרטען פער־שידענע אַרעסטאַנטען... און גוטע, רחמנות׳דיגע הערצער רופען

זיך אָב אויף דעם געזאַנג פון הונגער און עלענד, און מילדע הענד בעגעגענען דעם עטאַפּ מיט ברויט, מיט מילך, מיט קו־פּערנע מטבעות...

אינדעם האָבען א הילך געטהון צוויי רעוואָלווער־קנאַלען. די פערד זענען דערשראָקענע אָבגעשפּרונגען אָן א זייט, דער שליטען איז געליבען שטעהן.

פּונקט ווי פון דער ערד איז פאר אונז פלוצלינג אויס־געוואַקסען א הויכע ווילדע פיגור אין א שוואַרצער, קודלאַטער פּאַפּאַכאַ, וועלכע האט פּערדעקט זיין גאַנץ געזיכט.

ווי א פייל פון בויגען איז מיין פוהרמאַן ארויסגעשפּרונ־גען פון שליטען און זיך געווענדעט מיט א קאַלטבלוטיגער אבער בעפעהלערישער שטים צום אונגעבעטענעם גאַסט:

— אַכמעט, שטיף נישט... וואָס־זשע? דאס לעבען איז דיר נמאס געוואָרען?...

— דאס ביזט דו, גרישא? זיי מוחל, איך האב נישט גע־וואוסט.

— נו, נו, מאך זיך תמ'עוואטע. „דו האסט נישט גע־וואוסט״. דו ווייסט גאַנץ גוט, אז א חוץ גרישקא קאַפּעליושניק וועט דא קיין אנדער יאַמשטשיק אין דער נאַכט נישט פאָהרען, און דערצו נאָך מיט די גלעקלעך, וואס לאזען זיך הערען וויאָרסטען ווייט. געה און דאַנק דיין נביא דערפאַר, וואס דו טראָגסט זיך אָב מיט גאנצע ביינער...

— הע, קונאַק, זיי נישט בייז, גיב די האנד וועמען פיהרסטו דאָ?

— נישט דיין עסק.

— באַרין, גיב א נדבה — האט זיך דער טאָטער געווענ־דעט צו מיר און אויסגעשטרעקט די האַנד. — איך האב שוין צוויי טעג נישט געגעסען.

איך האב איהם געגעבען די נדבה. ער האט זיך טיף

פערנייגט האט נאך אמאָל איבערגעבעטען מיין אַטלעט און איז זיך אַוועק זיין וועג.

V

— אט א נאראָד, — האט זיך גרישקאַ אָנגערופען צו מיר פאַפראַוועגדיג דאס געשפאַן אויף די פערד. — עס וועט פריה-רען און הונגערן ווי א הונד אין פרייען סטעפּ, אָדער אין דער טייגא אבי נישט זיצען הינטער די קראַטעס אין דער טורמע. דאס האַרץ האט מיר נישט געלאָזט מיט איהם קורץ, און שאַרף זיך אָברעכענען... אצינד, „בארין, קאָנען מיר רוהיג ווייטער פאָהרען.

— האבען מיר נאָך לאַנג צו פאָהרען ביז אַקמאָלינסק?

— נאָך א שעה פינף-זעקס, בארין. מען קאָן זיך גוט אויסשלאָפען.

איך האב זיך האלב הינגעלעגט אין בעקוועמען שליטען, וועלכער האט זיך שנעל און רוהיג בעוואויגען אויפ׳ן גלאַטען טראַקט. איך האב זיך גוט איינגעהילט אין דער ווארימער דוכא און נאך א קורצער צייט האט מיך איבערוועלטיגט א זיסער, אבער לייכטער האלבער-שלאף.

נישט לאנג אבער האט מיין שלאף געדויערט.

אויפגעוועקט האט מיך אונזער אידישע, אוראלטע טראדיצי-יאָנעלע מעלאָדיע מיט די דייטליכע ווערטער פון כל-נדרי.

דאס האט רעציטאַטירט דער מגושמדיגער גרישקאַ קאַפּע-ליושניק מיט א טיפען געפיהל און מיט דער עכט-אידישער השתפכות הנפש. — טרוים איך? — האב איך ביי זיך גע-פרעגט. — איז דאָס מעגליך? איז דער דאָזיגער מאויס׳דיגער אַטלעט אַ איד?... און איך בין געזעסען קאָנצענטרירט אין מיין ערשיטערונג ביז דער פוהרמאַן איז שטיל געבליבען, און דאָס לעצטע עכאָ האט זיך ווייט-ווייט איבערגעריסען.

VI

— וואס איז דאס פאר א געזאַנג? — האב איך בכיון געפרעגט.

גרישקא האט זיך ווידער האַלב אומגעדרעהט צו מיר און געענטפערט מיט א טיפען זיפץ און מיט א משונה׳דיגען קול:

עך, באַרין, דאס איז א הייליג געזאַנג... מיט דעם געזאַנג הויבט זיך אָן ביי אונז, אידען, דער הייליגער יום־הדין. אט דער געזאנג דערמאָהנט מיר אָן יענער פינסטערער שעה, מיט צוואנציג יאָהר צוריק, ווען מען האט מיך אוועקגעפיהרט אין אָסטראָג און אויף אייביג מיך אָבגעריסען פון ווייב און קינד, פון ברידער און שוועסטער, פון פריינד און גוטע פריינד, עך, באַרין! ווען איך זינג אט דעם דאָזיגען נגון, פערגעס איך וואו איך בין מיר דאכט זיך דעמאָלט אויס, אז איך שטעה אין שוהל צווישען מיינע ברידער דאָרט, אין מיין געבורטס־שטעדטעל, אין חאָהלינער גובערניע, און מיר ווערט לייכטער אויף דער נשמה...

— זענען מיר דאָך אידען, הייסט עס, — האב זיך אָנגע־רופען אויף מאַמע־לשון.

גרישקא איז שיער נישט אראָבגעפאלען פון געזעס פאר שטארקער איבערראשונג. ער האט מיר אויסגעשטרעקט זיי שווערע, דיקע רעכטע האנד און געזאָגט מיט גרויס צופרידענהייט

— אויב אַזוי, טאָ נאט־זשע אייך אַ „שלום־עליכם״...

— עליכם שלום, — האב איך געענטפערט דריקענדיק זיינע שאַרסטקע פינגער.

— פון וואַנען איז א איד?

— פון גראָדנער גובערניע.

— זענען מיר דאך שכנים, הייסט עס. אונזער שטעדטעל גרענעצט זיך טאַקי מיט גראָדנער גובערניע.

שוין לאַנג זענט איהר אין סיביר?

— אָ, שוין לאַנג, מיין ליעבער איד. שוין א יאָהר אַכצעהן.

אכט יאָהר בין איך אָבגעווען קאַטאָרגע אין אטשינסקער טורמע, און איצט בין איך אויף פּאָסעלעניע. איך האב זיך דא אויפגע־פיהרט רוהיג, ארענטליך, האט מען מיר דערפאר ערלויבט זיין א יאַמשטשיק ביי דער אטבאַסאַרסקער פּאָסט־סטאנציע.

— בעקומט איהר ווֶעלכע בריעף פון אייער שטעדטעל? פון אייער משפחה?

— ווער שטעדטעל? ווער משפחה? שוין אלע אויסגע־שטאָרבען. צוויי קינדער האב איך געהאט, א אינגעלע און א מיידעלע, צוויי שענע ברילִיאַנטען. זענען זיי נעבעךביידע גע־שטאָרבען פון שקארלאַטינע אין איין טאג, דאמאָלס, ווען איך בין נאך געזעסען דארט, אין אונזער אָסטראג. די ווייב מיינע האב איך אָבגעג׳גט איידער מען האט מיך פערשיקט. זי האט חתונה געהאַט און איז אוועק מיט׳ן מאַן קיין אַמעריקא.

און פארוואס האט מען אייך פערשיקט אויף קאַטאָרגע?

— פאר א נארישקייט, מיין ליעבער איד צוליב א קאַפּעליוש.

— וואס הייסט צוליב א קאַפּעליוש?...

— אָט וועל איך אייך דערצעהלען.

VII

גרישקא האט געמאַכט פון פּאַפּיר א ליולקע, האט זי אָנ־געשטאָפּט מיט מאַכאָרקע, האט זי פערריכערט און אָנגעהויבען דערצעהלען:

— איהר מוזט וויסען, מיין ליעבער איד, אז איך בין געווען א טאַטענס א קינד. מיין טאטע אלשלום איז געווען א בעל־עגלה, און איך בין געווען ביי איהם א שמייסער. די משפחה אונזערע איז געווען א גרויסע, צו טיש פלעגען געהן צוועלף מיילער, א חוץ טאַטע־מאַמע. האט די שכר־עגלה נישט געקלעקט פלעגט מען זיך מוזען געבען אַנ׳עצה און זיך נעהמען א טייל פון די סחורות, וואס מיר האבען געפיהרט, און דערפאר האט

מען מיין טאטען אלעשלום גערופען בערעלע גנב. נאָר מיין טאַ־
טע איז געווען א חכם, ער האט זיך אויסגעלאַכט דערפון און
פלעגט שטענדיג זאָגען: „ווער עס האט פיינד פרעמדס דער
זאָל קיין אייגענס נישט האָבען"... א חוץ דעם איז ביי אונז גע־
ווען א מין „גאסט־הויז", וואו עס פלעגען זיך בעהאַלטען גוטע
ברידער, וועלכע זענען נישט געווען שוה בשוה מיט דער פּאָלי־
ציי, אָדער מיט דעם סודעבני סליעדאוואטעל, און אזעלכע אורחים
פלעגען גוט בעצאָהלען פאר יעדען נאַכטלעגער. דאס זענען
געווען פרעהליכע פּאַסאזשירען, אויסגעריבענע יונגען, חי־געלעבט
אויף וואס די וועלט שטעהט, און איך האב געהאַט די גרעסטע
הנאה צו פערברענגען אין זייער חברותא און הערען זייערע
תורות... א סך נוצליכע זאַכען האב איך פון זיי געלערנט, נאר
איין תורה זייערע איז מיר אויסגעגאַנגען באָקאָם...

VIII

מיין פוהרמאַן האט פערדויכערט א צווייטע פּאַפּירענע
ליולקע מיט מאכאָרקע און האט פאָרטגעזעצט:

— עס זענען אוועק יאָהרען. מיין טאטא האט זיך אָבגע־
טראָגען אויף יענע וועלט. די גאַנצע בעל־הבתישקייט איז איבער־
געגאַנגען אין מיינע הענד, איך בין אַלט געווען א יאָהר צוויי־
און צוואנציג, האב שוין געהאט א ווייב מיט קינדערלעך, א
ליכטיגען גן־עדן זאָלען זיי האבען, און האב מיר געפיהרט א
לעבען ווי מיין טאטע אלעשלום. דארף זיך טרעפען אַזא מין
היסטאָריע: וואוינט ביי אונז אין שטעדטעל א וואוכערניק, א בלוט־
זויגער, א פיאווקע, א כלב־שבכלבים, שלמה נעכעס האט מען
איהר גערופען. מיינט איהר אפשר, אז ער איז געווען אַנ'אַלט־
מאָדישער איד, אַ גאָטס־גנב? ביין ער דוקא געווען א דייטש, א
ציבוליזירטער, מיט א געגאָליעטער מאָרדע, מיט פערדרעהטע
וואָנסעלעך, מיט א גאָלדענעם פּענסנע און דערצו א רשע־מרושע,

אַנ'אויסוואורף, אָהן אַ פונקט רחמנות, אהן אַ טראָפּען סאָוויעסט, און אָך און וועה איז געוועהן צו די קבצנים, וואס זענען אריינ־געפאַלען אין זיינע שפּאָנען. נו, מילא. איך האב מיט איהם קיין מגע־ומשא נישט געהאַט, נור אין האַרצען האט אין מיר גע־ברענט אַ פייער אויף דעם הויט־שינדער און ביי יעדען מאָל, ווען איך האב געהערט אַ שענע מעשה, וואס ער אָבגעטהון, פלעג איך ווערען אויסער זיך.

אין אַ געוויסען אָוועגד, דאס איז געווען אַ צוויי וואָכען פאר ראש־השנה, ווען איך בין געזעסען מיט מיין גאַנצען קלאַפּער־געצייג ביים טיש און געגעסען וויעטשערע, פאַלט אריין מיט אַ ביטערען געוויין מיין מוהמע הענע־לאַה, אַנ'ארימע אלמנה מיט זעקס קליינע יתומים, אַ מארק־הענדלערין, און בלייבט שטעהן אָהן כּוחות אָנגעשפּארט אויף דער וואַנד ביי דער טיר, כּעני בּפּתח, און קאָן קיין וואָרט נישט אויסרעדען פון האַרץ־קלעמעניש.

„— וואס איז אייך, מוהמע? וואס אזוינס איז אייך גע־שעהן? — האב איך געפרעגט אַ דערשראָקענער און זי צוגע־פיהרט זיך זעצען אויף אַ בענקעל ביים טיש. — זאָגט, מוהמע, וואס האט ביי אייך פלוצלינג פּאַסירט?"

„— הירשעלע, האָב רחמנות, — האט זיך אָנגערופען די מוהמע כליפּענדיג. — עס קומט מיר דאָך אויס נעהמען טאָר־בעס און זיך לאָזען מיט מיינע יתומים איבער די הייזער... אָט דער רוצח, דער אַכזר, שלמה נעבעכס הייסט עס, האט מיר דאָך היינט געשיקט דעם סודעבני פּריסטאוו, און ער האט מיר אָב־געשריבען מיין גאַנצען דלות, מ'שטיינס געזאָגט... פאר די פינף־און־צוואנציג קארבונעס, וואס ער האט מיר געליהען פאר צוויי יאָהרען, נאָך דעם פעטער משה'ס טויס, האט ער ביי מיר גע־נומען אַ כתב אויף פופציג. אין משך פון די צוויי יאָהר האט ער ביי מיר איבערגעצאַפּט וואוכערס מעהר ווי הונדערט רובל, און אצינד מאָהנט ער פון מיר די גאַנצע פופציג און וויל

אויספערקויפען מיין ביסעל צרה'דיגע גראטעס... נאָכדעם ווי דער פריסטאוו האט שוין אָבגעשריבען, בין איך צו איהם אוועק, געלאָפען ווי א פערסריטע, האב פאר איהם געיאָמערט, געקלאָגט געבעטען רחמים אויף מיינע אָרעמע יתומים, האט ער זיך גאָר אויף מיר צעבייזערט און גאָרנישט געוואָלט רעדען מיט מיר... האב רחמנות, מיין טייערער הירשעלע, זיי זיך דו מטריח צו איהם, רעד איהם אויס, און פועל ביי איהם, ער זאָל האָבען געדולד כאָטש ביז איבער די יום-טובים"...

— הערענדיג דער מוהמעס דבורים און קוקענדיג אויף די בלוטיגע טרעהרען, וואס האָבען גערינען אויף איהרע איינ-געפאַלענע, פערקנייטשטע באַקען, האב איך געפיהלט א מין אינער-ליכען שמערץ, פונקט ווי עמיצער וואָלט געדרעהט מיט א מעסער אין מיינע געדערים. צו דעם שמערץ האט זיך פעראייניגט א העליש פייער פון האס און גרימצאָרן צו דעם געמיינעם מענ-שען-פרעסער. עס איז מיר מעהר קיין ביסען אין האַלז נישט געקראָכען. איך בין אויפגעשטאַנען פון טיש און בין אוועק צום בעל-דבר.

IX

— שפרייזענדיג דורך די פינסטערע געסלעך, און איינ-אָטמענדיג די קיהלע פרישע לופט, בין איך רוהיגער געוואָרען דער כעס האט באָכגעלאָזען און דער שכל האט מיר געהייסען זיין איינגעהאַלטען, רעדען מיט איהם געלאַסען, נישט בעליידיגען איהם, נישט דערדרגזענען, ווייל ער איז דאָך פארט דער אוחז-ביד.

— אַזוי טראַכטענדיג, בין איך צוגעקומען צו זיין דירה, האב אָנגעקלאַפט, ער אליין האט מיר געעפענט די טיר, איך בין איהם נאָכגעגאַנגען אין זיין קאַנטאָרל ער האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט אויף זיין פאָטעל, און איך בין זיך געשטאַנען ווייל ער האָט מיר נישט געבעטען זיצען. דאָס האט מיר אפילו

אביסעל פערדראָסען, נאר מוחל. „נעהמט דיך דער רוח״, האב איך מיר געטראַכט, און זיך אָנגערופען:

„סאַלאמאן מאַרקאָוויטש! — אזוי האט ער ליב געהאַט מ׳זאל איהם רופען. — איך קום צו אייך מיט א בקשה. איך קום אין נאָמען פון מיין מוהמע הענע לאה. דער פריסטאַוו האַט איהר היינט אָבגעשריבען די אימושטשעסטווע...

„— נו? ווילסטו פאר איהר בעצאָלען דעם חוב?״ — האט ער כלומרשט תמע׳וואטע געפרעגט, נישט קוקענדיג מיר אין פנים.

„— האב איך דען אזא סומע, סאַלאמאָן מאַרקאָוויטש?

„— טאָ וואס־זשע ווילסטו פון מיר?

„— איך וויל אייך בעטען, איהר זאלט הייסען בעפרייען די אימושטשעסטווע און האבען געדולד ביז איבער די יום־טובים.

„— ניין, הירשעל, א שאָד די רעד. די פופציג רובעל איז זי מיר שולדיג שוין איבער צוויי יאָהר. גענוג. שוין צייט צו בעצאָהלען.

— ביי די דאָזיגע ווערטער זיינע האב איך דערפיהלט, ווי דאס בלוט הויבט אָן אין מיר צו קאָכען, נור איך האב זיך גובר געווען און רוהיג געזאָגט:

— סטייטש, סאַלאָמאָן מארקאוויטש, גאָט איז מיט אייך. איהר האט א פנים געמוזט פערגעסען, אז געליהען האט די מוהמע נאר פינף־און־צוואַנציג. זי האט טאקי געחתמעט א כתב אויף פופציג, אבער געגעבען האט איהר איהר נישט מעהר ווי פינף־און־צוואַנציג. און א חוץ דעם האט זי דאך אין די צוויי יאָהר אייך בעצאָהלט רוחים איבער א הונדערטער.

„— דאס זענען פוסטע טענות, הירשעל, — האט דער כאַנדיט קאַלטבלוטיג געענטפערט. — דער וועקסעל איז אויף פופציג רובל און העגע לאה וועט וויינען און בעצהלען די פופ־ציג רובל מיט אלע קאָסטען. איך וועל קיין איין טאָג נישט וואַרטען.

„— זי האט דאָך אבער נישט. זי איז דאָך אַנ'אָרימע אַלמנה, — האב איך קוים ארויסגערעדט און איינגאַנצען געצי־טערט פון כעס.

„— דאס געהט מיר נישט אָן, — האט ער ווידער קאַלט־בלוטיג געענטפערט מיט א טייוולאָנישען שמייכעל.

ס'וועט דאָך איהר אויסקומען אויסגעהן פון הונגער מיט איהרע זעקס אונשולדיגע יתומים...

— הערשעל, פוסטע טענות. דאס אלץ געהט מיר גאָר־נישט אָן...

— לענגער האב איך מיר נישט געקאָנט בעהערשען, און אויסשרייענדיג: „טאָ וועל איך אייך פאר איהר בעצאָהלען!", האב איך מיט'ן גאַנצען אומפעט איהם געגעבען א טראך אין דער מאָרדע מיט מיין אייזענעם קולאַק אזוי, אז ער האט זיך בא־גאסען מיט בלוט פון מויל, פון נאז, פון די אויערען און איז אומגעפאלען צוזאַמען מיט'ן פאטעל אויף דער פאָדלאגע אויס־הויכענדיג די טריפה'ענע נשמה..

X

— דערזעהענדיג דעם רעזולטאַט פון מיין מתנת־יד, בין איך געבליבען שטעהן א ערשיטערטער, א צעמישטער, א דערשראָ־קענער, ווייל אויף אזא סוף האב איך נישט גערעכענט. איך האב איהם געוואָלט אָ נ ל ע ר נ ע ן, אבער נישט מ מ י ת'ן. און אַזוי שטעהענדיג, האב איך דערזעהן אויפ'ן טיש זיין קאַפעליוש און מיר איז פלוצלינג געקומען אויף די געדאַנקען א סגולה, וואס איך האב אמאָל געהערט פון איינעם א חברה־מאן אין אונזער „גאסט־הויז": „אַז מ'הרגעט עמיצען, זאל מען זיין היטעל בע־גראבען אין דער ערד, וועט מען דעם מערדער קיינמאָל נישט ענטדעקען". אויף מיין גליק איז אין שטוב קיין שום לעבעדיגער מענש נישט געווען. האב איך געכאַפט זיין קאַפעליוש, בין שנעל

אַרויס פון זיין שטוב, האָב זיך געלאָזט לויפן דורך די פינס־טערע געסלעך, בין אריין אין שטאָל פון די פערד, האָב דאָרט בעגראבען דעם קאַפעליוש, און פטור.

אויפן צווייטען טאָג, גאנץ פריה, האט זיך אין שטעדטעל געררודערט: בכן גזלנים זענען אין דער נאכט אַריין צו שלמה נעכעס, האָבען איהם דערהרגעט בערויבט אַלע טייערע משכּנות פון זיינע בעלי־חובות, ווי אויך אַ סך מזומנים, און זענען ווי אין וואסער אריין. אַ פּנים, אַנטלויפענדיג אין איילעניש פון גרויס שרעק, האָב איך די טיר הינטער מיר געלאָזט אָפען, און דער־מיט האָבען זיך בענוצט די נאכט־פויגלען...

— די ערשטע עטליכע טעג איז דאס שטעטעל געגאנגען כאדאָראָם. עס האט געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל. פּאָליציע, דער סלעדאָוואטעל, סיסטשיקעס, מ׳האט געזוכט, געשנאָרכט, געפארשט, נ׳איז אָבער אויף קיין שפור נישט געקומען, און נאך אַ וואָך צייט איז געוואָרען שטיל, ששאַ און פטור. איך מוז אייך זאָגען, אַז דער דאָזיגער שלמה נעכעס איז געווען אַנ׳אַלטער כּאָלאסט־יאַק, ער האט נאָך זיך קיין שום פאַמיליע נישט געלאָזען. דער איינציגער יורש זיינער איז געווען עפּעס אַ ווייטער קרוב, אַ קבצן אויף דריקעס, וועלכען דער וואוכערניק האט ביים לעבען אויף זיין שוועל נישט ארויפגעלאזט, איז ער גאר געווען צו־פרידען פון דער גאנצער מעשה. אַט וועט ער טאַקי אַצינד געהאָלפען ווערען און אָפּלעקען אַ ביין. און אַז די בעל־חובות האבען נישט איינגעלעגט וועלטען נאך זייער פּיאַווקע, פער־שטעהט איהר דאך מסתמא. נו, מילא, איז טאַקי געווארען שטיל, ששאַ.

— אַזוי זענען זיך אוועק צוויי־דריי וואכען, קיינער טשע־פּעט מיך נישט. קיינעם פאַלט גאָרנישט איין, מיך חושד צו זיין איך בין אויך רוהיג געוואָרען. אַ פּנים דער „רבי״ מיינער האט ר׳עכט געהאַט: דאס בעגראָבען דעם קאַפעליוש איז אַ גוטע

סגולה. און אזוי האב איך זיך רוהיג פערנומען מיט מיין פרנסה, און פטור.

— פלוצלינג, ערב יום־כפור איז דאס געווען, צו כל־נדרי שטעה איך אין שוהל אין קיטעל און אין טלית, ווי דער דין איז, פאַלט אריין צו מיר אָהן אַנ׳אָטהעם הענע־לאהס עלטסט מיידעל און רוימט מיר איין אין אויער, אז מיין שטוב איז אַרומגערינגעלט פון פאָליציע...

— די דאָזיגע בשורה האט מיך אָשעלאמיעט פונקט ווי איך וואלט געכאַפּט מיט אַ לאָם איבער׳ן מח. איך האב זיך בגנבה ארויסגערוקט פון שוהל, כדי צו מאכען אַ ויברח. ס׳איז שוין אבער געווען צו שפעט. אין דרויסען פאַר דער שוהל הייסט עס, האבען מיר אָבגעוואַרט עטליכע פּאָליציאַנטען און טישטשיקעס, און האבען מיר מיט גרויס פאַראד געפיהרט צו מיין דירה.

— דארט, אין מיין שטוב הייסט עס, ביים טיש, אויף וועלכען עס האט געברענט אין אַ מעדניצע מיט זאַמד די וועק־סענע „נשמה־ליכט״, איז געזעסען דער סליעדאוואטעל, דער סטאַנאָוואָי, דעם סלידאוואַטעל׳ס סעקרעטאר, און פאַר זיי איז געלעגען דעם הרוג׳ס קאַפּעליוש, וועלכען איך האט בעגראבען אין שטאל... דאס איז געווען דער איינציגער בעוויז, אז איך בין געווען דער מערדער.

— אין אסטראָג האבען מיר מיינע נייע קאמעראַדען געמאכט אַ פייערליכען קבלת־פנים און אויסהערענדיג די מעשה מיט דעם נאַרישען קאַפּעליוש, צוליב וועלכען איך בין אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלען, האבען זיי זיך טויט־געלאַכט און מיר גע־קרוינט מיט׳ן נאמען „גרישקא קאַפּעליושניק״...

— עך, ליבער איד, פאַסקודנע אויף דער נשמה!... שוין צוואנציג יאָהר פערלאָפען, און איך קאן נישט פערגעסען דאס צעקיילטע, פערבלוטיגטע פנים פון דעם וואוכערניק מיט די

אויסגעגלאָצטע אויגען... טאקי זיין שולד, טאקי ער האט מיך דער׳רגז׳נט, איך האב איהם טאקי נישט געוואָלט דערהרגענען, איך האב איהם אבער דאך דערהרגעט...

דער יאַמשטשיק איז פערשוויגען געוואָרען, ער האט זיך אויסגעדרעהט צו די פערד, זיי א שמיר געגעבען מיט דער בייטש, און פון זיין אַטלעטישער ברוסט האט זיך אַרויסגעריסען א טיפער זיפץ.

די לבנה איז ביסלעכווייז בלאַסער געווארען, די שטערען האבען איינציגווייז פערלאָזט דאס בלויע געוועלב, אויפ׳ן מזרח האט זיך דער האָריזאָנט בעדעקט מיט א מאַטער פורפור־רויט־קייט פון דער אויפגעהעבדער ווינטער־זון, און ווייט־ווייט האבען געגלאַנצט די פערגולדעטע קופּאָלען פון אַקמאָלינסקער צערקווע...

אהיים...

— זייט אַזוי גוט: אָט דאָ האָט איהר אַנ׳אָבטיילונג פאַר נישט־רויכער, פערנעהמט פּלאַץ. — האָט זיך אָנגערופען דער קאָנדוקטאָר, עפענדיג די טהיר פון דעם קופּע, אין װעלכען איך בין געזעסען איינער אַליין, ווען דער קוריער־צוג איז געבליבען שטעהן אויף צעהן מינוט פאַר דער סטאַציע אָטשינסק.

מיט אַ קליין וואַליזקעלע אין דער האַנד איז אין קופּע אַריינגעגאַנגען אַ יונגערמאַן פון אונגעפעהר אַ יאָהר פינף־און־צוואַנציג, מיט דונקעלע זאַפטיגע אויגען, מיט אַ סימפּאַטישען בלאַסען, גלאַט אָבראַזירטען געזיכט, און אין אַ ברוינעם אַנצוג, װעלכער איז, אַ פּנים, נור־וואָס געקויפט געוואָרען, אין אָטשינסק ביי אַטאַנדייטניק, ווייל דער אַנצוג איז אויף דעם יונגערמאַן געלעגען נישט איבעריג צוגעפּאַסט לויט די פיגור.

— ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אייך בעאונרוהיגט, — האָט זיך צו מיר נישט דרייסט געווענדעט דער נייער פּאַסאַזשיר נאָך דעם, ווי ער האָט היגטער זיך פערמאַכט די טהיר

פון קופע. — אין גאַנצען וואַגאָן איז דאס די איינציגע אָבטיי־לונג פאר נישט־רויכער. און איך... און איך...

דער יונגערמאַן האט נישט געקאָנט אַרויסזאָגען דאס, וואס ער האט געוואלט. ער האט זיך געכאַפּט מיט דער האַנד פאר זיין ברוסט, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער וויכער באַנק, און זיך פונאַנדערגעהוסט.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, גנעדיגער העררֿ, — האט דער יונגערמאַן זיך ווידער צו מיר געווענדעט, שווער אָטעמענדיג, ווען דער הוסט־אַנפאַל איז איהם איבערגעגאַנגען. איהר האט נישט אין וואס זיך צו ענטשולדיגען פאר מיר.— האב איך געענטפערט. — אין קופע איז דאָ פּלאַץ פאר פיער פּאַסאַזשירען, און איך האב בעצאהלט נור פאר איין פּלאַץ... אדרבה. וועט זיין וועניגסטענס מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדען.

— איהר וועט מיר ערלויבען זיך אייך פארצושטעלען, — האט דער יונגערמאַן מונטערער געזאגט, און נישט וואַרטענדיג אויף מיין איינשטימען, האט ער צו מיר אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנד און געזאגט:

אידעלעוויטש, דאוויד אַבראַמאוויטש אידעלעוויטש... פון קרעמענטשוג.

איך פון מיין זייט האב אויך אנגערופען מיין נאמען, איך האב פריינדליך געדריקט זיין אויסגעשטרעקטע האַנד, און עס האט מיר אַ שטאָך געטהון אין הארצען. זיין האנד איז געווען שרעקליך מאגער און הייס, און איך האב פערשטאַנען, אז איך האב דא פאר זיך אַ קאַנדידאַט אויף שווינזוכט, און אפשר שוין טאקי אַ דעקלאַרירטען סוכאטניק...

— ווייט פאהרט איהר? — האט מיך געפרעגט מיין בײ־ער בעקאַנטער און פון דעם אויסדרוק פון זיינע אויגען האב

איך געמערקט, אז ער האט א שטאַרקע לוסט צו פערפיהרען א ברייט געשפרעך, וואס איז אזוי כאראַקטעריסטיש ביי די דאזי-גע קראנקע, אבוואהל דאס רעדען איז פאר זיי דוקא שעדליך.

— איך פאָהר ביז אָמסק. — האב איך געענטפערט.

— ווען וועלען מיר זיין אין אָמסק?

— איבערמאָרגען ארום 3 — 4 א זייגער באַכמיטאג.

— וועלען מיר, הייסט עס, פאהרען צוזאמען א שעה דריי-סיג אינגאנצען? — האט אידעלעוויטש געזאגט מיט אַנ׳אומעטיג-געווארענער שטים.

— יאָ ליבער פריינד, אינגאנצען א שעה דרייסיג. נור זייט רוהיג. אָמסק איז א קרייז-שטאדט, דארט וועלען בלי ספק איינ-שטייגען פרישע פאַסאזשירען, און אייך וועט נישט זיין לאנגווייליג.

— ווער ווייס, וואס פאר א פאַסאזשירען דאס וועלען זיין...

— מיט׳ן קוריער-צוג פאָהרט נישט אבי-ווער, און אפשר וועט מיין פלאַץ נאך פערנעהמען א יונגע שענע דאַמע... וועט אייך אוודאי זיין אנגענעהם.

אידעלעוויטש האט אָבגעזיפצט מיט א דרויעריגען שמייכעל און האט געמאכט א בעוועגונג מיט דער האנד, ווי איינער זאָגט:

— וועלכע יונגע שענע דאמע וועט זיך אינטערעסירען מיט אזא שבר-כלי?...

און איך פאהר אַ ה י י ם, — האט ער פלוצלינג זיך אָב-גערופען מיט פרייד, און זיין געזיכט איז געווארען הייטערער, צופריעדענער. — ענדליך פאהר איך אַ ה י י ם, אין מיין געבורטס-שטאָדט, אין קרעמענטשוג, הייסט עס, צו מיין מוטער, צו מיין פאָטער, צו מיינע ברידער, און שוועסטער, צו מיינע חברים, צו מיין געליעבטען דניעפּר... איך פאָהר א ה י י ם. אַך וואס פאר א זיס געפיהל...

און ווידער האט ער נישט געקאָנט ענדיקען דעם זאַץ צוליעב דעם הוסט-אָנפאַל.

— שוין לאַנג זענט איהר פון קרעמענטשוג? — האב איך געפרעגט נאָך דעם, ווי ער האט זיך בערוהיגט.

שוין העכער פינף יאָהר.

— און די גאנצע צייט אַלץ אין סיביר?

— יאָ, די ערשטע דריי יאָהר בין איך געווען אין טאַ-ראַ, אין טאבאָליער גובערניע, ביים טייך אָב. דארט האט מיר דער קלימאַט נישט געדיענט. איך בין כסדר קראַנק געווען. אַ חוץ דעם האט דארט געהערשט אַ דראַקאָנישער רעזשים אין בעצוג צו די פּאָליטישע פערשיקטע. אויף אַלע מיינע בריעף האב איך פון דער היים קיין שום תשובה נישט בעקומען. די פּאָליציי האט פשוט אַלע אונזערע בריעף פערניכטעט. ענדליך בין איך שווער קראַנק געוואָרען אויף אַ לונגען-ענטצינדונג. און נאָך דעם קריזיס האט זיך די דאָקטוירים-קאמיסיע ארויסגעזאָגט פאר דעם, אז איך מוז איבערגעשיקט ווערן אין אַ לייכטערען קלימאַט. האט מען מיר בעשטימט צו וואוינען אין מיגוסינסק, וועלכער ליעגט אין דרום, אין דער אזוי גערופענער „סיבירער איטאַליע", דאס הייסט, צווישען די אלטאי-געבירג, ביים טייך יעניסיי. דארט בין איך ווי עס איז געקומען צו זיך און האב זיך אָנגעהויבען פיהלען בעסער. געוואוינט האָב איך אין מיגו-סינסק אין דעם זעלבען הויז, אין וועלכען עס האט אמאָל גע-וואוינט דער פערשיקטער פירשט אַלעסאַנדער קראָפּאָטקין. — האט מיין נייער בעקאַנטער פערענדיגט מיט אַ געוויסען שטאָלץ.

— דאַרף איך אייך פרעגען, פארוואָס איהר זענט בע-שטראָפט געוואָרען?

— איך בין נישט בעשטראָפט געוואָרען געריכטליך. איך בין פערשיקט געווארען אַדמיניסטראטיוו.

— וויפיעל זענט איהר דאמאָלס אלט געוועז?

אַכטצעהן יאָהר. איך בין דאמאָלס געוועז אין אַכטען קלאס גימנאַזיום. אין דרום-רוסלאנד זענען דאמאלס עפּידעמיש אויסגעבראָכען אנטי-אידישע פּאָגראמען. האבען מיר, אינטעליגענטע יונגוואַרג אין קרעמענטשוג, אָרגאַניזירט אַ אידישע זעלבסטשוץ, האט מען אונז „פערשאָטען״, און בעת דער רעוויזיע, וואס די זשאַנדארמעריע האט דורכגעפיהרט און אונזער הויז, האט מען אין מיין בעט געפונען אַנ׳אָנגעלאדענעם „בראַונינג״, און דערצו נאך דעם קאָמוניסטישען מאניפעסט פון קארל מארקס און אנדערע סאָציאַליסטישע בראָשורען. פערשטעהט זיך, אז מען האט מיך באלד אָבגעפיהרט אין דער אָכראַנע, פון דער אָכראַנע אין דער קרעמענטשוגער טורמע, פון קרעמענטשוגער טורמע אין דער בעריהמטער כאַרקאָווער „צענטראַלקע״, און פון דאָרט בין איך, אויף דער פעראָרדנונג פון אינערן-מיניסטער, אַדמיניסטראַטיוו פערשיקט געווארען אויף פינף יאָהר נאך סיביר. די פינף יאָהר זענען ווי עס איז פערשוואונדען געוואָרען, און איך פאָהר אַ היים... נאָך אַ טאָג צעהן, און מיינע עלטערן וועלען מיך צודריקען צו זייער ברוסט.

ביי יעדען מאל, ווען דער בעפרייטער פערשיקטער האט ארויסגעזאגט די ווערטער: „איך פאהר אהיים״, האבען זיינע אויגען בעזונדערס געשיינט און אויף זיין קרענקליכען געזיכט האט זיך אבגעשפּיגעלט דאס געפיהל פון אַנ׳אונענדליכען גליק און פון אַ זיסער האפנונג.

— יא, יא, — האט ער געזאגט. — די זשאנדארמעריע האט דא אין רוסלאנד פערמאכט פאר מיר די טויערען פון די העכערע לעהר-אנשטאלטען. די וועלט איז אבער גענוג גרויס. איך וועל זיך אין דער היים אפּאר חדשים אויסרוהען, ערהאָלען און וועל דערנאך אוועקפאהרען שטודירען קיין אויסלאנד...

די שטונדען און דער קוריער - צוג זענען שנעל געלאָפען פאָרווערטס. מיר האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר דערנעהנ-טערט צו אָמסק, און דער שווינדזיכטיגער האט נישט אויפגע-הערט צו דערצעהלען און רעדען פון די פלענער אין דער צו-קונפט נאך דעם, ווען ער וועט אַהיים קומען...

פלוצלינג אַוויאָרסט צוואַנציג פאַר אָמסק, ביים ראַזיעזד גוסטאַפיעוואָ, וואו קיין שום פּאַסאזשיר-צוג האַלט נישט אָן, איז אונזער קוריער-צוג געבליבען שטעהן, און איידער איך האָב בע-וויזען אַרויסצוגעהן אין קאָרידאר און ערפאַהרען וואס עס איז געשעהען, האט זיך די טיר פון אונזער קופּע האסטיג אויפגע-עפענט און אַהויכער דיקער הערר אין יאַגד-קליידער מיט אַ יאגד-ביקס פערהאָנגען אויפן אקסעל, האט מיט אַבאַריטאָן-שטים גערופען:

— דמיטרי פּאוולאָוויטש! גאָספאדין! אָט דא איז אַ פרייע קופּע.

דער צוג האט זיך געריהרט פון אָרט און אין אונזער קופּע האָבען זיך אחוץ דעם ערשטען יעגער, בעזעצט נאָך דריי העררן אין יאגד-קליידער און מיט יאגד-ביקסען. אלע זענען זיי געווען נישט זעהר ניכטערן. אלע האבען זיי מיט איין מאל גע-לאכט און גערעדט פון זייערע נצחונות בעת דער יאגד, און אלע האבען זיי געראויכערט זייערע דיקע ציגארען, אזוי אז די לופט אין קופּע איז געוואָרען אונערטרעגליך שטיקענד, פון וואס דער אונערטרעגליכער אידעלעוויטש האט זיך שרעקליך פונאנ-דערגעהוסט.

— מיינע העררען — האט זיך אידעלעוויטש געווענדעט צו די יעגער, ווען דער הוסט האט אויפגעהערט. — ערשטענס, איז דא אין קופּע פארהאן פלאַץ נור פאר פ י ע ר, און נישט פאר ז ע ק ס פּאסאזשירען, און צווייטענס, איז אין דעם קופּע פערבאטען דאס רויכערען.

— האלט דאס מויל, דו זשיד נאכאל — האט אויסגע־שריען דער יעגער, וואס איז דער ערשטער אריין אין קופע.
— וואט זשידאָווסקאיע נאכאלסטוואַ!

— עס איז נאך א גרויסע פראגע, ווער דא איז דער נא־כאל! — האט אידעלעוויטש אָפּגעענטפערט מיט אַן׳אויפגערעגטן קול.

די געזיכטער פון דער פיער־קעפּיגער געזעלשאפט האָבען זיך אָנגעצונדען פון כּעס און דער ערשטער פון זיי האט כּלומר׳שט רוהיג, מיט אַן׳איראָנישען שמייכעל, געזאָגט:

— שאַדט נישט, מיר וועלען שוין די זאַך אין אָמסק ערלעדיגען...

ווען דער צוג איז געבליבען שטעהן פאַרן וואָקזאַל אין אָמסק, זענען אין אונזער וואגאָן אריינגעקומען עטליכע זשאַנ־דארמען, זיי האבען אידעלעוויטשן געהייסען נעהמען זיין וואַליז־קעלע און האבען איהם אַראָבגעפיהרט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער באַהן־זשאנדארמעריע, וואו עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן א פּראָטאָקאָל, אז בכן דער קרעמענטשוגער מיעשטשאנין, דער איד דאָוויד אבראַמאָוו אידעלעוויטש, דער נור־וואס בעפרייט גע־וואָרענער פּאָליטישער אדמיניסטראַטיווער פערשיקטער, האָט עפּענטלעך פ ר ע ך בעליידיגט די אָרטיגע העכסטע מאַכט, דאס הייסט: דעם אָמסקער גובערנאַטאָר, דעם קרייז־שעף פון דער זשאנדאמעריע, דעם פּאָרזיצענדען פון קרייז־געריכט און דעם פּראָקוראָר פון געריכט.

דאָס זענען געווען די פיער יעגער, פאר וועלכע עס איז אָבגעשטעלט געוואָרען דער קוריער־צוג ביי דעם ראזיעזד גוסטאפיעוואָ.

„דער פּראָטאָקאָל איז טעלעגראפיש אָבגעשיקט געווארען

צום אינערן-מיניסטער קיין פעטערבורג, און אין אפאר טעג ארום, אויף א טעלעגראפישען בעפעהל פון מיניסטער, איז דער „געפעהרליכער רעוואלוציאנער”, דער איד דאוויד אבראמאָוו אי-דעלעוויטש מיט זיין וואליזקעלע, אין דער בעגלייטונג פון צוויי זשאנדארמען, אנשטאָט אהיים, געפאָהרען אויף נאָך פינף יאָהר אדמיניסטראטיווער פערשיקונג אין יאקוטס-קער גובערניע.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

סיבירער „באַטיסטיני״

דער פאָרהאַנג איז שוין לאַנג אראָבגעלאָזען, מאסענע׳ס רייצענדע אָפּערע „ווערטער״ איז געענדיגט, אין טעאַטער דוּ־נערט און הילכט פון אַפּלאָדיסמענטען און פון עקסטאַזפולע אויס־געשרייען; „בראַוואָ, סראקאציני!״. און איך זיץ אָנגעלעהנט אויף דעם באַריער פון דער לאָזשע, ווי בעצויבערט דורך דער וואונדערבארער שטימע פון פענאָמענאַלען זינגער.

— ווענימאָין יאַקאוולעוויטש! — האט מיך פּלוצלינג אויפ־געוועקט פון מיין טרוים מיין אירקוּטסקער קליענט, — קומט, זינאַאידא יעווסעיעוונאַ וואַרט אויף אונז מיט׳ן אָווענד־ברויט.

— נו, ווי איז אייך געפעלען אונזער סיבירער „באַטיס־טיני?״ — האט זיך צו מיר געווענדעט זינאַאידאַ יעווסעיעוונאַ, מיין קליענט׳ס פרוי, ווען מיר זענען געזעסען ביים קיילעכדיגען, מיט כל־טוב געדעקטען טיש.

— „סיבירער באַטיסטיני״? — האָב איך האַלב פערטרוימט איבערגעפרעגט.

— מיט דעם נאָמען האבען סראָקאָציני געקרוינט אונזערע מאלאָמאַנען און אונזער מוזיק־קריטיק. — האט מיר ערקלערט מיין קליענט.

— און דאָס איז לחלוטין נישט איבערטריבען, — האָב איך דערויף בעמערקט, — איך האָב געהאַט דאס פערגעניגען צו הערען איהם אַליין, באַטיסטינין, אין „ווערטער". דאס איז איינע פון די קרוין־ראָלען פון דעם גרויסען קינסטלער, און איך מוז מודה זיין, אַז אייער סראָקאָציני האָט זיך נישט גע־גען איהם צו שעמען.

— הייסט עס, אַז מיר, סיביריאַקעס, זענען אויך שטיק־לעך מבינים אויף קונסט — האט זיך אָנגערופען די הויז־ווירטין.

— אָ, אין דעם האב איך קיינמאָל נישט געצווייפעלט. זינאַאידא יעווסעיעוונאַ! נור ווער איז ער, אָט דער סראָקאָציני?

— אַ פערשיקטער — האָט יאַקאָוו אַבראמאָוויטש געענט־פערט.

— אַ פאָליטישער? — האב איך ווידער געפרעגט.

— אַ קרימינעלער.

— וואָס?...

— אַ קרימינעלער פערברעכער — האט מיין קליענט ווי־דער קורץ געענטפערט.

— און וואו האט ער פריהער געשפילט?

— פריהער איז ער קיין אַרטיסט נישט געווען.

— און וואו האט ער שטודירט?

— אין אונזער אַלעקסאַנדראָווער קאַטאָרזשנער טורמע.

— ניין, יאַקאָוו אַבראמאָוויטש! איך הויב נישט אָן צו פערשטעהן... און צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט געהערט ער?

— ער איז אַ איד. סראָקאָציני איז בלויז זיין טעאַטראַלער פסעדאָנים... נור אט וואס איך וועל דיר זאָגען: מאָרגען איז זונטאָג, וועט דאָ ביי אונז זיין סראָקאָציני צו מיטאָג, קום דו אויך, וועסטו זיך מיט איהם בעקענען, און ער וועט דיר דער־צעהלען זיין ביאָגראַפיע פון אלף ביז תו.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז סראקאָצינ׳ געזעסען ביי מיר אין נומער, און בעשיידען, אָפענהערציג מיר דערצעהלט זיין טרויעריגע פערגאַנגענהייט.

* * *

איך בין געווען אַ קרבן פון אונזער פאַנאטיזם, מיין ליעבער פריינד, האט ליאָוו אָסיפּאָוויטש אָנגעהויבען מיט אַ ביטערען זיפץ זיין ספור־המעשה.

— „קענט איהר די פּאָוויאטאָווע שטאדט סראָקאָצק אין קאנגרעס־פוילען? דארט בין איך געבוירען. דארט האב איך מיינע עלטערן פערלוירען, ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָהר, דאָרט האב איך צוזאַמען מיט אַלע אָרעמע, דערשלאגענע, אידי־שע יתומים געלערנט אין תלמוד־תורה, צוגעהונגערט, געגאַנגען קרוע־בלוע, אויסגעבלאַסט, אויסגעדאַרט, און דארט בין איך גע־ווען צוויי יאָהר חזן אין דער גרויסער שוהל.

„— די חזנות איז צו מיר איבערגעגאַנגען בירושה פון דעם אַלטען חזן, ר׳ בעריש שיקאווער, עליו השלום, ביי וועלכען איך בין העכער צעהן יאָהר געווען משורר, פון אָנהויב אַלס סאפּראַן און שפּעטער אלס באַריטאָן, און דאָס זענען געווען מיינע שענסטע, מיינע גליקליכסטע יוגענד־יאָהרען.

„— ר׳ בעריש שיווקאָווער האט מיר אַריינגענומען צו זיך אין דירה. ער און זיין ווייב האָבען מיר בעהאַנדעלט ווי אַ אייגען קינד. זייער בת־יחידה, חנה׳לע, איז צו מיר געווען ווי א שוועסטער.

„— די צייט איז געלאָפען, איך בין געוואַקסען, פון סאפּ־ראַן האט זיך אויסגעבילדעט אַ באַריטאָן און איך בין געוואָרען דער הויפּט־משורר ביים סראָקאָצקער חזן.

„— איינמאל רופט מיך ר׳ בעריש אין אַ בעזונדער צימער,

קוקט מיר אָן שווייגענדיג אַ פּאָר מינוט און ווענדעט זיך ענד־ליך צו מיר מיט פאָלגענדע ווערטער:

— הער־זשע, לייביש, דו ביזט נעביך פון קליינוויין אָן, נישט פאַר קיין אידיש קינד געדאַכט, א קיילכיגער יתום, עלענד ווי אַ שטיין אַז גאט זאל רחמנות האָבען, איך בין שוין אַלט, שוין אַריבער די זיבעציג, די כּוחות געהען אויס, די שטים ציטערט און וויל מיך מעהר נישט פאָלגען, די פיס זאָגען זיך אָפּ, קאָנען שוין נישט שטעהןביים עמוד, איך פיהל, מ'רופט מיר שוין אַ „היים", בלייבט נעבעך מיין אַלטיטשקע א ביטערע אלמנה, און חנה'לע אַנ'אָרימע יתומה. דו פערשטעהסט, ליביש?... מיין איך מ'זאל מיט מזל שרייבען תנאים, קיין מזומנים האָב איך נישט, איז ער אין הימעל מיין עדות. נור פאר דיר נדן האב איך... אָט זעהסטו, ליבושקע — א כתב פון די ראשי הקהל, אז נאך דעם, ווי דו וועסט חתונה האָבען מיט חנה'לען, ווערסטו אויף מיין אָרט שטאדט־חזן. דו הערסט?

וואס ביי מיר אין האַרצען האט זיך אָבגעשפּילט אין יענעם אונפערגעסליכען מאָמענט קאן איך אייך מיט ווערטער נישט איבערגעבען. איך האב אמת'דיג ליעב געהאַט די אַלטיטש־קע און ליעב געהאט חנה'לען. איך האב דעם חזן נישט גע־ענטפערט. איך האב איהם נור געגעבען תקיעת־כּף און פון מיי־נע אויגען האבען אויף אונזערע הענד אראָבגעטריפט צוויי הייסע טראָפען טרעהרען...

נאך אין אָוועגד פון יענעם טאג איז געשריבען געוואָרען תנאים, אין אַ חודש ארום האט מען געשפּילט אונזער חתונה, איך בין געוואָרען שטאָדט־חזן, ר' בעריש האָט נאך זוכה גע־ווען צו הערען דאס ערשטע, שטאַרק געלונגענע „ראש־חודש־בענשען" פון זיין חנה'לעס מאַן און זיך רוהיג נפטר־געוואָרען. און סראָקאָצק איז געווען ענטציקט פון איהר נייעם חזן.

* * *

„— צוויי מענשען אין שטעדטעל זענען מיר געווען בלו־טיגע שונאים, איינער איז געווען חיים באַס, אויך אַ משורר ביי ר׳ בעריש׳ן און שפּעטער ביי מיר. דער צווייטער איז געווען צמח דער שוהל־שמש.

„— חיים באַס האט שוין פון לאַנג געוואָרפען אַן אויג אויף חנה׳לען, האב איך דאך עהרליך פערדינט, ער זאל מיר זיין אַ דם־שונא. און צמח דער שמש האט געהאַט אַ צרה׳דיגע בוגרות, וועלכע ער האט שטאַרק געוואָלט פערשלייערען, האט ער צו מיר געשיקט אַ שדכן, צוגעזאָגט טויזענד גולדען נדן און צוויי יאָהר קעסט, און איך האב מיך פון דעם גליק ענט־זאָגט. איז ער מיר געוואָרען אַ שונא. הגם זיין טאָכטער האט גלייך חתונה געהאַט מיט׳ן זעלבען חיים באַס. נור שונאים איז מען מיר פערבליבען, שטילע, פערביסענע שונאים, און מען האט כּסדר געזוכט די געלעגענהייט מיר אונטערשטעלען אַ פוס און זעהען מיין מפּלה.

„— אין משך פון די צוויי יאָהר, וואס איך בין געווען חזן, זענען זיי מיר כּסדר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז. נישט איינמאָל האבען זיי אויסגעטראַכט בלבולים שקרים מיט דעם צוועק צו בעשמוצען מיין רעפּוטאציע און אַזוי ארום מיר ארויסבייסען פון די חזנות. ראשית — האבען זיי זיך סתּם געוואָלט אין מיר נוקם זיין, און שנית — האבען זיי געגלויבט אַז ווען זיי וועלען פון מיר פּטור ווערען, וועט ער, חיים הייסט עס, ווערען חזן. און דערביי זענען זיי געווען אזוי פרעך, אַז אין די אויגען האָבען זיי מיר געחנפ׳עט און געשפּילט די ראָלע פון מיינע בעסטע פריינד. איך האב דאס אַלץ געוואוסט און געדריקט שטילערהייד ביי זיך אין בוזעם.

„— איינמאָל אנהויב חודש אלול, אין אַ מאַרק־טאָג, ווען די אלע ארומיגע פּריצים קומען זיך צוזאמען אין שטאָדט, האב איך געהענדיג אין דער פריה פון דאַווענען, דערזעהען אויפ׳ן

ראָטהויז אַנ׳אַפּיש מיט גרויסע אותיות: „דורכפאָרענדיג פון קראָקוי קיין וואַרשא, וועט דאס בעריהמטע וויענער דאַמען־קוואַר־טעט, היינט אַכט אַזייגער אין אָוונד געבען איין קאָנצערט פון מאָצארטס בעטהאָווענ׳ס און שובערטס קאָמפּאזיציעס אין פּליאקעוויטשעס זאַל״.

„— איך בין דאַמאָלס אַלט געוועז צוויי און צוואַנציג יאָהר. פון דער גרויסער ברייטער וועלט האָב איך קיין שום השגה נישט געהאַט, נור וועגען די גרויסער מוזיקער האט מיר ר׳ בעריש שפּאַנקאָווער פיעל דערצעהלט און איך האָב שטענ־דיג פאנטאַזירט צו הערען זייערע א קאָמפּאָזיציע. היינט קאָנט איהר אייך דענקען. וואס פאַר א מאַגנעט דער דאָזיגער אַפּיש איז פאַר מיר געוועזן.

„— וואס זאָל איך אייך פיעל ברייען? — מיין חנה׳לע האָט זיך אויסגעסטאַרעוועט ביי פּליאַקעוויטש׳ען, און איך בין געזעסען אין א ווינקעלע פון דעם גרויסען זאַל און האָב גע־הערט... און בין געוועזן ווי אין זיבעטען הימעל.

„— צו־מאָרגענס בין איך גערופען געוואָרען צום רב, טרעף איך דאָרט זיצען די דריי שוהל־גבאים, טהוט מיר א שטאָך אין האַרצען.

— ליבוש — הויבט אָן דער רב, נישט קוקענדיג אויף מיר — אין שטאָדט רעדט מען, בכן דו ביזט נעכטען געזעסען ביי איהם, ביים ערל אין דער טרפה׳נער, סאָליע איז דאָס אמת?

— אמת, רבי! — האָב איך געענטפערט.

— וואס? — האָט דער רב אויסגעשריען — א איד זעצט זיך אוועק און קוקט שעה׳ן לאַנג אויף נקבות, און ווען? אין חודש אלול! און דערצו נאך א איד א שליח־צבור... א איד, וואס דאַרף אין די ימים נוראים זיין דער מליץ פונ׳ם כלל־ישראל פאר דעם דין־אמת?... אויס! דו טאָרסט מעהר קיין חזן נישט זיין...

אַ צעטומעלטער און אויפגערעגטער האָב איך שנעל פערלאָזען דעם רב'ס הויז.

„— פאַר דער טהיר פון מיין דירה איז געשטאנען מיין ווייב. זי האט מיך מיט אונגעדולד אבגעווארט און זיך אָנגערופען מיט אַ געמאַכטער רוהיגער שטים: „— איך ווייס אַלץ, ליבוש, זיי נישט פערצווייפעלט. גאט וועט אונז נישט פערלאָזען. בערוהיג זיך, בעהערש זיך, זיי זיצען דאָרט...”

„— אין ערשטען מאָמענט האָב איך כמעט נישט פערשטאנען, וואָס זי רעדט צו מיר, נור ביסלעכווייז האָבען מיר איהרע מילדע אויגען, איהר בעהאַרצט קול אויפגעמונטערט, אויפגעהייטערט און איך בין אַריין אין שטוב.

„— אַז איך בין אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב, האָב איך געטראָפען הַיים אין צמח'ן, זיי זענען געווען גאָר רוהיג, פונקט ווי זיי וואָלטען פון גאָר נישט געוואוסט. דער גאַנצער אָנגעזאַמעלטער האַס צו די דאָזיגע נפשות האָט זיך אין מיר פּלוצלינג צעפלאַקערט און איך האב מיט אַ ווילדען קול אויסגעשריען: „— ארויס פון מיין שטוב, געמיינע מוסרים! ארויס!”
— און, איך ווייס נישט ווי ס'איז געשעהן, איך האָב געכאַפּט דעם שווערען מעשענעם לייכטער, וואס איז גראדע אויפן טיש געשטאנען, און מיט אַ משונה'דיגן אימפעט געווארפען אויף מיינע שונאים. חיים איז אַ טויטער פון שטוהל אַראָבגעפאלען.

* * *

מיין גאַסט איז שטיל געבליבען. אין זיינע לעצטע ווערטער האָבען זיך געהערט ליידען פון שרעקליכער געוויסענסביסע. זיין געזיכט האָט זיך בעדעקט מיט אַ טויטער בלאַסקייט, אין זיינע אויגען האָבען געפינקעלט טרעהרען, ער האט האסטיג אויסגעטרונקען דאס קאלטע גלאז טהיי, האט נערוועז פערדרייערט אַ פאפּיראָס און האט ווייטער דערצעהלט:

דאס געריכט, פאר וועלכען איך בין געשטעלט געווארען,

האט מיר פערזאָרטיילט צו פיער יאָהר קאַטאָרזשנע אַרבייט און נאכדעם צו בלייבען דאס גאַנצע לעבען אין סיביר.

„— איך האב דעם אורטייל אויסגעהערט רוהיג, איך האב איהם מקבל באהבה געווען, איך האָב איהם בעטראַכט, ווי א עונש, וואס וועט אין א געוויסער מדרגה פערלייכטערען מיין געוויסען און אָבוואַשען מיין בלוט־פלעק. איך האב געדאַנקט די ריכטער, זיך ענטזאַגט פון מיין רעכט צו אַפּעלירען, און אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך מיט׳ן עטאַפּ פערשיקט געוואָרען אין היגער אַלעקסאנדראָווער קאַטארזשנע טורמע.

„— אפשר האט איהר געלייענט, אָדער געהערט וואס ס׳האט פּאַסירט אין א געוויסען טעאַטער אין איינער פון די הויפּט־שטעדט מיט א יאָהר 10 צוריק? א בעריהמטער אָפּערן־אַרטיסט, שפּילענדיג די ראָלע פון „אָטעללאָ”, האט „דעזדעמאָ־נאַ׳ן” דערשטיקט אויף דער ביהנע פּאַקטיש, ווייל די זינגערין, וואס האָט געשפּילט „דעזדעמאָנאַ” איז געווען זיינע א געליבטע, און ער האט געהאַט א פערדאַכט, אז זי האט איהם פערראַטען מיט א הויכגעשטעלטער פּערזאָן. דער דאזיגער אַרטיסט איז פערזאָרטיילט געוואָרען צו זעכצעהן יאָהר קאטארגע און ווען איך בין אָנגעקומען אין אַלעקסאַנדראָווער טורמע, איז ער שוין דאָרט געווען א תּושב.

„— א הויכע, אַטלעטישע פיגור, מיט א גרוי־שווארצען קאָפּ, מיט גרויסע, שטרענגע, שוואַרצע אויגען און מיט א שטים ווי א לייב, איז ער געווען ווי א קייזער ביי אלע קאַטארזשניקעס; ווי א קייזער האט ער געהאַט זיינע פאַוואריטען און וועה איז געווען צו יענעם קאַטארזשניק, וואס האט זיך ערלויבט צו בע־לײדיגען זיינעם א פאַווארִיט.

„— איך האב געהאַט דאס גליק צו ווערען איינער פון זיינע פאַוואריטען, און א דאַנק איהם איז מיר דאס לעבען אין „טויטען־הויז” פיעל ערטרעגליכער געווען. גלייך דעם ערשטען

טאג פון מיין אנקומען אין טורמע האט ער מיך בעטראכט מיט זיינע דורכדרינגענדע אויגען און מיך אויסגעפרעגט וועגען מיין פערברעכען און וועגען מיין גאנצע פערגאַנגענהייט, און דערנאך זיך אָבגערופען: „— נישט געזאָרגט! פיער יאָהר קאטארגע איז אַ געלעכטער. איך וועל דיך שוין מאַכען פאר א מענש. מארגען איז פראַזדניק, וועסטו מיר עפעס פארזינגען, און אצינד קום טרינקען א גלעזעל טהיי. קיין בראָנפען טאָר מען דאָ נישט טרינקען, ניין, ברודערקע!"

„— און ער האָט געהאלטען וואָרט, געמאכט פון מיר אַ שטיקעל מענש. דאס איז געווען אַנ'ארטיסט מיט הויכער מוזיקאלישער בילדונג און דערצו א טיכטיגער פעדאַגאָג. אין משך פון מיינע פיער יאָהר עבודת־פרך האט ער אויסגענוצט יעדע פרייע שעה און מיט מיר שטודירט, מיך מוזיקאליש ענטוויקעלט און איז געווען איבערגליקליך פון מיינע פאָרטשריטען.

דעם לעצטען טאָג פון מיין קאטאָרגע, א זונטאָג איז עס געווען, א פרייער טאג, האבען מיר פערבראַכט צוזאמען. ער האט מיר געגעבען עצות, ווי אזוי צו פערזיכערען מיין קאַריערע.

„— דו ביזט שוין אַ פרייער מענש, ליאָווא — האט ער געזאגט. — מיט דעם מאָמענט, ווען דו פערלאזט די דאָזיגע וויסטע מויערען, עפענט זיך פאר דיר אַ ברייטע, ליכטיגע וועלט. מיט אַ פאר וואָכען צוריק, ווען עס האט מיך בעזוכט דער דירעקטאר פון אירקוטסקער טעאַטער מיט'ן אדיוטאנט פון גענעראל־גובערנאטאָר האב איך מיט זיי גערעדט וועגען דיר, און דו קאָנסט זיין רוהיג. דיין צוקונפט איז געזיכערט.

„— אט אזוי בין איך פון ליבוש יאסעקס געווארען ליאווא אָסיפּאוויטש. פון סראָקאצקער שטאדט־חזן בין איך געווארען „סיבירער באַטיסטיני", פון חנה'לע דעם חזן'ס איז געווארען אַננא באָריסאוונא. און דאס אלץ — אַ דאנק דעם, וואס איך בין געזעסען אין פליאקעוויטשעס סאַליע אויפ'ן קאָנצערט פון דעם וויענער דאמען־קוואַרטעט.

די רעטזעלהאפטע דאמע

— אויף אייך האט זיך געפרעגט א דאמע, — האט מיר געמאָלדען דער האָטעל־דיענער אין סטריעטענסק.

— אַ דאמע? — האב איך זיך געוואונדערט.

— טאק טאטשנא, אַ דאמע.

— א יונגע?

— דאכט זיך.

— א שענע?

— איך קאָן נישט וויסען, איהר געזיכט איז געוועזען בע־דעקט מיט א שלייער. אזוי קומען זיי געוועהנליך...

— וואס האט זי פערלאַנגט?

— ווייס איך, וואס אַ דאמע קאָן פערלאנגען? — האט דער דיענער געענטפערט מיט אַ צווייד־דייטיגען שמייכעל

— ווער איז זי? ווי רופט מען זי?

— ווייס איך נישט. זי האט בלויז געזאָגט, אז זי וועט אין אייער נומער אויף אייך וואַרטען. איז זי דאָרט געזעסען אַ צעהן מינוט און אוועקגעגאַנגען.

— און האָט גארנישט געזאגט?

— ניין. דאס איז ביי אונז קיין נייעס נישט. קומען אָפט „דאמעלעך" צו אונזערע געסט... בפרט אצינד, ווען די נאוויגאציע איז אין רעכטען ברען.

— וואס פאר א דאמע האט דאס געקאנט זיין? האב איך ביי זיך געטראכט, און בין אריין צו זיך אין נומער.

אריינקומענדיק, בין איך געשטאנען אַ פּאָר מינוט און האב בעטראכט דעם נומער, איך האָב אבער קיין שום שפּור נישט געפונען, וואס זאָל מיר אויפקלערען דעם רעטזעלהאפטען בעזוך, ערשט זעצענדיג זיך ביים שרייב טיש, האב איך בעמערקט, אז די פעדער שטעקט אין טינטער, ווערענד איך לאָז קיינמאל נישט אזוי די פעדער נאָך מיין שרייבען.

— הייסט עס, אַז די דאמע האָט דא געשריבען.

הויב איך אָן זוכען. איך זוך אויפ׳ן שרייב-טיש, אין די שופלאָדען, אין בעט, און געפין ווייטער גאָרנישט.

ענדליך עפען איך דעם קופער מיט די מוסטערן און דערזעה אַ קאָנווערט אַדרעסירט:

„צום הערן שריפטשטעלער ב. ח. ר.“...

בלייב איך שוין גאָר אַנ׳ערשטוינטער. אין סריעטענסק בין איך נישט קיין שריפטשטעלער, נאָר א וואָיאזשאָר. דא אין סריעטענסק, זענען נישטאָ אַזעלכע, וואס זאָלען האבען געלייענט דאס, וואס איך האב געשריבען אין אונזער אלטער העברעאישער שפּראך. בפרט א דאמע.

ווערט די רעטזעלהאפטע דאמע פאר מיר נאָך מעהר רעטזעלהאָפט.

איך נעהם דעם קאָנווערט, זעץ זיך ביים שרייב טיש, און זעה, אז אין אָפענעם קאָנווערט ליגען צוויי בריף.

איך נעהם אַרויס דעם בריף, וואָס ליגט פון אויבען, און לייען פאָלגענדען אינהאלט:

„געעהרטער הערר! מיר, פּאָליטישע טעראָריסטען, האַלטען פון דעם יעזואיטישען כלל: „דער צוועק הייליגט דעם מיטעל“. איך האָב אַצינד פאר זיך צוויי צוועקען. ראשית, זיך בעפרייען פון די שפּיאָנען פון דעם צרס תלינים, און שנית, בעזאָרגען

די לעצטע ציילען פון אונזערן אנ׳אומגליקליכען חבר צו זיין אלטען פאָטער. דעם ערשטען צוועק מוז איך מיט אייגענע כחות דער־גרייכען, דער צווייטער צוועק קאָן דערגרייכט ווערען דורך אייער פערמיטלונג. איך האָב די עהרע אייך צו קענען פערזענליך פון די אלטע גוטע צייטען. דא האב איך אייך הייגט פריה דערזעהן צופעליג און נוץ אויס די דאָזיגע געלעגענהייט, צו ערפילען דעם לעצטען וואונש פון אַ גרויסען מערטירער. מיט דער צייט וועט איהר געוואויר ווערען ווער איך בין. זייט פאָרזיכטיג.״...

לייענדיג די דאָזיגע ציילען, האָב איך געפיהלט, ווי אַ קאַלטער עוויג טרעט אַרויס אויף מיין גאנצען קערפער. איך האב נישט געגלויבט מיינע אויגען, איך האב נישט געגלויבט מיינע פינגער, אַז זיי האלטען פאקטיש אַזא שריפט, און מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז דאס קומט פאָר אין אַ שווערען, וויר־וואַרישען חלום.

נור ביין. איך האַלט דאָך דעם בריף אין דער האַנד און זעה דאָך ציילען שוואַרץ אויף וייס און איך שלאָף נישט, איך זיץ וואך ביים שרייב־טיש און פיהל, ווי דאָס האַרץ קלאַפט האסטיג אין מיין ברוסט.

איך הויב אָן זוכען אין מיין זכרון, צי האָב איך אמאָל נישט געהאט אַ בעקאנטע דאַמע, וואס איז שפעטער פערשיקט געווארען אַלס פאָליטישע טעראָריסטין — איך קאן מיך נישט דערמאהנען. איך האב אזאַ דאמע קיינמאָל נישט געקענט.

און די רעטזעלהאפטע דאמע ווערט מיר נאָך רעטזעלהאפטער.

איך לייען די ציילען נאך אַמאל, ווער אבער דערפון נישט קלוגער.

איך נעהם ארויס פון קאנווערט דעם צווייטען בריף. דער בריף איז אדרעסירט צו אַ געוויסען העררן איקס אין דער שטאדט איגריק. ער איז געשריבען מיט אַ שוואכער, ציטערנדער האנד, און ענטהאלט אין זיך פאלגענדעם:

אוסט-קאַראַ, 30 יוני 1895.

ליבער פאָטער! פון פעטערבורג איז אָנגעקומען א שטרענגער בעפעהל, אז אלע אידען, וואס געפינען זיך אין דער „פרייער קאמאַנדע”, זאלען צוריק איינגעשלאָסען ווערען אין דער טורמע, און מאָרגען דארף דער דאזיגער באַרבאַרישער בעפעהל פערווירקליכט ווערען. דאס פילט איבער דעם בעכער פון אונזערע גרויזאַמע ליידען, און אייניגע פון אונז האבען בעשלאָסען בעגעהן זעלבסטמארד און מאכען א סוף מיט אונזער אונערטרעגליכען גורל. ווען דו וועסט לייענען די דאָזיגע צייליך, וועט דיין בן-יחיד שוין לאנג זיין בעפרייט פון די שווערע קייטען, און זיין קראַנקער, אויסגעמאַטערטער קערפער וועט ליגען רוהיג אין פינסטערן קבר, איך געה אַוועק פון דער וועלט מיט דער האָפנונג, אז עס וועט זיך געפינען א גוטער מענש, וואס וועט דיר מיינע לעצטע ווערטער איבערשיקען, און אַז דיין הייסע פאָטערליכע ליבע וועט דיר הייסען, מיר מוחל זיין מיין פערצווייפעלטען שריט.

„לעב וואָהל, זיסער, אומגליקליכער פאָטער, גריס אַלע מיינע גוטע פריינד און דערמאַהן צו גוטען דיין ציטריגען בן-יחיד ישראל”.

בישט ווילענדיג, זענען אויף דעם בריף אַראבגעפאלען פון מיינע אויגען צוויי טראָפען טרעהרען, און איך בין געזעסען ווי א פערגליווערטער, מיין מוח איז געווען בערוישט, פול מיט אַ משונה׳דיגען כאַאס און איך האָב נישט געקאנט בעגרייפען די אויסערגעוועהנליכע סיטואַציע, אין וועלכע די רעטזעלהאפטע דאַמע האט מיך אַוועקגעשטעלט מיט איהר בעזוך און מיט די דאָזיגע בריף.

ערשט שפעטער, ביסלעכווייז האב איך זיך אָנגעהויבען אָריענטירען און געקומען צום בעוואוסטזיין, אין וואס פאַר א גע-

פעהרליכען ענין איך בין דא פלוצלינג פערפלאָנטערט. דער בעזוך פון אַנ׳ענטלאפענער פאָליטישער קאַטארזשניצע, איהר בריף צו מיר, ווי צו איהרען אַנ׳אלטען בעקאנטען, דער בריף פון א פאָליטישען זעלבסמערדער... וואס פאר א געפעהרליכע בע־ווייזען געגען מיין פאָליטישער כשרות. וואס פאר א גורל מיר וואַרט. ווען זשאַנדאמעריע זאל פלוצלינג איבערפאַלען מיין נומער.

וואס טהוט מען? וואס טהוט מען מיט די צוויי פאַטאלע פאַנטען?

קודם־כל האב איך פערברענט דעם בריף פון דער רעט־זעלהאַפטער דאמע. דעם צווייטען בריף אָבער האב איך נישט געוואגט צו פערניכטען, ער איז אין מיינע אויגען געווען אַ הייליגטום. דאס איז געווען דער לעצטער וועה־געשריי, דער לעצטער „זיי־געזונד" פון א פערוואָגעלטען, פערמוטשעטען בן־יחיד צו זיין אלטען, פעריתומ׳טען טאטען...

— ניין! — האב איך בעשלאָסען. — די צייל‌ען מוזען אָנקומען אין די בעשטימטע הענד, אין די הענד, וועלכע האָבען אמאל געפיעשטשעט זייער שרייבער...

און איך האב געעפענט מיין קופער, געקלערט, געקאָמ־בינירט און ענדליך אזוי בעהאלטען דעם בריף, אז אפילו שערלאָק־כאָלמס אליין וואלט איהם נישט געפונען.

די נאַכט האב איך פערבראַכט נישט גאנץ רוהיג. די רעטזעלהאפטע דאמע האט מיר נישט געלאָזט איינשלאָפען, און גלייך אין דער פריה בין איך מיט דער שיף אָבגעפאָהרען קיין בלאַגאָוויעשטשענסק.

* * *

עס זענען אַוועק יאָהרען, און איך זיץ אין ניו־יאָרק אין א לונטש־רום אויף גרענד־סטריט.

צו מיר דערנעהנטערט זיך א מאן פון א יאָהר דרייסיג, ער קוקט אויף מיר אייניגע סעקונדען מיט א פריינדליכען שמייכעל און רופט זיך ענדליך אָן:

עקסקיוז מי, דזשענטעלמען. האב איך נישט די עהרע צו זעהען דעם מיסטער ב. ה. ר.?

איך קוק איהם אָן ערשטוינט און ענטפער:

— יעס, דזשענטעלמען, דאס בין איך און מיט וועמען האָב איך די עהרע?

— דאס בין איך יענע דאַמע, וועלכע האט צו אייך גע־שריבען א „ליבעס־בריוועלע" אין סריעטענסק...

— איהר?... די דאמע?...

— וואס פערשטעהט איהר דא נישט? אַ קאטאָרזשניק, וואס אַנטלויפט פון קאטארגע אין רוסלאַנד, קאן ווערען א דאַמע אָדער א פראָסטע פויערטע, אדער א שווארצער מאָנאך, א אַלטער בעטלער, און אמאָל גאר א זשאנדארם. איך בין געווען אַ דאמע מיט א שלייער.

— און איהר האט מיך געקענט פערזענליך?

— איהר האט מיר אויך געקענט. אַנו, קוקט זיך נור גוט איין, אפשר וועט איהר זיך דערמאָהנען. אין וואָראָניעזש, גע־דענקט איהר?

— גערעכט, ווי איך בין אַ איד!... ביי מיין קוזען, אין דער אַפטייק... פראָוויזער, דאכט זיך?...

— אָט, אָט, אָט! און דערצו אַנ׳עס׳ער, א טעראָריסט, אַ הויץ דעם דער אָרגאַניזאטאר פון זעלבסט־שוץ בעת די אידישע פאָגראמען. כ׳האב אטפראוועט א כוליגאן מיט עפאלעטען אויפ׳ן עולם־האמת, און דערפאר האט מען מיר פארשיקט גראָבען גאלד פאר׳ן צאַר באטושקא. נאר מיר האט די דאזיגע מלאכה

ב. ח. רייז

בישט שטאַרק געשמעקט, בין איך געווארען א פעשלייערטע דאמע און אוועק דורך וולאַדיוואָסטאק אין קאָלומבוס׳עס מדינה. נור אייך בין איך שולדיג אַ דאנק, א הייסען דאנק פאר דעם וואס איהר האט איבערגעשיקט זיין בריף צו זיין פאטער, עליו השלום... זיין פאטער איז שוין אויך אויף דעם עולם האמת...

אונזער טויט-שרעק

אויף דעם באהן-הויף פון טייגא, די סטאַציע, ביי וועלכער די טאָמסקער ליניע פעראייניגט זיך מיט דער הויפט-ליניע פון סיבירער באהן, זענען מיר געזעסען אין אַ עלעגישער שטימונג דריי בע-ונד'ניקעס און געווארט יעדער אויף זיין צוג.

אין דרויסען איז געווען שפעטער הערבסט, אַ קאַלטער, פייכטער ווינד האט מעלאנכאליש געפייפט צווישען די באקעטע צווייגען פון דער ארומיגער טייגע, דאס וועטער איז געווען אונגעמיטליך, טריעב, נאר נאָך אונגעמיטליכער, נאך טריבער איז געווען ביי אונז דריי אין די הערצער.

— דאס רייזען אין סיביר איז געוואָרען שווער. — האט זיך אָנגערופען איינער א איד פון א יאהר פינפציג.

— שווער? פשוט אונמעגליך. — פערבעסערט איהם דער צווייטער, א יונגערמאַן פון אַ יאהר עטליכע צוואנציג.

— אמת, פשוט אונמעגליך, — איז מודה דער ערשטער.

— פאַמילויטע! — בייזערט זיך ווייטער דער צווייטער,— אין אמסק, אין פעטראפאַוולאווסק, אין נאוואָניקאלאיעווסק, אדער אין טיומען קאנט איהר דאך בשום אופן אין שטאדט ניט אריינ-קומען. מ'נעהמט אייך צו אין טשאסט גלייך פון וואקזאל, אדער פון איזוואָשטשיק, אויפ'ן וועג פון דער באַהן אין שטאָדט אַריין. אָט האט מען יענע וואך אין פעטראָפּאַוולאָווסק אַרעסטירט א

איד אין אייערע יאהרען, גיט קיין רייזענדער, נאָר אליין א פירמע, אַ ערשטע גילדע, פון קאוונער גובערניע, דער פריסטאוו, עפעס אַ סוואָלאטש, אַ מערזאוויעץ, האט איהם דריי טעג געהאלטען אין דער קאַטאלאזשקע און דוקא געוואָלט מיט'ן עטאפ איהם אב־שיקען ביז טשעליאבינסק. אַ דאנק דער אינטערווענץ פון די אָנגעזעהנסטע פירמעס, און נאָך אַ פיינעם „מתן בסתר", האט מען קוים געפועל'ט ער זאל אבקומען נאר מיט אַ פראכאדנאיע.

— יא. יא, שענע צייטען דערלעבט, — האט אָבגעזיפצט דער ערשטער. — און דאס איז אזוי געוואָרען נאכדעם, ווי דער אדון הגדול האט מזכה געווען דאס לאנד מיט אַ קאָנסטי־טוציע.

— וואס דארפט איהר מעהר? — צאַפּעלט זיך ווידער דער יונגער. — אט נעמט קראסנאיארסק. ווען האט מען אייך אין קראַסנאיארסק געפרעגט אַ פאס? — און היינט — איהר זיצט נאך אויפ'ן איזוואשטשיק, זאגט אייך שוין דער שווייצאַר פונ'ם האָטעל: „דאקומענטיק וואַש", און נאָך דעם ווי ער האט שוין בעטראכט אייערע דאָקומענטען, ענטפערט ער אייך, אז אַלע נומערען זענען פערנומען, אדער ער גיט אייך דעם ערגס־טען נומער און שינדט אייך אָב די הויט. פאר אַ נומער וואס איז געגאַנגען פונפציג קאָפּעקעס א מעת־לעת, איז רעכט צו נעהמען פינף רובל. אַ חוץ וואס איהר גיעט איהם אין דער לאַפּע.

— און די בעדינונג? — שטעל איך אויך אריין א פאר ווערטער אין דעם קלאג־ליעד. — אט דער זעלבער חאם, וואס האט זיך פריהער געבויגען פאר אייך אין צעהנטען און מיט דער גרעסטער הכנעה אייך כסדר געענטפערט „סלושאיוס!" דער זעלבער חאם קען אייך א צינד נישט, לאכט זיך אויס פון אייך און לאָזט אייך ווארטען אויף א סאַמאוואַר שעה'ן לאנג אלע ווייסען זיי, אז איהר האט קיין שום רעכט נישט צו ריי־

זען אין סיביר. און ווער האט זיי אזוי גיך אויסגעלערנט?

— און די קונדען אונזערע? — העלפט מיר צו דער אַלטער.

— און די פריקאַזטשיקעס זייערע? — כאַפּט איהם אויס דער יונגער — אַלע פּלוצלינג געוואָרען שוואַרץ־מאה׳ניקעס. אט האָב איך געהאט אזא עסק, טאקי אין קראַסנאָיאַרסק. איך קום צופאָהרען אַכט א זייגער אין אָוועגד. פערפאָהר איך מיט מיין באַגאַזש אין „נאָוואיא ראָססיא", איהר ווייסט דאָך, די נייע גאַסטיניצע באַלד נאָכ׳ן בריק. בעקוקט דער שווייצאַר מיין דאָקומענט און ענטפערט קורץ: „נישטאָ קיין נומער", און רעדט שוין מעהר נישט מיט מיר, ווערט גלייך נעלם. הייס איך דעם איזוואָשטשיק פאָהרען אין „סטאַ־ראיא־ראָססיא", בעקוקט ווייטער דער שווייצאַר מיין דאָקומענט און ענטפערט מיר נאָך פּשוט: "דליאַ זשידאָוו ניעט נאָמעראָוו", און איז נאָך דערצו שטאַרק אין כעס, וואָס איך האָב געוואַגט איהם מטריח זיין. פאָהר איך צוריק אויפ׳ן וואָקזאַל, גיב איבער מיינע זאַכען אויף כראַניעניע, בייס עפּעס איבער און געה אין שטאָדט איבערנעכטיגען דאָרט, וואו מ׳פרעגט נישט קיין פּעססער איהר פערשטעהט שוין מסתמא וואו...

— נו, יאָ, — שאָקעלט צו דער אַלטער מיט׳ן קאָפּ. — מילא, א ברירה האט מען?

— טרעף איך דאָרט מיינעם אַ קונדע מיט זיין גלאַוונעם פריקאַזטשיק. — דערצעהלט ווייטער דער יונגער. — און דוקא דעם קונדע, צוליעב וועלכען מיר איז הויפּטזעכליך געווען גע־לעגען צו בלייבען אין קראַסנאָיאַרסק. שוין כמעט א יאָהר ווי עס שטעהט אַן׳אָפּגעגעבער חוב פון איבער צעהן טויזענד רובל, און ער מאַכט זיך כלא יודע, נישט ער שיקט וועקסלען, נישט קיין געלד. ווער איך דאָך גאָר לעבעדיג און בעהם זיך מיט איהם בעגריסען אויף אונזער אופן, ווי גוטע אַלטע ידידים הייסט עס, מאַכט ער מיר אַ כפל־שמונה׳דיגען רוסישען „מי שברך"

און װענדעט זיך צום פריקאזטשיק: „אנו, וואניא, געה נאר רוף אריין דעם גאראדאוואי. זאל ער אוועק־פיהרען דעם זשידעק אין דער „קאזיאנע גאסטיניצע"״. אין הייזעל איז געװאָרען פרעהליך. די בגילופנ׳דיגע געסט האבען געשאָטען מיט חכמות אויף מיין קאנטע, מיר איז ווי עס איז געלונגען זיך אָבטראָגען מיט גאנצע ביינער און בין אין איין אָטעם צוריקגעלאָפען אויף דעם וואקזאל, האב די נאכט אָבגעשטופט אין דער אובארנע און מיט׳ן ערשטען צוג בין איך ווייטער געפאָהרען, און האב ניט ערלעדיגט אין קראס־נאיארסק מיין אויפגאבע, הײנט געה דערצעהל מיין שעף אין לאָדז אזא מין געשעהעניש.

— דער פאקט איז נאך נישט מאסגעבענד, — האב איך דארויף בעמערקט, האט איהר געראדע אנגעטראָפען אויף א כו־ליגאן. א ״זאנער קופּיעץ מסתמא. די סאלידע, די רייכע סי־בירער קופּמאנשאפט איז לחלוטין נישט אנטיסימיטיש געשטימט. זי פערשטעהט, אז דער אידישער רייזענדער איז א וויכטיגער פאקטאר פאר דער עקאָנאמישער ענטוויקלונג פון דעם סיבירער מארק. אדרבא, איך ווייס צוויי פאקטען, ווי די היגע רוסישע קופּמאנשאפט האט קאלעקטיוו זיך געווענדעט צו דער העכערער מאכט מיט א פּעטיציע, עס זאל ערלויבט זיין אידישע רייזענדע אונגעשטערט צו רייזען אין סיביר. דאס איז פאָרגעקומען אין אמסק און אירקוטסק. די מאכט האט זייער פּעטיציע אבגעווארפען און געענטפערט, זיי זאלען זיך ווענדען צו די פאבריקאנטען, מען זאל אהער שיקען רוסישע רייזענדע. דער פאקט בלייבט אָבער פאקט, אז די סיבירער גרויסע פירמעס סימפאטיזירען מיט דעם אידישען נע־ונד׳ניק.

— דאס איז אמת, — האט מסכים געווען דער אלטער. איך האב אויך געהערט פון דעם פאקט.

— טרויעריג איז נאר דאס, וואס די צענטראלע מאכט האט דאָ בעזעצט די פּאָליציי־אמטען מיט דעקלארירטע שווארצ־

מאה׳ניקעס, מיט דעקלאַרירטע פּאָגראמשטשיקעס, מיט רויבערישע אידען־פרעסער און מיט די פינסטערסטע רעאקציאָנערען. זיי פּער־פעסטען דא די פרייע לופט און מאכען פאר אונזערע ברידער אונמעגליך צו ארבייטען אויפ׳ן היגען פלאַץ.

דער יונגער רייזענדער האט אַ פּנים געוואָלט עפּעס מוסיף זיין צו מיין רעזיומע, אדער אפשר אָפּאָנירען, נור ער איז נישט געקומען צום וואָרט, ווייל אין דעם אויגענבליק האט זיך צו אונז דערנעהנטערט דער סטאַציאָן־זשאנדארם אין בעגלייטונג פון אונזערע באגאזש־טרעגער און אונז העפליך געפרעגט:

— זענט איהר אידען, מיינע העררן?

ווער עס קען די פּעררעטערישע העפליכקייט פון אַ רוסישען זשאנדארם, וועט לייכט פערשטעהן, ווי עס איז אונז געוואָרען צומוט נאָך דער דאָזיגער פראַגע.

אנשטאַט צו ענטפערען, האבען מיר דריי, ווי אינסטינקטיוו, ארויסגענומען אונזערע דאקומענטען.

—עס איז ניט נויטיג, — האט דער זשאַנדארם געזאגט מיט דער זעלבער העפליכקייט. — איהר וועט אזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין מיט מיר אין קאַבינעט פונ׳ם סטאַציאָן־שעף.

דער אַלטער איז געוואָרען טויט־בלאַס, דער יונגער האָט געציטערט, ווי אַ פיש אין וואסער, ביי מיר האט דאס האַרץ אָנגעהויבען שטארק קלאפּען, און אזוי זענען מיר אריין מיט דעם זשאנדארם אין סטאַציאן־שעפס קאבינעט.

— זעצט אייך, מיינע העררן, — האט דער זשאנדארם זיך אנגערופען, — דער שעף וועט באַלד אַריינקומען. — און דאָס זאגענדיג האט ער פערלאָזט דעם קאַבינעט.

— וואס זאל דאָס בעדייטען? — האט דער אַלטער נאָך אייניגע מינוט שטילשווייגען דער ערשטער געפרעגט.

— ער פרעגט נאך, — האט זיך דער יונגער אָנגערופען, און די צייהן האבען ביי איהם אין מויל געגרעגערט פון שרעק.—

שלעכט מיט אונז... מ׳וועט אונז שוין מכבד זיין מיט פראכאד־נאָיעס, און אפשר טאקי מיט׳ן עטאפ... א שענע רייזע, בנאמנות... היינט געה דערצעהל דער פירמע... שלעכט, אידען.

— און וואָס זאגט א י ה ר דערצו? — האט זיך צו מיר געווענדעט דער טויט־בלאַסער אלטער.

— וואס זאָל איך זאגען? איך בין קיינמאָל קיין נביא נישט געווען און בין איצט אויך קיין נביא נישט, — האב איך געענטפערט מכלומר׳שט קאַלטבלוטיג, ווערהרענד דאס הארץ האָט אין מיין ברוסט געקלאפט, ווי א המן־קלאַפער.—

דעם יונגען האָט א פנים מיין „קאַלטבלוטיגקייט" איריטירט, ער האָט אָנגעהויבען נאָך האַסטיגער צו ציטערן. ער האט גע־וואָלט עפעס זאגען, נאר פון שטארקער אויפרעגונג איז איהם דאָס לשון ווי אָבגענומען געוואָרען, און ער האָט געמוזט יוצא זיין בלויז מיט אַ בייזען קוק אויף מיר.

— איך פערשטעה נישט, פאר וואָס האָט ער אונזערע דאָקומענ־טען ניט גענומען? — האט ווייטער דער אַלטער געפרעגט.

— ער פרעגט נאך, — האט דער יונגער מיט אַ ביטערען שמייכעל געזאגט, — אַנ׳אלטער פרייער, ער קען נאך נישט די טאַקטיק פון אַ זשאנדאַרם... פרעגט מיך, וועל איך אייך דער־צעהלען, וואס איז אַזוינס א רויטער קאָלנער. איך בין דאך עפעס אַ מיטגליד פון אַ אָרגאַניזאציע... אט וועל איך...

דער יונגער איז אריין אין טראַנס און האט אַ פנים עפעס געוואָלט דערצעהלען פון דער „אָרגאַניזאַציע", נאר אין דעם איז אַריין אין קאבינעט דער אָדון מיט דעם רויטען היטעל צוזאמען מיט אונזער זשאַנדארם.

— אָט, ארנאלד מאַרקאָוויטש, — האט זיך אָנגערופען דער זשאנדארם, — אט האט גאט צוגעשיקט דריי אידען.

מיר זענען אויפגעשפרונגען פון די ערטער, ווי סאלדא־טען פאר א שני־למלך און א נייער טויט־שרעק איז אויף אונז

אָנגעפּאלען. דער אַלטער איז געוואָרען גרין און געל, דער יונגער האט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, און אין מיר האָט דאס האַרץ זיך פשוט געוואָרפען.

— ספּאסיבא, איוואן סטעפּאַניטש, — האט דער נאַטשאַל־ניק געזאָגט דעם זשאנדארם, וועלכער איז באַלד נעלם גע־וואָרען.

— אחינו בני ישראל, — האט זיך געווענדעט צו אונז דאס רויטע היטעל, — ענטשולדיגט, וואס איך האב אייך בעז־פּאקאיעט. מיין נאמען איז אַרנאלד מאַרקאָוויטש, אָדער אהרן בר' מרדכי, אַנ׳אדעסער איד. א געוועזענער וואלאזשינער ישיבה־בחור, אצינד דער היגער נאַטשאלניק־סטאנציע. בין איך היינט אַ בעל־ברית, פעהלען מיר אויס דריי אידען צו מנין. בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר נישט אָבזאָגען, און איך האָף, אַז אייע־רע פירמעס וועלען זיך אויף אייך דערפאר נישט בייזערען. קומט מיט מיר, טייערע געסט!...

און פון אונזער טויט־שרעק האט זיך אויסגעלאָזט אַ פרעה־ליכער ברית מיט כבודים, מיט א גוט גלעזעל משקה, מיט אַ סעודה כיד המלך און מיט בילעטען ערשטער קלאַס פאר יעדען פון אונז.

אדריטער צום מזומן

וואַרקע דער שבת־גוי פון גרויסען בית המדרש, אָדער ווי די נישט־אידישע בעפעלקערונג פלעגט איהם רופען, וואַרקע „דער זשיד", איז אין מיין געבורטס־שטאָדט געווען א „שם־דבר".

א „שם־דבר" איז ער געווען דערמיט, וואס, זייענדיג איבער צוואנציג יאָהר אין גרויסען בית־המדרש, וואו ער איז אויפגע־האָדעוועט און אויסגעוואַקסען, און בעוועגענדיג זיך אויסשליס־ליך צווישען די בעלי־הבתים פונ'ם בית־המדרש, פון וועלכע ער האט געצויגען זיין פרנסה דורך הייצען די אויוועגס אום שבת, אויסלעשען די לאָמפען, בעהאַלטען די לייכטער און טראָגען וואסער, — איז ער איינגאַנצען „פעראידישט געוואָרען.

וואַרקע האט פערלאָזט א באָרד, ווי א איד, האט גערעדט גוט אידיש, האט זיך אויסגעלערנט מאַכען קידוש, הבדלה. האט געקאנט אַלע ברכות, ער פלעגט אָבזינגען א נקדש, אַ נעריצך, אַ לכה דודי, אָבזאגען א קדיש, א אל מ"א רחמים, — מיט איין וואָרט — אַלע תפילות און אַלע ברכות, וואָס דער חזן זאָגט בקול רם, האט וואַרקע געקענט אויסענווענדיג.

מיר יונגוואַרג, האבען געהאַט די גרעסטע פרייד, אַריינ־נעהמען וואַרקען אין דער ווייבערישער שוהל, ווען די נשים צדקניות זענען נישט געווען, איהם געגעבען ברויט, חלה, קיכלעך וואָס אייגער האָט נור פערמאָגט צו אָנשטאָפען אין די קעשענעס,

און ער, וואָרקע הייסט עס, פלעגט בשכר זה מאַכען אַ אל מלא רחמים דעם בעל טכסא, וועלכע די גאנצע שטאָדט זענען געוועזן דם=שונאים, פלעגט זאָגען קדיש נאך איינעם פון אונזערע מלמדים, וואס האט נאָך געלעבט, פלעגט מאַכען אַ מי=שברך גימפלען דעם בעטלער, מיט אַ בעבור שנדר תרפ״ט אלפים די דריטע מכה פון מצרים, און מיר זענען געוואקסען אין דער לענג און אין דער ברייט פון גרויס תענוג.

און נישט נאר מיט יונגוואַרג, נאָר אפילו דערוואקסענע, ערנסטערע בית־המדרש=לייט און לומדים, פלעגען זיך אַ מאָל לוסטיג מאַכען און עקזאמינירען וואַרקען אין אידישקייט, און ער פלעגט „גלענצענד״ אויסהאלטען דעם עקזאַמען און דערפאַר בעקומען אַ פאר גראבע קופערנע זעקסערס, וועלכע פלעגען תיכף ומיד מגולגל ווערען אין גאָד׳ל דעם שענקערס שופלאָדעל.

וואַרקע איז בטבע געווען אַ גוטער ווייכער כאַראקטער, אָדער אפשר האט ער גאָר קיין כאראַקטער נישט געהאט, נאר די בית=מדרש׳דיגע אָרעמע בחורים, דאס הייסט די „טעג עסער״, פלעגט ער דערגעהן די יאָהרען. טאמער האט ער געזעהן ווי זיי זיצען און שפילען אַ ציעג=און=וואָלף״, א „מיהל״, אָדער אַ „טערקישען דאם״, איז ער געוואָרען מלא חימה און אַ געשריי געטהון:

— צו דער גמרא, שקצים! צו דער גמרא! אומזיסט גיבען אייך די בעלי=הבתים צו פרעסען? ווי איך בין א איד, אז איך וועל דאס דערצעהלען דעם גבאי.

און ער פלעגט טאַקי דערצעהלען דעם גבאי, און דער גבאי פלעגט זיך טאקי מכלומרשט שטאַרק בייזערען אויף די „שקצים״, און וואַרקע האָט טריאומפירט.

אזוי האבען זיך גערוקט די יאָהרען. יונגווארג איז עלטער געווארען און וואַרקע האָט כסדר געמאכט פאָרטשריט אין „לומדות און אידישקייט״.

איז אָבער צום שלימזל דאָ אַ „מאמר החכם": „ציאַנגניע ווילקא דאָ ליאַסו", דאס הייסט — קאַצאַפּ בלייבט קאַצאַפּ.

מאכט זיך אזא מין געשעהעניש: יעוודאקיא די פראַטשקע קומט אַ מאָל מיט איהר צוועלף יאָהריג שיקסעל און ברענגט אָב אויסגעוואשענע בית־מדרש'דיגע טישטוכער און האַנדטיכער. נעהמט צו דער שמש די וועש, בעצאהלט די רעכנונג, און יעוודאָקיא לאזט דאס שיקסעל ווארטען אין פּאָליש, און אליין לאָזט זי זיך אוועק אין גאס עפּעס איינקויפען.

קומט אַן וואָרקע, איז ער אביסעל בגילופין, ער האט דעם פריהמארגען „בעלעגט עקזאמען", און געכאַפּט עטליכע זעקסערס, האט ער, כנהוג, געמאכט אַ וויזיט ביי גד'ל דעם שענקער, איז איהם פרעהליך אויף דער נשמה.

דערזעהט ער אין פּאָליש דאס שיקסעל, ווערט איהם נאָך פרעהליכער אויף דער נשמה. פערנאַרט ער זי אין האַלץ־שטאל און טהוט אָב אַ ווילדע מעשה זמרי.

הערט זיך פלוצלינג אַ געוואַלד, לויפען זיך צוזאַמען שכנים. לויפט אָן די מאַמע יעוודאָקיא, לויפט אָן פּאָליציי, פּאקט מען וואַרקען ארײַן אין אָסטראָג, פּוילט ער דאָרט אָב אַ יאָהר דריי ביז זיין פראָצעס קומט פאָר ביי פערמאַכטע טהירען, און דאס געריכט פעראורטיילט איהם צו קאַטארגע אויף לאַנגע יאָהרען.

מ'האָט וואַרקען אָבגעגאָלט אַ האלבען קאָפּ, אָנגעטהון אין בגדי־מלכות מיט אַ געלער לאַטע אויף דעם רוקען און איהם פערשיקט קיין סיביר.

די ערשטע צייט האט דער בית־המדרש כמעט ווי געבענקט נאָך דעם שבת־גוי. ער האט אונז געפעהלט. נאָר מיט דער צייט זענען מיר אליין געוואָרען צוזייהעט און צושפּרייט אין דער גרויסער וועלט, און מעשה וואַרקי איז ווי פיעל אנדערע געשעהענישען אין אונזערע יוגענד־יאָהרען, אויסגעמעקט געוואָרען פון אונזער זכרון.

* * *

איך בין אין טאָמסק. דאס איז די גרעסטע און שענסטע אידישע קהלה אין סיביר. מיין קליענט און גוטער פריינד לעאָנטי אָסיפּאָוויטש, איז איינער פון די אָנגעזעהענסטע אידישע סוחרים אין טאָמסק. ער איז אַ מאַן פון אַ יאהר איינציגע און דרייסיג, א רייכע, ברייטע נאַטור און אַ ווארעמער איד, הגם קיין גרויסע מלומד אין אידישען איז ער נישט.

עס איז פרייטאָג־צונאכטס. מיר זענען נור וואס געקומען פון שוהל. ביים רייך־געדעקטען טיש מיט די בענש־ליכט זיצט און וואַרט אונז אָב זיין פאמיליע. דאס הייסט: זיין שענע יונגע פרוי, וואַרוואַרא גריגאָריעוונאַ, זיין מוטער די אלמנה, דאַריא אקימאָוונא, זיינע דריי יונגע קינדער, סאשא, מאַשא און וואַסיא, ווי אויך זייער גובערנאַנטקע, א אידישע פריילין פון דער ליטא, סאַרא סאַמואילאוונא.

וואַרוואַרא גריגאַריעוונא גיסט אָן דעם גרויסען זילבערנעם קידוש־בעכער, און לעאָנטי אָסיפּאוויטש מאכט קידוש מיט דעם גאַנצען קנאק. בעת דעם קידוש קוקען אויף מיר און אויף איהם די פרוי און די מוטער מיט גרויס שטאָלץ, פונקט ווי זיי ווילען זאָגען: „זעהט, וואס פאַר א למדן ער איז”, און די דריי סאָפּ־ראַנדלעך, סאַשא, מאשא און וואַסיאָ, ענטפערען: „אַמין” צו דער געהעריגער מינוט.

מיר וואַשען די הענד און די ערשטע שבת'דיגע סעודה הויבט זיך אָן מיט א גלעזעל שנאפּס און מיט טראַדיציאָנעלע געפילטע פיש, — דאס „מייסטערווערק” פון דאַריא אקימאוונא בכבודה ובעצמה.

דער טיש געהט־צו פרעהליך, לעבעדיג. איך זינג ניסע־בעלזערס „מנוחה ושמחה”. די קליינע מאשא זינגט דאס ליעד „התקוה”, וואס סאַרא סאמואילאָוונא האט זי אויסגעלערנט אין אַ משך פון צוויי יאהר. לעאָנטי אסיפּאָוויטש אליין זינגט אַ סיבירער קאַטאָרגע ליעד, און מיר בעמערקען נישט ווי די צייט לויפט.

פלוצלונג עפענט זיך די טהיר, אין שטוב קומט אריין דער שוהל־שמש סעמיאָן יאניטש און נאך איהם געהט נאָך אַ משונה׳־דיגער פארשוין, א באָרוועסער, א שמוציגער, אָבגעריסען, אבגע־שליסען, מיט פערטרוקענטע פערברענטע ליפען, מיט איינגעגראָבענע גרויע אויגען, מיט א שטעמפעל פון פערביטערטער פערצווייפלונג אויפ׳ן דונקעל־געלען געזיכט און · מיט אונרוהיגע בעוועגונגען אין גאנצען קערפער. מיט איין וואָרט — איינער פון די סיבירער ברואים, מיט וועלכען עס איז געפעהרליך זיך בעגעגענען אין גאַס ביי נאכט אין דער פוסטער גאס.

— גוט־שבת, גאָספאדא! — האט דער שמש געזאגט אריינ־קומענדיג. — כליעב דא סאָל.

— מילאסטי פראָסים, — האט לעאָנטי אסיפאָוויטש געענט־פערט. — וואס זאגסטו בייעס, סעמיאָן יאָניטש?

— וואב זאָל איך זאגען, לעאָנטי אסיפאָוויטש? אט נאָר וואס קומט צו מיר אין סינאַגאָגע אט דער איד, און בעט איך זאל איהם אָנווייזען, וואו ער קאָן בעקומען עפעס עסען. דריי טעג, זאָגט ער, האט ער קיין ביסען אין זיין מויל נישט געהאט. דעם גאַנצען טאג איז ער געלעגען בעהאלטען אין דער טייגא, און אַצינד האט ער זיך קוים אַהער דערשלעפט. אַזש פון טורו־כאנסק געהט ער. דא, דא!

— אָטליטשנא! – האט זיך אנגערופען לעאָנטי אסיפאוויטש.— אט וועלען מיר האבען א דריטען צום מזומן. מאלאדיעץ, בראט, סעמיאן יאניטש! נאַ, טרינק דערפאַר א גלאז . וויין.

דער שוהל־שמש האָט בנשימה אחת אויסגעטרונקען דעם וויין, אבגעווישט די וואנסען, געזאגט: ספאסיבא, א גוטען שבת און איז אַוועקגעגאנגען.

— נו, ר׳ איד, — האט זיך דער גאסטפריינדליכער בעל־הבית געווענדעט צום אורח, און דערביי אָנגעגאסען דעם זילבענעם בעכער. — ווילט איהר מאַכען קידוש?

— ס׳אודאָוואָלסטוויעם, — האט געענטפערט דער גאסט מיט א הייזעריגער, ציטערנדער שטים. — שוין לאַנג קיין שבת־דיגען טיש נישט אָנגעקוקט.

דער אורח האט געמאַכט קידוש, מיר אלע האבען גע־ענטפערט „אָמן״, נאָכ׳ן קידוש האט ער זיך געוואַשען, געזאָגט פרום שאו ידיכם, געמאַכט המוציא און אָנגעהויבען עסען.

מיר אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַלטען, נישט געוואָלט קוקען ווי אזוי דער אויסגעהונגערטער שלינגט נעבעך איין אלץ, וואס מען דערלאַנגט איהם. נאר סאשא, מאַשא און וואסיא האָבען קיין אויג נישט אראָבגעלאָזט פון דעם זאָנדער־בארען פאַרשוין, און די אַלטע דאַריא אקימאָוונא האט געווישט די אויגען פאר רחמנות.

— אפנים נישט קיין בעזגראמאָטנער איד, — רוימט מיר איין לעאָנטי אסיפאָוויטש. — איהר האט געהערט ווי ער האט געזאגט דעם קידוש?

* * *

ענדליך האט מען דערלאַנגט מים אחרונים. לעאָנטי אסי־פאָוויטש האט אָנגעגאָסען דעם כוס של ברכה און מכבד געווען דעם אורח, וועלכער האט גענומען דעם כוס מיט גרויס דבוקות געזאגט:

— „רבותי, מיר ווילען בענטשען״.

נאך ברכת המזון האט מען זיך אָנגעהויבען מעהר אינ־טערעסירען מיט דער אָריגינעלער פערזענליכקייט, און לעאָנטי אָסיפאוויטש האט איהם געפרעגט:

— ווי רופט מען אייך, ר׳ איד?

— רופט מיר, ווי אזוי איהר ווילט, — האט יענער לאקאניש געענטפערט.

— פראַווילנא. איך האב פערגעסען אַז א בראדיאַגא האט

נישט קיין נאמען, נאר אביזשאַיעט אייך נישט, מיין ליעבער איד. דער נאמען „בראַדיאגא״ איז ביי אונז, סיביריאקעס, נישט קיין אסקאַרבלעניע. אדרבא, מיר סימפאטיזירען מיט די דאָזיגע אונגליקליכע און העלפען זיי מיט וואס מיר קאנען. לויפט איהר אצינד פון קאטאָרגע?

מיין קאטארגע האב איך שוין אבגעארבייט. צוועלף יאָהר איצט בין איך געווען אין פאסעלעניע ביי טורוסאַנסק. עס בענקט זיך אבער אהיים.

— האט איהר אין דערהיים אַ פאַמיליע?

— ניין... דאס הייסט, יא... נישט קיין פאמיליע... גלאט קרובים.

— און אין די צוועלף יאָהר קאַטארגע האט איהר נית פערגעסען אידישקייט?

— כא, איבער צוואנציג יאָהר ביך געזעסען אין בית-המדרש...

דער גאסט האט מיך שטאַרק פעראינטערעסירט און איך האב איהם גענומען בעאָבאַכטען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

— און פארוואס האט מען אייך פעראורטיילט, — האט לעאָנטי אָסיפאָוויטש ווייטער געפרעגט.

— א שאלה, פארוואָס מ׳פעראורטיילט א אידען אין רוסלאַנד, — האט דער בראָדיאגא געענטפערט.

— וואַרקע!!! — האב איך פלוצלינג נישט מיט מיין קול אויסגעשריען.

דעם בראָדיאגעס געזיכט איז געווארען אָנגעצונדען ווי אַ פייער, זיינע אויגען האבען זיך אָנגעגאסען מיט בלוט, און ער איז, ווי א פייל פון בויגען פערשוואונדען געווארען פון שטוב.

אַלע זענען געבליבען זיצען שטאַרק ערשטוינט, און לעאנטי אָסיפאָוויטש האט מיר געפרעגט:

— איהר קענט איהם? ער איז אייער אַ זעמליאק?

און איך האָב זיי געשילדערט די פערגאַנגעהייט פון אונזער שבת-גוי.

— אָבער דאך געבענשט מיט „מזומן‟, — האט דער טאמסקער „למדן‟ בעמערקט מיט צופרידענהייט, אויסהערענדיג דעם ספור המעשה...

דער לעבעדיגער מת

יעווגעני אַרנאָלדאָוויטש, אַנ׳אַלטער כאַלאָסטאַי פון א יאָהר עטליכע און זעכציג, איז געווען דער „נ ע ס ט אָ ר״ פון דער אידישער אינטעליגענץ אין אירקוטסק, און אפשר פון גאַנץ סיביר.

דער פאָטער זיינער איז געווען פון די ערשטע קאַנטאָ־ניסטען, אַ זוהן פון א רב אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטא, און ער, יעווגעני אַרנאָלדאוויטש, איז געווען שטאָלץ מיט דעם דאָזיגען יחוס. ער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט נאָכזאָגען דעם זיידענס אַ „קלוג וואָרט״, וואס ער האט אַמאָל געהערט פון זיין פאָטער. יעדען נייעם בעקאַנטען פלעגט ער ווייזען אַ מוסר־ספר׳ל, וואָס דער זיידע האָט מחבר געווען, הגם ער אליין איז געווען א פריידענקער און האָט בכלל נישט אָנערקענט וועלכע עס איז רעליגיע, און פון אידישקייט האָט ער קיין בעגריף נישט געהאַט.

אין די יונגע יאָהר׳ען האט ער א צייט שטודירט אין קאַ־זאַנער און דערנאָך אין טאָמסקער אוניווערזיטעט, וועלכע ער האט קיינמאָל נישט געהאט בדעה צו ענדיגען. ער פלעגט איבערגעהן פון איין פאַקולטעט אין צווייטען און איז פון די אַקאדעמיקער געקרוינט געוואָרען מיט׳ן נאָמען „דער אייביגער סטודענט״.

דערנאָך, ווען דאָס שטודירען איז איהם שוין פערמיאוסט געוואָרען, איז ער אַוועק צוריק אַהיים קיין אירקוטסק און האָט דאָרט בשותפות מיט אַ געוויסען יוריסט פערלעגט די ערשטע רוסישע צייטונג, וועלכע איז ערשינען צוויי מאָל אין וואָך, און איז פאר אַ „שעדליכען אַרטיקעל״ אַדמיניסטראַטיוו פערשיקט געוואָרען קיין יאַקוטסק אויף דריי יאָהר. נאָך די דריי יאָהר איז ער צוריקגעקומען קיין אירקוטסק, האָט זיך מעהר נישט געוואָלט בעשעפטיגען מיט זשורנאַליסטיק און האָט גענומען שרייבען אַ גרויס אַנטראָפּאָלאָגיש ווערק איבער די ווילדע שבטים, וואָס בעוואוינען יאַקוטער פּראָווינץ נאָהענט פון דעם ים-הקרח. נאר אויך דאָס דאזיגע ווערק, פונקט ווי די אוניווערזיטעטן, האט ער קיינמאָל נישט געענדיגט.

נאָך דעם פּאָטערס טויט האט יעווגעני אַרגאלדאָוויטש גע׳ירש׳ענט אַ שעהנע נחלה מיט אַ גרויסען קאַפּיטאל, ער איז געוואָרען אַ מיטגליד אין פערשידענע קלובען און געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען, האט ביי זיך איינגעפיהרט זשורפיקסען, אין וועלכע עס פלעגען זיך צוזאַמענקומען אירקוטסקער איגטעליגענטען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען, און אזוי האָט ער זיך רוהיג, אָהן זאָרג, אָבגעלעבט זיין ביסעל יאָהרען.

ז/עכסט געמיטליך און אַנגענעהם, און אָפּטמאָל זאָגאר אינטערעסאַנט, פלעגען פערפליסען די אָוונדען אין גרויסען וואַרימען און העל-בעליכטענעם זאַל. דאָרט איז רעפערירט געוואָרען וועגען ליטעראַטור, קונסט, מוזיק, נאר דעם גרעסטען אינטערעס האָט כמעט שטענדיגט אַרויסגערופען דער בעל-הבית גופא מיט סיבירער נסים ונפלאות, מיט סיבירער זאָנדערבאַרע געשעהענישען און מיט סיבירער קוריאָזענפולער כראָניק, אין וועלכער יעווגעני אַרנאָלדאָוויטש איז געווען קלאָר, ווי אַ איד אין אשרי.

יעווגעני אַרנאלדאָוויטש האט געהאַט אַ רייכע פאַנטאזיע

ער פלעגט דערצעהלען זיינע היסטאריעס מאַלעריש, מיט אַן׳עכט ליטעראַרישען סטיל, און אין אַזעהר שפּאַנענדער פאָרם, פּונקט ווי ער וואָלט ארויסליינען פון אַבוך, און יעדע געשיכטע, וואס ער האט גענומען דערצעהלען, פלעגט ער פריהער אָגרופען מיט אַפּאַסענדען טיטול. אזוי ווי אַפּראָפעסיאָנעלער פּערפאַסער.

זיין שוואַנען־געזאַנג איז געווען פאָלגענדע, וואונדערבאַרע ערצעהלונג, „דער לעבעדיגער מת״. קורץ נאָך יענעם אָווענד איז ער קראַנק געוואָרען, און די אירקוטסקער אינטע־ליגענץ האָט אינגיכען אָבגעגעבען דעם לעצטן כבוד איהר אידישען „נעסטאָר״.

ווי איצט זעה איך פאַר זיך דאס אָוואַלע, ערנסט בעגייס־טערטע געזיכט מיט די שווערמערישע, שוין האַלב אויסגעלאָשענע, דונקעל־גרויע. אויגען פון יעוועני אַרנאָלדאוויטש אין יענעם לעצטען אָווענד. ווי איצט הער איך זיין שטים, וואס קלינגט אַזוי קלאָר, אזוי זיכער, כאָטש אין איהר פיהלט זיך אַ נאטע פון ערשעפּטקייט און שוואכקייט, און ווי איצט זעה איך די קליינע, סימפּאַטישע געזעלשאַפט אין דעם בעקוועמען, גאַסט־פריינדליכען צימער, וועלכע הערט מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקייט די עכט־סיבירישע מעשה וועגען „דעם לעבעדיגען מת״ ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט.

— מיינע העררען! — ווענדעט זיך צו אונז דער בעל־הבית אויף זיין אופן מיט פאָלגענדער הקדמה: — די געשיכטע, וואָס איך וויל אייך אַצינד דערצעהלען, הייסט, אזוי־צו־זאָגען, „דער לעבעדיגער מת״, און האט איהר אָנהויב עטליכע יאָהר פריהער, איידער עס איז געבויט געוואָרען אונזער גראַנ־דיעזע סיבירער באַהן־ליניע, און איידער עס איז איינגעפיהרט געוואָרען פּערזענליכע פאָטאגראַפיעס צו די דאקומענטען, וואס ווערען געשיקט צוזאַמען מיט׳ן עטאַפּ פאַר יעדען איינציגען פון די אהער פערשיקטע קאטאָרזשניקעס און פּאָסעליענצעס.

„— אין די דאָזיגע דאָקומענטען איז צו יענער צייט גע־ווען אָנגעגעבען: דער נאָמען און די פאַמיליע פון פערשיקטען, זיינע יאָהרען, זיין גלויבען, זיינע פערזענליכע סימענטעס, דער אורטייל און דאס אָרט, וואוהין ער ווערט פערשיקט.

„— אויף דעם גרונד פון דער דאָזיגער אָרדנונג האבען זיך אין יענע צייטען אָבגעשפּילט געשעהענישען, וואס שטייגען איבער יעדע פאַנטאזיע, נאר די וואונדערבארסטע געשעהעניש איז „דער לעבעדיגער מת".

— איך גלויב, מיינע הערריען, אז צווישען אונז זענען דא אייניגע, וואס געדענקען די סענסאַציע, וועלכע איז ביי אונז אין דער געזעלשאפט ארויסגערופען געוואָרען דורך דעם פאַקט, וואס דער רייכער אינהאבער פון אַ גאָלד־קוועלע אויף דער לענא, צווישען קירענסק און אָלעקמינסק, יעווסיי פאַוולאָוויטש גראַדנער, האָט פּלוצלינג רעאַליזירט זיין האָב־און־גוטס און איז אוועק קיין פאַלעסטינא מיט אַ יונגער אלמנה פון אַ קאַטאָרזשניק.

— מאַריא אָסיפּאָוונאַ האט מען זי גערופען — האט זיך ארויסגעכאַפּט איינער פון די צוהערער.

— אָט, אָט.

— עס זענען דאמאָלס ארומגעגאנגען פערשידענע קלאנגען— האט זיך אָנגערופען אַ צווייטער.

„— די אַלע קלאנגען זענען געווען קאַטשקעס, מיינע הערריען. די אמת'דיגע סיבה האָבען נאר געוואוסט די פערזאינ־טערעסירטע, ווי אויך אונזער פערשטאָרבענער וולאַדימיר לוואָוויטש, וועלכער האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם גאַנצען ענין.

„— מיר האט וולאַדימיר לוואָוויטש אָנפערטרויט דאָס געהיימניס בסוד גדול, אויף מיין עהרען־וואָרט, גלייך נאָכדעם ווי יעווסיי פאַוולאָוויטש און מאַריאַ אָסיפּאָוונא האבען פערלאָזט אירקוטסק. אצינד אָבער פיהל איך מיך פריי פון מיין עהרען־

וואָרט און קאָן פערעפענטליכען די אינטערעסאַנטע געשיכטע, ווייל עס קאָן מעהר קיינעם נישט שאַדען.

די בעדינטע האט אַריינגעבראַכט טיי מיט אלע סיבירער צוּדאַטען. יעווגעני אַרנאָלדאוויטש האט פערדרויכערט זיין מעעסשוימענע ליולקע מיט'ן לאַנגען ציבוק און האט אָנגעהויבען דעם ספור המעשה.

1.

אין טאָמסק, אויסערהאַלב דער שטאָדט, אין א גרויסען, מיט א פּאַרקאַן פון הויכע, פערשפּיצטע סלופּעס פערצוימטען הויף, זענען געשטאַנען אַכט באַראַקען מיט קליינע פערקראַטעטע פענסטערלעך און שטאַרק בעוואַכטע פון סאָלדאטען מיט ביקסען. דאָס זענען געווען די עטאַפּען הייזער, וואו עס האבען זיך צייטווייליג אויפגעהאַלטען די טראַנספּאָרטען מיט די אומגליקליכע אַרעסטאַנטען, וועלכע, לויט דעם געריכטס-אורטייל, אָדער אַדמיניסטראַטיווער פעראָרדנונג, האבען בעדאַרפט פערשיקט ווערען אין מזרח-אדער אין צפון-סיביר אויף קאַטארגע אָדער פּאָסעלעניע.

אין איינעם פון די דאָזיגע שמוציגע, פערפעסטעטע, פינסטערע און איבערפולטע באַראַקען, אזוי אז די אומגליקליכע זענען געלעגען ניט בלויז אויף די נארעס, נאר אפילו אונטער די נארעס און אין דורכגאַנג, אויף דער הוילער, קאַלטער און פייכטער ערד, האבען זיך געפונען צוויי יונגע אַרעסטאַנטען, וועלכע די איבריגע חברים זייערע האבען גערופען „דער צווילינג".

און ווירקליך, זעלטען, ווי די צוויי זענען געווען עהנליך איינער צום אנדערן.

אין זייערע „בעגלייט־שריפטען" זענען זייערעביידענס פּרי־טעס געווען אָנגעגעבען: „יאהרען — 26, וואוקס — 1 ארשין מיט 14 ווערשקעס, האר — שווארצע, אויגען — דוקעל־ברוינע, די נאז— אַ מעסיגע, דאס קין — רונד, דאס געזיכט — רונד. קיין בע־זונדערע צייכען האָט ער נישט".

דער אונטערשיד איז נאָר געווען אין די נעמען, אין גלויבען און אין אורטייל.

איינער האָט געהייסען ניקאָלאי גאווריִלאוו ריאבצאָוו, א פּראַוואסלאַוונער פון פּסקאָווער גובערניע, און דער צווייטער האט געהייסען סאַמואיל מאָרדוכאוו געלעס, פון בעסאראַבער גובערניע, אַ איד.

ניקאָלאי ריאבצאָוו איז פערורטיילט געוואָרען צו אייביגער פּאָסעליעניע אין יאַקוטסקער פּראָווינץ, און סאמואיל געלעס — צו זעכצעהן יאָהר קאַטאָרגע אין גערטשינסקער גרובערייען, און דער נאך צו אייביגער פּאָסעליעניע.

בעקענט האָבען זיי זיך אין דער עטאפּען־טורמע פון טשעליאַבינסק, וואו זייערע ביידענס טראַנספּאָרטען האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען, און גלייך אין ערשטען מאָמענט האָבען די אַרעסטאנטען בעמערקט זייער עהנליכקייט און זיי צוזאמענגעפּאָרט, ווי אַ צווילינג.

ריאבצאָוו און געלעס האבען זיך ביסלעכווייז בעפריינדעט, צווישען זיי האט זיך ענטוויקעלט אַ געוויסע סימפּאַטיע, אַ געגענ־זייטיקער צוטרוי, זיי האָבען זיך איינער פאר דעם צווייטען אויסגערעדט די הערצער, צוזאמען געגאַנגען אין דער רייהע אין עטאַפּ צוגעשמידעט איינער צום צווייטען, צוזאמען געלעגען אויף די נאָרעס, אָדער אויף דער ערד אין די טורמעס, הגם דער כאראַקטער פון זייערע פערברעכענס איז געווען שטאַרק פערשידענאַרטיג.

ריאבצאָוו איז געווען אַ געמיינער פערברעכער, אַ רעצידי־

וויסט, א שטאמגאסט פון דער טורמע, ווערענד געלעס איז געוועזן א עכט אינטעליגענטנער יונגער מאן מיט פיעלפאַכער בילדונג, פון אַ פיינער אידישער פאַמיליע, און זיין פערברעכען איז בעשטאַנען אין דעם, וואס ער האט ערמאָרדעט אַ קווארטאַלני נאדזיראַטעל, ווען יענער האָט געוואָלט שענדען זיין שוועסטער בעת׳ן פאָגראם אין קישינעוו.

איז זיך געלעגען דער דאָזיגער „צווילינג״ אונטער דער נארע אין טאָמסקער עטאַפּען־באראַק און זיך בעמיהט צו איינשלאָפען און אויסרוהען זיך ווי עס איז נאָך דעם שווערען וועג.

עס איז זיי אָבער נישט געלונגען. זיי האבען נישט געקאָנט איינשלאָפען. געלעס׳ן האבען געפּייניגט און געטריבט דעם שלאָף די גרויזאַמסטע געדאנקען און אַ אונגעהויערע נאָגענדע בענקשאפט. ריאַבּצאָוו׳ן ווידער האבען נישט געלאָזט איינשלאָפען דעם חבר׳ס שווערע זיפצען און אונרוהיגע, נערוועזע בעוועגונגען.

— סאַמואיל, — האט זיך ענדליך אָנגערופען ריאַבּצאוו צו געלעס׳ן. — נישט דו שלאָפסט און נישט איך קאן צוליב דיר איינשלאפען. טפוי, צום טייוועל!... דו צעקראָכענע באבע וואס דו ביזט.

— דיר איז לייכט צו זאָגען, קאליא — האט געלעס מיט אַ פרישען זיפץ געענטפערט. — דו וועסט פּטור ווערען פון עטאַפּ, ביזטו צוריק א פרייער פויגעל. אטעמסט איין די פרייע לופט און אַרבייטסט ווען דו ווילסט און וויפיעל דו ווילסט. ווארום וואָס איז פאָסעליעניע? א גלעכטער, אַ חוזק. דו מוזט זיצען אין דעם דארף, אָדער אין דער שטאדט, וואָס פּאָליציע ווייזט דיר אן? וויפיעל מיליאָנען מענשען זיצען אָב זייער גאַנץ לעבען אויף איין אָרט, נישט ריהרענדיג זיך אויף אַ טריט און זענען דאַמיט גאנץ צופרידען? דו וועסט זיין אונטער שטענדיגער פּאָליציי־אויפזיכט? ווער איז דען אין רוסלאנד נישט אונטער שטענדיגער פּאָליציי־אויפזיכט? מ׳האט ביי דיר צוגענומען די בירגער־רעכט? וויאס פאר א ווערט, וואס פאר א מאַכט האט בכלל

אין רוסלאַנד די רעכט פון אַ בירגער? דער ערשטער־בעסטער זשאַנדאַרם איז איבער דיר אַ אומבעגרענעצטער בעל־הבית... אָבער — זעכצעהן יאָהר קאַטאָרגע, זעכצעהן יאָהר זיין צוגע־שמידעט צו דער טאַטשקע, זעכצעהן יאָהר צוואַנגס־אַרבייט אונ־טער דער ערד. אין פינסטערע, פערפעסטעטע היילען, זעכצעהן יאָהר אין „טויטען־הויז" ביי אַ דראַקאָנישען רעזשים, זעכצעהן יאָהר זיין ווי אָבגעשטאָרבען פאַר דער ליכטיגער וועלט און דולדען די גראָבסטע, די געמיינסטע בעהאַנדלונג פון די רויהע בעאַמטע און אויפזעהער, דו פערשטעהסט, קאַליאַ, וואס דאס איז?

— עך, ברודערקע דו מיינער, — האט ריאַבצאָוו דערויף געזאָגט. — און דאָך פרעהט מיר ווענינ מיין פּאַסעלעניע און איך וואָלט עס גערן פערטוישט אויף קאַטאָרגע. זאָג מיר, וואס פאַר אַ לעבען וואַרט מיר דאָרט, אין די וויסטע מדבריות פון יאַקוטסקער אָבלאַסט, צווישען די ווילדע יאַקוטען און טונגוסען? וואס הויב איך דאָרט אָן צו טהון? ווי וועל איך דאָרט בע־קומען מיין שטיקעל ברויט? איך האָב נישט ביי דער נשמה אַ צעבראָכענע קאָפּייקע צו קויפען אַ לויט מאַכאָרקע, בכדי צו פערסמ'ען דעם וואָרם פון הונגער. קיין פאַך האָב איך נישט געלערנט, קיין גראַמאַטנער בין איך נישט, הייסט פון וואָס וועל איך עקזיסטירען? מיט די ניין קאָפּיקעס אַ טאָג, וואָס קאַזנאַ וועט מיר אויסצאָהלען? וועל איך, הייסט עס, זיין געצוואונגען בעטלען, גנבענען, אָדער פשוט ראַבירען, און ערשט דאַן אַריינ־פאַלען אין קאַטאָרגע... יאָ, סאַמואיל, איך פיהל, אַז פריהער צו שפּעטער, די קאַטאָרגע וועט מיך נישט אויסמיידען. וואָלט דען נישט פאַר מיר פיעל בעסער געווען, איך זאָל טאַקי שוין געהן אין קאַטאָרגע און זיין פערזיכערט מיט עסען, מיט קליי־דונג און מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ?... דו האָסט ווייסע הענד, דו ביזט עדעל ערצויגען, מיך אָבער שרעקט נישט אָב די שווערסטע אַרבייט און די שמוציגסטע טורמע. איך בין דערצו געוואוינט...

עטליכע מינוט זענען זיי געלעגען שטיל, יעדער פון זיי געווען פערטיפט אין זייגע געדאַנקען. פּלוצלינג האט זיך געלעס פאַרזיכטיג האַלב אויפגעהויבען אויף זיין געלעגער, האט בע־טראַכט די אַרעסטאַנטען, וואָס זענען ארום זיי ביידען געלעגען, און, איבערצייגענדיג זיך, אַז אַלע שלאָפען ווי די דערהרגעטע, האט ער זיך גאַנץ שטיל אָבגערופען צו ריאַבצאָוו׳ן:

— הער, קאַליא, אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר געבען הונדערט רובל... איך האב ביי זיך פערנעהט צוויייהונדערטער, קאָן איך דיר געבען איין פּאַפּירל.

— לייהען? — האט ריאַבצאָוו געפרעגט אַנ׳ערשטוינטער,— ווען וועל איך דיר אָבגעבען?

— ניין, בעצאָהלען וויל איך דיר, קאַליא...

— בעצאָהלען? — האט ריבצאָוו געפרעגט נאך מעהר ערשטוינט.—פאַר וואס פאַר אַ שטיקעל אַרבייט? איך האב אין לעבען אַזא מטבע נאך נישט אין דער האַנד געהאַלטען.

— און איצט וועסטו האַלטען...

— אָבער פאַרוואָס? פאַר וועלכע אַרבייט?

— פאַר דיין נאָמען...

— איך פערשטעה דיך ניט, סאַמואיל.

— אָט וועל איך דיר ערקלערען. נור דאָס דאַרף צווישען אונז בלייבען בסוד, אזוי אַז אפילו אַ פליג אויף דער וואַנד זאָל דערפון נישט וויסען.

— וועגען דעם קאָנסטו זיין רוהיג, ברודערקע.

— הער מיט קאָפּ, וואס איך וועל דיר זאָגען: מיר וועלען זיך בייטען מיט די נעמען, דו וועסט זיין איך, און איך וועל זיין דו... דו וועסט הייסען סאַמואיל מאָרדוכאָוו געלעס, און איך וועל הייסען ניקאָלאי גאבריילאוו ריאַבצאָוו. דער לעצטער עטאַפּען־פּונקט פאַר אונז איז אין אירקוטסק. דאָרטען וועלען מיר זיך שיידען: מיך וועט מען טראַנספּאָרטירען איבער׳ן בייקאַל

קיין גערטשינסק אויף קאַטאָרגע, און דו וועסט מיט דער לענאַ פערשיקט ווערען אין יאַקוטסקער אָבלאַסט אויף פּאָסעלעניע.

— נו יאָ.

— הער־זשע מיט קאָפּ: דארפען מיר אַזוי טוהן: ווען דער דירעקטאָר פון דער אירקוטסקער עטאַפּען־טורמע וועט איבערנעהמען דעם טראַנספּאָרט און אויסרופען די אַרעסטאַנטען לויט די בעגלייטונגס־ליסטען, וועסטו צו איהם צוגעהן, ווען ער וועט אויסרופען סאַמואיל מאָרדוכאָוו געלעס, און איך וועל צו־געהן, ווען ער וועט אויסרופען ניקאָלאַי גאַוורילאָוו ריאַבצאָוו... דו פערשטעהסט?

— מאָלאָדיעץ, סאַמואיל, — האט ריאַבצאָוו נישט געקאָנט בעהערשען זיין התפעלות. — אָט, וואס עס הייסט אַ אידי־שער קאָפּ!

— ששש... דו פערשטעהסט? וועט ממילא אויסקומען, אַז דו וועסט געהן קיין גערטשינסק, און איך אויף פּאָסעלעניע.

— און דערפאַר בעקום איך אַ „קאַטינקע"?

— דערפאַר בעקומסטו אַ קאַטינקע, נור זיי זיך גוט מיישב, קאָלאַי, איידער דו ענטשליסט זיך, און פערגעס נישט, אַז די מינדסטע אונפאָרזיכטיגקייט קאָן אונז ביידען פערשיטען, און דאמאָלס וועלען מיר זיך ביידע אויסריכטען אַ שוואַרץ יאָהר.

— זיי רוהיג, קאָליא. — האט ריאַבצאָוו געענטפערט. — דאס געשעפט איז געמאַכט. איך בין שוין מעהר נישט איך, און דו ביזט שוין מעהר נישט דו. פון אַצינד אָן בין איך סאַמואיל, און דו ניקאָלאַי.

— טאָמער האָסטו קרובים, אָדער פריינד אין פסקאָווער געגענד, טאָרסטו צו זיי נישט שרייבען פון גערטשינסק, ווייל נאַטשאַלסטוואָ לייענט די בריף, קאָן מען אַזוי ארום אַריינפאַלען.

— זיי רוהיג. נישט איך האָב קרובים, נישט איך קען שרייבען.

טאָמער גיט מען דיר איבער בריף פון מיין משפחה, זאלסטו זיי מכלומרשט לייענען. דו פערשטעהסט?

— איך פערשטעה. זיי רוהיג. קאָנסטו זיך אויף מיר פערלאָזען.

— נאך א זאך: עס קאן זיין, אז מיין ווייב זאל אויס־ווירקען אנ׳ערלויבניש און קומען קיין גערטשינסק מיט מיר וואוינען... אַבוואָהל איך בין איבערצייגט, אז איהרע עלטערן וועלען דערצו נישט דערלאָזען, ווייל מיר האָבען חתונה געהאַט אויס ליבע, געגען זייער ווילען... נור פאלס זי וועט יאָ קומען, זאלסטו איהר ענטדעקען דעם סוד און איהר זאָגען, וואו איך געפין זיך... נעהם גוט אין קאָפּ אריין אלץ וואס איך האב דיר דאָ געזאגט, און געדענק, אז די הויפּט־זאַך איז פארזיכט, פאָרזיכט און ווידער פאָרזיכט.

— זיי רוהיג, מיין טייערער פריינד. איך וועל שפּילען מיין ראלע, ווי דער בעסטער אַקטיאר.

דאס געשעפט איז געשלאָסען געוואָרען, די ביידע פער־שיקטע האבען זיך געגעבען די הענד, און פון אירקוטסק איז דער איד פערשיקט געוואָרען מיט דער לענאַ נאך אלעקמינסק אויף פּאָסעלעניע מיט דעם נאמען ניקאָלאי גאַברילאוו ריאַבצאוו און דער פּראַוואָסלאווער איז געוואָרען א קאָטארזשניק אין גער־טשינסק אונטער דעם נאמען סאַמואיל מאָרדוכאוו געלעס.

2.

איבערנעהמענדיג דעם טראַנספּאָרט פּאָסעלנצעס, וואס דארפען בלייבען אין זיין בעצירק, האט דער אלעקמינסקער איספּראַווניק א שעה צייט זיי פּאָרגעלייענט א מוסר השכל, ווי אזוי זיי מוזען זיך אויפפיהרען, וועלכע בעשעפטיגונג ס׳איז זיי

ערלויבט און וועלכע עס איז זיי פערבאָטען. צו די פערבאָטענע בעשעפטיגונגען געהערט יעדער אינטעלעקטועלער פאך, ווי למשל, דאָקטאָריי, אַדוואָקאַטור, אַפּטעקעריי, מוזיק, לעהרעריי און אזוי ווייטער, בעמערקענדיג דערביי, אז פאַר עובר זיין אויף די פאָרשריפטען דראָהען ריטער, טורמע און זאָגאר קאַטאָרגע.

— געדענקט, — האט דער איספּראַווניק פערענדיגט זיין רעדע, — איינע פון די וויכטיגסטע פאָרשריפטען, וואס מוז אָבגעהיט ווערען, איז נישט פערלאָזען אייגענוויליג דעם וואוין־ארט, וועלכע די מאַכט האט פאר יעדען פון אייך בעשטימט. איהר הערט?

— מיר הערען, וואשע וויסקאָראדיע! — האבען מיט איין קול בעענטפערט די פאָסעלענצעס.

— און איצט זאגט מיר, ווער פון אייך פיהלט זיך פעהיג און האט לוסט צו ערד־ארבייט? נור איך מוז אייך וואָהרנען, אַז דער גרונד איז דאָ אַ ווילדער, א רויהער, נאך נישט קיין בעריהרטער, ווייל די אָרטיגע בעפעלקערונג, די יאקוטען, טונגוסען און טשוקטשיס געהערען צו די ווילדע וואנדער־שבטים און האבען זיך פון דורי־דורות נישט פערנומען מיט ערד־ארבייט. דעריבער איז דאס אַ זעהר שווערע אויפגאַבע. אום וואס עס איז ארויסצובעקומען פון דער היגער ערד, מוז מען אַרבייטען מיט׳ן בלוטיגען שווייס און מיט אנ׳אייזערנער געדולד. דעריבער פרעג איך אייך נאָכאמאל: ווער פון אייך האט חשק און פיהלט זיך פעהיג צו דער דאָזיגער ארבייט?

פון דער גאנצער גרופּא פאָסעליענצעס האט זי נאָר איין־איינציגער קול אָבגערופען:

— איך, וואשע וויסאָקאראָדיע!

— ווער האט זיך דאָרט אָבגערופען?

— איך, וואשע וויסאָקאראָדיע! ניקאלאי גאווריליאָוו ריאַבצאוו.

— אַנו, קום נור אהער, ברודערקע.

צום איספראווניק האט זיך דערנעהנטערט און געבליבען שטעהן מיט דרך־ארץ דער בעסאראַבער איד.

— ניקאלײ גאווריליאָוו ריאבצאָוו? — האט געפרעגט דער איספראווניק, אויפזוכענדיג צווישען די פּאַפּירען ריאבצאָוו׳ס בעגלייטונגס־שריפט.

— טאק טאטשנא, וואשע וויסאָקאראדיע!

דער איספּראווניק האָט דורכגעקוקט ריאבצאָוו׳ס פּאפּירען און געזאגט מיט אַנ׳איראָנישען שמייכעל:

— אין פּסקאָוו, זעה איך, האסטו זיך פערנומען מיט גנבות, מיט שווינדלעריי, זאגאר מיט בעטלען.

— אמת, וואַשע וויסאקאראָדיע!

— און דא ווילסטו ווערען אַנ׳ערד־ארבייטער?

— טאק טאטשנא, וואַשע וויסאָקאראָדיע. דאס וואס איז אמאָל געווען, איז אַוועקגעשוואומען. אציינד וויל איך עהרליך ארבייטען.

— דאס איז שען, ניקאלאַי ריאַבצאָוו זאל דיר גאט העלפען. פּאוועל סטעפּאנאָוויטש, — האט זיך דער איספּראַווניק געווענדעט צום סטאנאָוואי פּריסטאוו, — איהר וועט לאזען אבמעסטען פאר ניקאלאי גאַווריליאָוו ריאַבצאָוו א זאַאימקע פון אַקוואדראַטנער דיעסאטינע, נישט ווייט פון וואלד, צווישען אָלקעמינסק און נאכטוי.

— גוט, דמיטרי אַרקאדיעוויטש, — האט געענטפערט דער סטאנאָוואָי.

— געהילך, צו בויען אַ יורטע (הייזעל) און צו הייצען, קאָנסטו זיך בעהמען אין וואַלד, וויפיעל דו ווילסט, — האָט דער איספּראווניק געזאגט ריאבצאָוו׳ן. — אלע נויטיגע מכשירים וועט מען דיר ארויסגעגעבען פון קאזנא.

— איך דאנק מיט הכנעה, וואשע וויסאקאראדיע — האט דערויף ריאַבצאָוו געענטפערט.

— נאָר זעה, דו זאלסט זיך גוט אויפפיהרען, מיר זאלען פון דיר צופרידען זיין.

— איך וועל זיך געבען די מיה, וואשע וויסאָקאראָדיע!

אזוי־ארום האט „ריאַבצאָוו" אויסגעהאלטען דאס ערשטע פייער און גלענצענד בעלעגט דאס געפעהרליכסטע עקזאַמען.

אָבגעבענדיג זיך דין וחשבון, אז זיפצען און קרעכצען קאָן איהם גאָרנישט העלפען, און אַז ער מוז שלום מאכען מיט דער הארטער ווירקליכקייט, האט זיך ריאַבצאָוו מיט זיין גאנצער יונגער ענערגיע גענומען צו דער ארבייט, האט אויפגעשטעלט אַ יורטע לויט דער יאקוטער „ארכיטעקטור", און נאָך אַ פּאָר וואכען האט ער געהאט אַ דאך איבערן קאָפּ.

פערטיג געוואָרען מיט דער דירה, האט ער זיך גענומען צו בעארבייטען זיין דעסיאטינע ערד. מיט דער דאָזיגער אומנות איז ער גוט באַקענט געווען, ווי אַ קינד פון אַ בעסאראַבער אידישען קאלאָניסט, און ארבייטענדיג האט ער פערגעסען זיין ביטערען גורל, זיין עלענדע לאגע, ווייל ער האט געמוזט פערגעסען.

נישט איינמאָל, ליגענדיג ביינאכט אין דער יורטע, איז איהם געקומען אויף די געדאנקען די ווייטע, זיסע היים, די געליעבטע שענע פרוי, און די בענקשאפט האט גענאָגט, דאס הארץ האָט געוועהטאגט. נאר מען טאר נישט שוואך זיין, מען טאר אויף איין אויגענבליק נישט פערגעסען, אַז דאָ איז מען ניקאלאי גאווריוואָוו ריאַבצאָוו, און נישט סאמואיל מאָרדוכאָוו בעלעס.

שרייבען? געבען פון זיך אַ צייכען? ווי אזוי? דורך וועמען? ער איז אין מדבר, אונטער דער שטרענגסטער השגחה פון דער פּאָליציי.

פערפאלען. מען מוז דולדען, מען מוז שווייגען און האפען, אפשר וועט די צייט אמאָל קומען צו הילף.

און ער האט געדולדעט, געשוויגען, געאַרבייט און געהאפט...

3.

גאר אויף אַנ׳אנדער ארט האט פערבראַכט איהרע טעג די יונגע מאַדאם געלעס אין הויז פון איהרע עלטערען דארט, אין בעסאַראביען.

די ערשטע צייט, דאס הייסט נאך דעם, ווי איהר מאַן האט צוזאמען מיט נאך פיעל ארעסטאנטען, געשמידט אין קייטען און בעוואַכט פון סאָלדאטען מיט בלויזע שווערדען, — פערלאָזט די שטאדט, איז זי געווען ווי פערשטיינערט, ווי וואַהנזיניג. זי האט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט, האט אויף קיין פראגע נישט געענטפערט, האט אויסגעוויכען אפילו איהרע נאָהנטסטע, און איז געזעסען שטונדען לאנג אין איהר צימער אליין, אונבעוועגליך, פאר׳ן פענסטער, האט נישט געיאָמערט, נישט געוויינט, נור געקוקט אין איין ריכטונג מיט אויסגעשטארטע אויגען.

נאך אַ געוויסער צייט איז זי אריינגעפאלען אין אַ פערצווייפלונגס-עקסטאַז. זי האט ביז צו אָהנמאַכט געוויינט, גע-ספאזמעוועט, געריסען די האָר פון קאָפּ און געשריען אין איין אָטהעם שטונדען לאנג, אז זי וויל נישט לעבען, זי קאן נישט לעבען, ביז זי איז אַוועקגעפאלען אויף איהר געלעגער און איינגעשלאפען ווי א שטיין.

ביסלעכווייז האט זי אָנגעהויבען ווערען אויסערליך רוהיגער, ענערגישער, ענטשלאָסענער און האט ביי אַ פאסענדער געלעגענ-הייט געמאָלדען איהרע אלטערן, אַז זי האט פעסט בעשלאָסען, פאָהרען אין סיביר און טיילען מיט איהר מאן זיין שווערען שיקזאל.

— יאָ, אט דערפאַר האב איך די גאנצע צייט מורא גע-

האט, מיין טאַכטער, — האט דער פאָטער געזאגט מיט אַ שלעכט בעהאלטענעם גרימצאָרן. — ווען דו האָסט געגען מיין ווילען חתונה געהאט מיט דעם... מיט דעם דאָזיגען היצקאָפּ, האט מיר דאס האַרץ געזאגט, אַז עס וועט גלאַט נישט אָבגעהן, און אַז מיין שטוב ווארט אַ גרויס אונגליק. מיר זענען געוואָרען צו שאנדע, מיין נאמען פערפלעקט, איך בין געווארען „דער שווער פון אַ קטאָרזשניק", און איצט ווילסטו נאך פערגרעסערן אונזער אומגליק?... פאָהרען אהין?

— יא טאטע! איך וויל פאהרען און וועל פאָהרען!

— האסטו געטראכט, טאָכטער, ווי אזוי מיר וועלען דא בלייבען? — האט זיך די מוטער צעוויינט. — בערעכען נור, וואס מיר וועלען דאָ איבערלעבען, וויסענדיג, אז אונזער איינציגע, ציטריגע טאָכטער געהט צום גרונד אין דעם ווייטען, קאלטען לאנד, צווישען די געמיינסטע פערברעכער. דו וועסט עס דארט נישט אויסהאלטען, און מיר וועלען עס דאָ נישט איבערלעבען. טאָכטער, האב רחמנות...

— איך האב רחמנות אויף דעם, אויף וועמען מיין הייליגע פליכט איז צו האָבען רחמנות... פון דעם מאָמענט, וואס איך האב סאַמואילען געגעבען מיין האנד און מיין האַרץ, געהער איך צו איהם מיט לייב און זעלע, און מיין פליכט איז טיילען מיט איהם גליק און אונגליק. מאָרגען געה איך צו זיין אַדוואקאַט, ער וועט פאַר מיר ערלעדיגען די נויטיגע פאָרמאַליטעטען, און איך וועל פאָהרען.

אויף דעם צווייטען טאָג איז מאַדאם געלעס געזעסען אין קאַבינעט פון אַדוואָקאט, וועלכער האט איהר מאַן פערטיידיגט פאַר דעם געריכט.

— ליעבע מאדאם געלעס, האט איהר גוט בערעכענט דעם שריט, אויף וועלכען איהר בעשליסט אייך? — האט דער אַדוואָקאַט געפרעגט מיט מיטלייד. — איהר זענט נאָך זעהר יונג,

איהר האט נאָך דאס גאנצע לעבען פאַר זיך. פאר וואס זאלט איהר נישט אויסנוצען די גרויסמוטיגקייט פון אייער מאַן?

— די גרויסמוטיגקייט פון מיין מאַן? איך פערשטעה נישט, וואס איהר מיינט דערמיט.

איידער אייער מאַן איז פערשיקט געווארען, האט דורך מיין פערמיטלונג דער רב געשיקט צו איהם אין טורמע אַ סופר מיט צוויי עדות, און ער האט אונטערגעשריבען פאַר אייך אַ גט. דער גט געפינט זיך ביי׳ם רב. איהר קאָנט איהם צו יעדער צייט בעקומען און זיין פריי לויט דעם אידישען דת... האט דאָס אייך אייער מאַן נישט געזאָגט ביים געזעגנען זיך?

אַנשטאט אַן׳ענטפער האט די יונגע פרוי אויסגעבראָכען מיט אַ פערשטיקטען היסטערישען געוויין, וואָס האט געדויערט אַ פּאָר מינוט.

ענדליך איז זי מיט אמאָל רוהיג געוואָרען, האט הויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האט אויף דעם פערטיידיגער אויסגע־שטארט איהרע גרויסע, ענערגישע אויגען און געזאָגט מיט אַ פעסטער שטים:

— איהר פערשטעהט, אַז מיט דעם, וואס איהר האָט מיר דאָ אַצינד ענטפּלעקט, האט איהר אין מיר געשטארקט מיין בעשלוס צו לויפען צו דעם עדלען, גרויסמוטיגען מער־טירער און זיסער מאַכען זיין לעבען אויף וויפיעל עס איז מעגליך?

יאָ, איך פערשטעה אייך, מאַדאם געלעס. אייער שמערץ און אייער שטרעבען ערוועקען אין מיר די טיפסטע אַכטונג. נור מיין פליכט איז אייך צו ווארנען, אייך ערקלערען, אז נישט אזוי לייכט איז דורכפיהרען אין דער ווירקליכקייט אונזערע שענע, ראָמאַנטישע שטרעבונגען. צי ווייסט איהר, וואָס פאר א שווערען, כמעט אונעררייכבארען צוועק איהר האָט אייך געשטעלט? צי ווייסט איהר, וואָס פאר א לאַנגער, ווייטער און

מיהזעליגער וועג אייך שטעהט פאָר? צי ווייסט איהר, אַז אייך וועט אויסקומען צו לעבען צווישען די געמיינסטע, די דעמאָ־ראַליזירטסטע עלעמענטען? צי ווייסט איהר, אַז אייער מאַן, וועלכער האָט אייך אמת ליב, וועט נאך שטאַרקער ליידען, זעהענדיג, ווי איהר האָט צוליעב איהם בעגראָבען אייערע יונגע יאָהרען, און ווי איהר קוועלט זיך ווי דער געמיינסטע אויס־ווארף פון דער געזעלשאַפט?

מאדאַם געלעס האט געשוויגען. זי האָט נור לייכט בע־וואויגען איהר קאָפּ און געקוקט אויפ׳ן אַדוואָקאַט מיט אַ איראָ־ניש־ביטערן שמייכל.

— און צווייטענס, — האט דער אַדוואָקאט פאָרטגעזעצט נאָך אַ קורצער פויזע. — אָט דעם דאָזיגען בעשלוס אייערען האָט איהר בעדאַרפט אָנגעהמען איידער הערר געלעס איז פער־שיקט געוואָרען, וואלט איהר געקאָנט גלייכצייטיג מיט׳ן טראַנס־פּאָרט פאָהרען אין זיין פערשיקונגס־אָרט. אצינד אָבער, ווען עס איז שוין אַוועק כמעט אַ יאָהר, און איהר האט נאָך נישט קיין שום בעריכט, וואו ער געפינט זיך און, איבערהויפּט, צי ער לעבט נאָך, האט אייער רייזע קיין שום צוועק נישט. איהר מוזט ווארטען ביז איהר וועט גענוי געוואָהר ווערען, צי ער איז שוין אויפ׳ן אָרט.

— דאַרף עס לאַנג דויערן? — האט פרוי געלעס גע־פרעגט מיט אַ קאַלטער, טרוקענער שטים.

— ווענינסטענס נאך אַ האלב יאָהר.

— ווענינסטענס נאך אַ האלב יאָהר? — האט די אונגליקליכע אויסגעשריען מיט אַ שוידער, אַקצענטירענדיג דאס וואָרט „ווענינסטענס".

— יאָ, מאדאם, ווענינסטענס... איהר פערשטעהט שוין מיט וויפיעל געדולד און אויסדויער איהר מוזט אייך פערזעהען?

— איך פערשטעה און איך וועל אויסדויערן...

עס זענען אַוועק חדשים. עס איז אַוועק דאס האלבע יאָהר, עס לאזט זיך שוין גיך אויס דאס צווייטע יאָהר, און אין קול ואין עונה. נישטאָ קיין שום צייכען, קיין שום אות פון סאַמואיל'ן.

זי שרייבט כמעט יעדען טאָג, זי גיסט אויס אויפ'ן פּאַפּיר איהר ביטער הארץ, זי בעשווערט איהם אויף זייער ליבע, זי בעט רחמים, ער זאל איהר ענטפערן, נור איהרע בריף ווערען ווי אין ים דערטרונקען, און איהר פערצווייפלונג שטייגט פון טאג צו טאָג.

— וואָס טהוט מען? — לאזט זי נישט רוהען דעם אדוואָקאַט. — אַנ'עצה, גוטער מענש, גיט אַנ'עצה...

— טעלעגראַפיש אָנפרעגען, — ראט איהר ענדליך דער אַדוואָקאט. — דורך דעם גובערנאטאָרס קאנצעלאריע מאַכען אין גערטשינסק אַ טעלעגראפישע אָנפראגע מיט אַ בעצאהלטען ענטפער.

נאָך לאנגע, אונענדליכע טעג און שלאָפלאָזע נעכט בעקומט זי אַ שריפט פון גובערנאַטאָרס קאנצעלאריע מיט אַנ-ענטפער פון גערטשינסק, אַז סאמואיל מארדוכאָוו געלעס לעבט, איז געזונד און געפינט זיך אין גערטשינסקער קאטאָרזשנע טורמע.

ווי אַ שווערער שטיין איז איהר פלוצלינג אַראָב פונ'ם הארצען, זי איז מונטערער, לעבהאפטער געווארען און איז אין איין אָטהעם אוועק מיט'ן דאָקומענט צום אַדוואָקאט.

— אָט אַצינד, זעהט איהר, אז מיר האבען שווארץ אויף ווייס וואו ער איז, קאָנען מיר איינרייכען אַ ביטע וועגען אַנ-ערלויבניש אהין צו איהם צו פאָהרען. א חוץ דעם וועל איך פון זיך שרייבען צו אַ געוויסען הערר יעווסיי פּאַוולאָוויטש גראָדנער אין אירקוטסק, ער זאָל אייך בייהילפיג זיין ביים ערלעדיגען די נויטיגע פאָרמאליטעטען אין דער הויפט-פערוואלטונג פון די קאַטאָרזשנע טורמעס אין מזרח-סיביר. די דאָזיגע

פערוואַלטונג געפינט זיך אין אירקוטסק ביי דער קאנצעלאריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר. יעווסיי פּאוולאָוויטש גראדנער איז מיינער אַ געוועזענער קאָלעגע פון מאָסקווער אוניווערזיטעט און אַ הערצליכער גוטער פריינד. מיר קארעספּאנדירען צווישען זיך ביז היינטיגען טאָג, און ער וועט פאַר מיר אַלץ טהון. דערצו איז ער אַן אָנגעזעהענע פּערזאן אין אירקוטסק. אַ בעזיצער פון אַ גאָלד־גרובעריי, און בטבע אַ ליעבענסווירדיגער מענש. זייט רוהיג, געעהרטע מאַדאם געלעס. איך פון מיין זייט וועל פאר אייך טהון, וואס עס איז נאָר מעגליך, און גאט זאל אייך פיהרען אין רעכטען וועג. אז איהר וועט קומען קיין גערטשינסק, זאלט איהר איבערגעבען מיין אונגליקליכען קליענט מיין איני־געסטען גרוס און איהם פערזיכערן אין מיין נאָמען, אז פאר מיר און פאר אַלע גוט־דענקענדע לייט איז ער פערבליבען אויף אייביג אַ קרבן פון דיווילדע פּאגראָמען און אַ עדעלער העלד, וואס האט מיט געוועהר אין דער האנד בראוו פערטיידיגט די עהרע פון זיין איבערפאַלענער שוועסטער.

עס זענען אַוועק נאָך עטליכע חדשים ביז עס איז ער־האלטען געוואָרען די ערלויבניש, און די יונגע פרוי געלעס, אַ האלב קראנקע, מיט אַ צעפליקטער נשמה, מיט אַן אָנגעוועהטאגט הארץ, האט ענדליך פערלאָזען איהר רייכע, בעקוועמע היים און איז אוועק אין ווייטען־ווייטען וועג, טיילען דעם ביטערען גורל מיט איהר געליבטען מערטירער.

4.

פּאוועל יעווסייעוויטש, דאס הייסט יעווסיי פּאוולאוויטשס פּאָטער, איז געוועזען אַ ניקאלאיעווסקי סאָלדאַט. געשטאמט האט ער פון פּאדאָליע, פון אַ פיינער נאר פעראָרימטער משפחה, און

קהל האט איהם אָבגעגעבען צו די רעקרוטען צוליב דעם, וואס ער איז געווען א פריזיבעגער, אַן אַפיקורס.

ווען ס׳האט זיך געענדיגט זיינע פינף און צוואנציג יאָהר מיליטער־דינסט אין אירקוטסק, האט ער דא חתונה געהאט מיט אַ רייכער אלמנה, וועלכע איז געווען מיט אַ פּאָר יאהר עלטער פון איהם. פונקט צום יאהר האט זי איהם געבוירען יעווסייען, און אליין איז זי זיך אָבגעשטארבען, איבערלאָזענדיג איהם אַ גרויסע ירושה.

נאך אמאָל האט פּאַוועל יעווסייעוויטש נישט געוואָלט חתונה האָבען. ער האט ביי דער לענא ערוואָרבען אַ טייל גרונט וואו עס האט זיך ארויס געוויזען אַ גאלד־קוועלע, און האט זיך מיט לייב און זעלע געווידמעט דער ערציהונג פון זיין בן־יחיד.

אזוי האבען זיך געוועקסעלט די יאהרען, די גאלד־קוועלע האט זיך גלענצענד ענטוויקעלט, פּאוועל יעווסייעוויטש׳ס רייכטום איז געוואקסען, דער זוהן האט זיך אויך איינגעגעבען, און ווען ער האט געענדיגט דאס גימנאזיום, האט איהם דער פאָטער אוועקגעשיקט קיין מאָסקווע שטודירען יורי.

ווען יעווסיי פּאוולאוויטש האט שוין געהאלטען ביים סוף פון דריטען קורס האט ער פּלוצלינג ערהאלטען א דרינגענדע דעפּעשע פון זייער הויז־דאָקטאר, אַז דער פאָטער איז געפעהרליך קראַנק געווארען און ער פערלאנגט יעווסיי זאָל ווי אמשנעלסטען קומען קיין אירקוטסק.

יעווסיי האט תיכף ומיד פערלאזען מאסקווא, נור דער וועג האט געדויערט לענגער ווי פּאוועל יעווסייעוויטש׳ס קראנקהייט, און ווען יעווסיי איז אָנגעקומען קיין אירקוטסק, איז ער גלייך אוועק אויף דעם בית־עולם און בעגריסט מיט טרעהרען דעם פאָטערס פרישען קבר.

דער יונגער גראָדנער האָט זיך ענערגיש גענומען צום געשעפט, ער האָט עס פערגרעסערט, פערבעסערט, מעהר ענטוויקעלט, איינגעפיהרט אַ געהעריגע אָרדנונג, און נאכהער חתונה

געהאַט מיט אַ בעריהמטער שעהנהייט פון קראַנסנאָיארסק, אויך אַ טאכטער פון א ניקאָלאיעווסקי סאָלדאט.

די יונגע מאַדאם גראָדנער האָט אָנגעהויבען פיהרען אַ הויז אויפ׳ן ברייטען פוס, מיט זשורפיקסען, מיט בעלער, מיט פראַנצויזישע מיטאָגען, האָט געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט די אָנגעזעהענסטע הייזער פון שטאָדט, סיי קריסטליכע, סיי אידישע און אומעטום האָט זי געמאַכט פוראר מיט איהר אויסערגעוועהנ־ליכער שענהייט.

יעווסיי פּאַוולאָוויטש איז געווען גליקליך. ער איז געווען אין זיין טאטיאנע פערליבט איבער די אויערן. ער האָט ארויס־געלייענט פון איהרע הימעל־בלויע אויגען און מיט׳ן גרעסטען אייפער ערפילט איהר יעדען וואונש, איהר יעדען קאַפּריז, און ער איז שטאָלץ געווען זעהענדיג, ווי זיין טאטיאנא איז אויף יעדען באל די קעניגין, ווי זי איז שטענדיג אַרומגערינגעלט פון א שטאב פערעהרער און ווי זי געהט איבער פון האַנד צו האַנד ביים טאַנצען.

צווישען די פערשידענע פערעהרער פון טאטיאנא סאָלאָ־מאָנאָוונא גראדנער האָט אויף זיך געצויגען די אַלגעמיינע אויפ־מערקזאַמקייט דער נייער אָבער־אדיוטאנט פון אירקוטסקער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר, א שענער, יונגער מאַיאָר, וואס האט געשטאַמט פון הויכען רוסישען אַדעל.

געקומען אין ער קיין אירקוטסק פון קראַסנאָיארסק, וואו ער איז געווען בעאַמטער פאר מיליטערישע אָנגעלעגענהייטען ביי דעם יעניסייער גובערנאַטאר, און, ווי מ׳האָט גערעדט איז דער דאָזיגער אָפיציר געווען בעקאנט מיט טאטיאנא סאלאָמאָ־נאָוונא נאך פון קראַסנאָיארסק, דאביי האָבען זיך מאַנכע איבער־געגעבען פון אויער צו אויער, אַז זייער בעקאַנטשאַפט איז זאָגאר געווען אַ זעהר אינטימע.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די דאָזיגער קלאַטשעריי איז

נישט אָנגעקומען צו יעווסיי פּאַוולאָוויטש, און ווען זי וואָלט אפילו יאָ דערגרייכט צו זיינע אויערן, וואָלט ער זיך אויסגע־לאַכט דערפון, ווי פון אַ פּראָדוקט פון ווייבערישער קנאָה און בייזוויליגקייט.

— צוויי אוצרות בעזיץ איך, פלעגט יעווסיי פּאַוולאָוויטש זאָגען, — אָבער וואס פאַר אַ בעדייטונג האט מיין אוצר ביי דער לענא געגען דעם אוצר מיינעם, וועלכער רופט זיך „טאט־יאנא סאלאָמאָנאָוונאַ״?...

און דער גלאַנץ פון דעם לעבעדיגען אוצר האט איהם די אויגען פערבלענדעט. ער האָט אויף איהם קאָנצענטרירט זיינע אַלע געדאַנקען זיינע אַלע חושים, און יעווסיי פּאַוולאָוויטש איז געווען ווי פּערהיפּנאָטיזירט, ווי בעצויבערט און ער האָט געזעהן די ווירקליכקייט נישט ווי זי איז געווען, נאר ווי ער האָט געוואָלט, און ער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די גליקליכסטע מענשען אויף דער ערד.

נור די האַרטע ווירקליכקייט איז געווען ריקזיכטסלאָז, און האָט ענדליך מיט איהרע גראָבע הענד אַראָפּגעריסען אין איין מאָמענט דעם געדיכטען שלייער פון גראָדנערס אויגען, און ער האָט פּלוצלינג דערזעהן, אז ער שטעהט איבער אַ גרוי־זאַמען, אונגעהוירן אָבגרונד.

ביי יעדען מאָל, ווען יעווסיי פּאַלאָוויטש האָט זיך גע־קליבען אין וועג צו דער גאָלד־גרובעריי, פלעגט ער זיך צערט־ליך געזעגנען מיט דער פרוי און איהם פּינקטליך, צו דער שעה, בעשטימען דעם טאָג, אין וועלכען ער וועט זיך אומ־קעהרען.

האט זיך אָבער איינמאל געטראָפען, אז ער איז געקומען פון דער רייזע פאַר דעם בעשטימטען טאג, און געווען איז דאס שפּעט אין דער נאכט.

אריינקומענדיג אין הויף, האט ער געזעהן, אז דאס גאנצע

הויז זינקט אין פינסטערניש, אלץ שלאפט שוין, נור אין פאָדער־צימער און אין זיין פרויס בודואַר זעהט זיך א שוואכער שיין פון די נאַכט־לאָמפּען.

אַ חוץ דעם האָט אויף זיך געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט דער פאַקט, וואס בארבאָס, דער טרייער פיערפוסיגער נאכט־וועכטער, איז נישט אראָבגעלאזען פון דער קייט און ליגט זיך רוהיג אין זיין בודע.

אין פאָדער־צימער האט יעווסיי פאוולאָוויטש געטראפען די יאַקוטקע מאַרוסיא, ווי זי זיצט און דרעמלט.

ווען ער איז אַריינגעקומען, איז די יאקוטקע אַ ערוואכטע אויפגעשפרונגען און געוואָלט לויפען אין די אינערליכע צימערן.

— מאַרוסיאַ — האט זיך גראָדנער אנגערופען, — וואוהין לויפסטו?

מארוסיא איז געבליבען שטעהן א דערשראקענע און האט אָנגעהויבען שטאמלען:

— איך... איך... די באַריניא...

— וואס „די באַריניא"? — איז שוין יעווסיי פאוולאוויטש געוואָרען אונרוהיג. — פארוואס שלאָפסטו נאך נישט?

— איך... איך...

— פארוואס איז בארבאָס נאך אויף דער קייט?

— די... די באַריניא...

יעווסיי פאוולאָוויטש האט פּלוצלינג דערזעהן אויפ'ן הענגער דעם מאַיאָרס שינעל און איז געבליבען שטעהן, ווי געטראָפען פון אַ דונער.

האסטיג, ווי געטראָגען פון אַ ווילדער קראפט, איז ער אוועק צו זיין פרויס בודואַר. האַסטיג האט ער אויפגעריסען די טיר, און דערזעהן זיין טאטיאנא מיט'ן מאַיאָר אין דער אינטימסטער פּאָזע...

טאטיאנא איז א דערשראקענע אָבגעשפרונגען אין אַ זייט,

וועהרענד דער מאַיאָר איז זיך ציניש־רוהיג אויפגעשטאנען פון דער קאָזעטע, האט איבערגעגעבען גראָדנערן זיין וויזיט־קארטע און מיט דער זעלבער רוהיגקייט געזאגט:

— מיר זענען מיט טאטיאנא סאלאָמאנאָוונא גוטע אלטע בעקאנטע... דא האט איהר מיין וויזיט־קאַרטע. איך שטעה צו אייער פערפיגונג. אַ גוטע נאכט.

און ער האט רוהיג פערלאָזט גראָדנערס הויז.

— טאטיאַנא! — האט יעווסיי פאוולאָוויטש אויסגעשריען מיט אַ פערדומפטען, פערשטיקטען קול, — איז דאָס אמת, וואס דער געמיינער ציניקער האט דא געזאָגט?...

— אמת, — האט טאטיאנא געענטפערט, נישט אויפהויבענדיג דעם איינגעבויגענעם קאָפּ און ציטערנדיג, ווי אין שטארקסטען פיבער.

— הייסט עס, אז דו האָסט מיך גענארט פון דער ערשטער מינוט?...

נור טאטיאנא איז געשטאַנען ווי פריהער און האט מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט.

— טאטיאנאַ!!! — האט יעווסיי פאוולאוויטש אַ בריל געטהון, ווי א צערייצטער לייב, און זיך געוואָרפען צו איהר מיט אויפגעהויבענע פויסטען. — דו שווייגסט, דו פרעכע אונפערשעמטע שלאַנג!

— איך האב אייך נישט וואס צו ענטפערן, — האט זיך אָבגערופען טאטיאנא דרייסט און האט הויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— הממ, — האט ווייטער געברילט גראָדנער און איז ארומגעלאָפען הין און צוריק איבער'ן בודואר, ווי אַ פערוואונדעטער טיגער, — און דאס דאזיגע העלישע בעשעפעניש האב איך אזוי הייס, אזוי הייליג געליבט? און אזא פעררעטערישע

היינע האב איך געדריקט צו מיין בריסט, האב איך אזוי פער־געטערט און מיט איהר אזוי שטאלצירט?...

— ניין, ניין, — האָט ער זיך ווידער אָנגערופען נאָך אַ פּאָר מינוט און איז געבליבען שטעהן. — אָהן סקאַנדאַלען. די זאַך וועט ערלעדיגט ווערען אָהן סקאַנדאַלען. אין מיין הויז איז פאר אייך מעהר קיין פּלאַץ נישטאָ. איך שטעל צו אייער דיספּאָזיציע וואס פאַר א סומע איהר וועט בעשטימען. מאָרגען פריה פערלאָזט איהר מיין הויז, און מיין עקיפּאַזש וועט אייך אָבפיהרען אין קראַסנאָיארסק. דאָרט וועט איהר בעקומען אויס־געצאָהלט די פערשפּראָכענע סומע געלד, און איך גלויב, אַז אייער אַריסטאָקראַטישער געליבטער וועט אייך נאָכלויפען פון אירקוטסק קיין קראַסנאָיאַרסק, פּונקט ווי ער איז אייך נאָכגע־לאָפען פון קראַסנאָיארסק קיין אירקוטסק... איהר קאָנט זיין רוהיג. איהם וועט קיין האָר פון קאָפּ חס ושלום נישט געריהרט ווערען. איך וועל זיך נישט בענוצען מיט זיין אַריסטאָקראַטי־שער „גרויסמוטיגקייט” און וועל איהם אויף קיין דועל נישט אַרויסרופען. דאַרויף גיב איך אייך מיין סיבירער עהרענוואָרט...

טאַטיאַנאַ סאַלאָמאַנאָוונא האט אויף דעם צווייטען טאָג פערלאָזט אירקוטסק, זי איז אַוועק צוריק אין הויז פון איהרע עלטערן אין קראַסנאיאַרסק און געוואַרט מיט דער גרעסטער אנגעדולד אויף איהר געליבטען מאַיאָר.

זי האָט געוואַרט וואָכען, געוואַרט חדשים, און וועו זי איז געוואויר געוואָרען, אַז דער געליבטער איהרער האָט חתונה געהאַט מיט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס אַ פּלעמיאַניצע, האט זי זיך גענומען דאָס לעבען.

וועו יעווסיי פּאַוולאָוויטש האט זיך דערוואוסט פון טאַט־יאַנאַס זעלבסטמאָרד האט ער דערפיהלט אַ ברענענדיגען שמערץ אין דער ברוסט.

פאר זיינע אויגען איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסען נישט די

פערדעטערישע, אָבשוילינכע טאַטיאַנא, וועלכע ער האָט אין יענעם פּאַטאַלען אָוועגד געטראָפען אין די אָרעמס פון דעם רוסישען דון-זשואַן, זאָגנדערן די צאַרטע טאַטיאַנא, מיט וועלכע ער איז אזוי גליקליך געשטאַנען אונטער דער חופה, די טאַט-יאַנא, וועלכע האָט איהם פערשאַפט אזוי פיעל זיסע שטונדען, די טאַטיאַנא, וועלכע האָט בעשעהנט זיין הויז — אָט די געט-ליכע טאַיאַנא איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסען פאַר זיינע אויגען, און ער האָט זיך ביטער צעוויינט.

— נאָך איין קרבן פון דער פערדאָרבענער ערציהונג — האָט יעווסיי פּאַוולאָוויטש בעדויערט זיין טראַגיש-פערשטאָרבענע פרוי, — דער מאָראַליזירענדער ביישפּיעל פון די חבר'טעס, פון די לעהרער, פון די אייגענע עלטערן, די אויסגעלאַסענהייט פון דער געזעלשאַפט, די פרעכהייט פון די מענער — און דאָס הארץ איז יונג, דאס בלוט קאָכט, דער פערשטאַנד איז אונער-פאַהרען, דער כאַראַקטער איז שוואַך, און מען מאַכט אַ טראַ-גישע אָברעכנונג מיט'ן לעבען.

יעווסיי פּאַוולאָוויטש איז אַוועק קיין קראַסנאָיארסק, האָט בעפּוצט דעם פרישען קבר מיט בלומען, האָט געלאָזט שטעלען אַ שענע מצבה און איז צוריקגעפאָהרען אַ היים.

די ערשטע צייט האָט זיך יעווסיי פּאַוולאָוויטש געפיהלט אונגעמיטליך. זיין רייכע, גרויסע וואוינונג האָט איהם געשיינט צו זיין לעער, אונהיימליך, נור ביסלעכווייז האָט זיך די וואונד פערהיילט, און דאָס לעבען איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין אַלטען, נאָרמאַלען גאַנג, נור וועגען נאָך אמאָל חתונה האָבען האָט ער נישט געוואָלט הערען.

5.

עס זענען אָבגעלאָפען עטליכע יאָהר. יעווסיי פּאַוולאָוויטש

איז געזעסען אין זיין קאַבינעט און דורכגעקוקט די נור וואָס ערהאַלטענע פּאָסט, איז אריינגעקומען דער לאָקיי און איהם גע־מאָלדען, אַז עפּעס א דאַמע וויל זיך מיט איהם זעהען.

— עפּעס א דאַמע? — האט יעווסיי פּאַוולאָוויטש געפרעגט נישט אויפהערענדיג דורכקוקען די קאָרעספּאָנדענץ. — ווער איז די דאַמע? ווי רופט מען זי?

— זי האָט מיר געזאָגט דעם נאָמען נור... נור...

— נור דו האָסט שוין פערגעסען, ווי דיין שטייגער איז. זאָל זי אַהער אַריינקומען.

דער לאָקיי איז אַרויס, און גלייך נאך דעם איז אין קאַבינעט אַריינגעקומען א דאַמע מיט א אויסגעבלאָסט געזיכט, מיט טיעף איינגעפאלענע אויגען אין דונקעל־בלויע ראהמען, און מיט א אויסדרוק פון עלענד און הכנעה אין איהרע בעווע־גונגען.

— מיט וועמען האב איך די עהרע? — האט מיט אַ העפליכען קול געפרעגט יעווסיי פּאוולאוויטש. אויפשטעהענדיג פון זיין שטוהל.

— איך בין געלעס, די פרוי פון אַ קאטאָרזשניק...

— געלעס?... מאריא אָסיפּאוונאַ געלעס? — האט יעווסיי פּאוולאָוויטש זיך אָנגערופען לעבהאפט און האט פריינדליך גע־דריקט די האנד פון דער אָרימער פרוי. — זעצט אייך, מאריאַ אָסיפּאוונא, מיר וועלען שמועסען ווי אלטע בעקאַנטע.

פרוי געלעס האט זיך געזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם פאָטעל ביים שרייב־טיש און געריהרט פון דער ווארעמער אויפנאהמע, האט זי נישט געקאָנט בעהערשען איהרע ערשיטערטע נערווען און איז אויסגעבראכען מיט אַ געוויין.

יעווסיי פּאוולאוויטש האט מיט גרויסען טאקט אבגעווארט, ביז זי האט זיך בערוהיגט, און האט פאָרטגעזעצט:

— יאָ, פיעל־געשעצטע מאַריא אָסיפּאוונא, ווי גוטע אלטע

בעקאנט. פון דעם אויספיהרליכען בריעף, וואס איך האב פאָריגע וואָך ערהאלטען פון מיין בעסטען יוגענד־פריינד, דאס הייסט פון אייער געעהרטען מאנס פערטיידיגער, האב איך אַ פולשטענ־דיגען קלאָרען בעגריף וועגען אייך, וועגען אייער מאַן, ווי אויך וועגען אייער טרויעריגען שיקזאל... און איך וועל פאר אייך טהון אלץ, וואס עס וועט נור זיין אין מיין מעגליכקייט.

— איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו דאנקען, — האט נישט דרייסט געזאגט די יונגע פרוי.

— נאך וואָס דאַנקען? פארוואס דאַנקען, מאריא אָסיפאוונא?— האט יעווסיי פאוולאָוויטש זיך אָבגערופען מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל. — וואוהין זענט איהר דאָ פערפאהרען?

— צו איינעם דולבאשאָוו. אזוי האט מען מיר געראטען אויף דער פאָסט סטאַנציע.

— ווען זענט איהר אהער אָנגעקומען?

— היינט אין די מיטאָג־שטונדען,

— צו דולבאַשאָוו'ן, זאגט איהר?

— יאָ, יעווסיי פאוולאָוויטש.

— אפילו אַ אַנשטענדיג גאסט־הויז, נור איך מיין, אַז אין מיין האָטעל וועט אייך זיין בעקוועמער.

— אין אייער האָטעל? — האט פרוי געלעס געפרעגט פערוואונדערט. — וואו איז דען אייער האָטעל?

יעווסיי פאוולאָוויטש האט זיך הערצליך צולאכט און גע־זאגט:

— אט זיצען מיר אצינד טאקי אין מיין „האטעל” ליעבסטע מאַריא אָסיפאָוונא. נאך וואס זאלט איהר וואוינען צווישען פרעמדע? וואס פאר אַ בעקוועמליכקייט, וואס פאר אַ אויסרוה נאָך אייער לאנגען, שווערען וועג, קאנט איהר האָבען אין אונזערע סיבירער גאסט־הייזער? און פאר אייך איז דאס אויסרוהען זיך און שעפען פרישע כחות זייער וויכטיג. עס ליגט נאך פאר אייך אַ שווערע

רייזע. פון אירקוטסק ביז צום בייקאל מיט פאָסט, דערנאָך מיט דעם שיף, און ווידער מיט פאָסט. איהר האָט נאך א היבשע פאָר האכען צו אָבקווּעלען זיך, ביז איהר וועט קומען צום אָרט. וואו אייער מאַן געפינט זיך...

— נאָך אַ היבשע פאָר וואָכען? אָ, גאָט מיינער! — האט א דערשראָקענע אויסגערופען די ערשעפּטע פרוי.

— יאָ, יאָ, מאַריא אָסיפאָוונא. סיביר איז גרויס. סיביר ענדיגט זיך דאָרט, וואו עס ענדיגט זיך דער כדור הארץ...

— אָ, גאט מיינער! — האט זיך ווידער מאַריא אָסיפאָוו-נאַ אָבגערופען מיט אַ פערצווייפעלטער שטים.

— דאריבער זאָג איך, אז איהר מוזט אייך פערזעהען מיט פרישער געדולד, מיט פרישע קרעפטען, און דאס וועט איהר אין דולבאַשאווס גאַסט-הויז נישט ערהייכען. מיין דירה איז גענוג גרויס, אייער אָנוועזענהייט קאָן מיר אויף א האָר נישט שטערען. אדרבא, איך וועל העכסט צופרידען זיין דאמיט וואָס די קליענטען פון מיין קאָלעגע איז דער גאסט פון מיין הויז.

— ביין, יעווסיי פּאוולאוויטש, — האט זיך פרוי געלעס אָנגערופען און ווידער אויסגעבראָכען מיט א געוויין. — אזאַ הערצליכען, אזא ברודערליכען אנטייל אין מיין לאַנגע האב איך פון סיבירער נישט ערוואַרטעט.

— ווייל איהר האָט סיבירער נישט געקענט, — האָט יעווסיי פּאוולאוויטש קורץ געענטפערט און האט אָנגעקלונגען.

אין קאַבינעט איז אריינגעקומען דער לאָקיי.

— איהר האָט געקלונגען, יעווסיי פּאוולאָוויטש? — האט דער לאָקיי געפרעגט.

— יאָ, זאג גריגאַרי׳ן, ער זאל געהן צו דולבאַשאָווי און זאל פון דאָרט אַהער ברענגען דעם באַגאַזש פון מאַריא אָסיפאָוונא געלעס, דאס הייסט פון דער דאַמע, וועלכע איז

היינט צו איהם פערפאָהרען. די רעכנונג, זאל ער זאָגען, וועל איך ערלעדיגען. אָדער, וואַרט. איך וועל דיר געבען צו איהם אַ צעטעלע.

יעווסיי פּאַוולאָוויטש האָט אויפגעשריבען אַ פּאָר צייל ען, איבערגעגעבען דעם לאַק און געזאָגט:

— זאל גריגאַרי שוין געהן, און שיק מיר אַריין די גאָרניטשנע.

נאָך דעם, ווי דער לאַקיי איז אַרויס פון קאַבינעט, איז אַריינגעקומען די גאָרניטשנע, טאַקי גריגאַרי'ס אַ טאָכטער.

— אַנאַסטאַסיאַ גריגאָריעוונאַ, — האָט זיך צו איהר גע־ווענדעט דער בעל־הבית, און אָנגעוויזען אויף פרוי געלעס. — די דאַמע, מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ, וועט אַ געוויסע צייט זיין אונזער גאַסט. איז אין פולער אָרדנונג דאָס צימער, וואָס ביי דער ביבלאָטעק?

— יאָ, יעווסיי פּאַוולאָוויטש. אין פולער אָרדנונג.

— טאַ פיהר זיי אַריין אַהין, און זאָרג דאַפיר, אַז מאַר־יאַ אָסיפּאָוונאַ זאל האָבען אַלע בעקוועמליכקייטען און זיך פיהלען, ווי ביי זיך אין דער־היים, האָסטו פערשטאַנען?

— איך האָב פערשטאַנען, — האָט געענטפערט אַנאַסטאַס־יאַ און זיך מיט דרך־ארץ פערנייגט פאַר מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ.

— מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ, — האָט זיך יעווסיי פּאַוולאָוויטש געווענדעט צו זיין גאַסט און איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטוהל.— אָט וועט אייך אַנאַסטאַסיאַ גריגאָריעוונאַ אָנווייזען אייער צימער. פון אייער צימער געהט אַריין אַ טהיר אין מיין ביבליאָטעק, וועלכע שטעהט געענצלעך צו אייער פערפיגונג. מאַכט אייך בעקוועם, און דערנאָך וועלען מיר עסען אָוונעד־ברויט און טרינקען טיי.

מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ האָט שווייגענד פערלאָזט דעם קאַבינעט און איז אַוועק מיט דער גאָרניטשנע אין איהר צימער.

בעטרעטענדיג די שוועל פון דעם אָנגעוויזענעם צימער, איז מאַריא אָסיפּאָוונא געבליבען שטעהן אַ ערשטוינטע און אַ ענטציקטע, אזוי רייצענד, אזוי היימליך און אַזוי בעקוועם איז געווען דאס צימער איינגעריכטעט.

נאך די שמוציגע צימערן ביי די פּאָסט־סטאנציעס מיט דער פערפעסטעטער לופט פון מאכאָרקע און בראנפען, אין וועלכער זי האט פערבראכט לאַנגע, שלאָפלאזע נעכט אין פערלויף פון דער אונענדליכער רייזע, האט זיך איהר דאס צימער פארגעשטעלט ווי אַ צויבער־ערשיינונג, ווי אַ וויזיע פון איהר געררייצטער פאנטאזיע.

און נאך אייניגע סעקונדען, ווען זי איז שוין געזעסען אויף דער, מיט יאַפּאנישען זיידענעם געבלומטען שטאָף־בעדעקטער, קליינער קאזעטע, האט זי זיך געווענדעט צו דער גאָרניטשע מיט דער פראגע:

— ווער וואוינט אין דעם דאזיגען צימער געוועהנליך? צי יעווסיי פאוולאוויטש'ס טאכטער?

— יעווסיי פּאוולאָוויטש האט נישט קיין קינדער, — האט אנאסטאסיע געענטפערט מיט א טאן, אין וועלכען עס האט זיך געהערט די לוסט צו רעדען און דערצעהלען, וואס איז אזוי נאטירליך ביי אַלע דיענסט־לייט. — דאס צימער האט יעווסיי פּאוולאָוויטש געהייסען צוגרייטען נאך אין דער פערגאַנגענער וואָך, ווען ער האט בעקומען אַ בריף, אז איהר דארפט אהער קומען.

— יעווסיי פּאוולאָוויטש שיינט צו זיין זעהר אַ גוטער מענש, — האט מאַריא אָסיפּאָוונא בעמערקט.

— יא, אבער דאצו אַ שטרענגער, אוי־אוי־אוי... גאט זאל אויסהיטען, מ'זאל וואס עס איז מאכען נישט אזוי ווי ער האט בעפויהלען, אדער נישט צו דער צייט, וועלכע ער האט בעשטימט. ער מאכט דאמאָלס די רעכנונג קורץ און שאַרף... נור אַ גוטער

מענש איז ער. דאָס מוז מען מודה זייז. געלד אויף שטיצען אָרימע־לייט, אויף אויסהעלפען ווען עס איז אין אַ צרה — שפּילט בּיי איהם קיין ראָלע נישט.

— האָט ער קיינמאָל קיין קינדער נישט געהאט?

— קיינמאָל נישט, מאַריא אָסיפּאוונא.

— און אַ פרוי?

— די פרוי זיינע איז געשטאָרבען מיט אַ יאָהר פינף—זעקס צוריק... דאס הייסט, זי האָט זיך אַ מעשה אָנגעטהון.

— בעגאנגען זעלבסט־מאָרד? — האט מאַריאַ אָסיפּאוונא איבערגעפרעגט אַ ערשטוינטע.

— נישט כדאי פון איהר צו רעדן, — האט אַנאַסטאסיע אַ מאך געטהון מיט דער האַנד, און האָט פונדעסטוועגן דערצעהלט פאר מאַריא אָסיפּאוונא די גאנצע דראמע, וואס האָט זיך אָבגע־שפּילט צווישן יעווסיי פּאוולאוויטש און טאטיאַנא סאלאמאָנאווא.

אין אַ קנאפּער שעה ארום איז מאַריא אָסיפּאוונא און יעווסיי פּאוולאוויטש געזעסען און דרויסען, העל־בעלויכטענעם און רייך מעבלירטען עס־צימער ביים שען־געדעקטען טיש, אויף וועלכן עס האט געזומט דער זילבערנער סאַמאָוואר.

מאַריאַ אָסיפּאוונאַ האט אצינד אויסגעזעהען פרישער, פרייער, מונטערער. אויף איהרע בלאַסע באקען איז ארויס־געטרעטן אַ לייכטע, בעחנטע רויטקייט. איהרע אויגען האָבען געקוקט לעבהאפטער. אויף איהרע ליפּן האָט געשוועבט אַ צארטער שמייכל, און איהר שטים איז געווען פעסטער, זיכערער, און עס איז איצט געווען לייכטער צו דערקענען אין איהר די שענע, יונגע פרוי געלעס פון די פערגאנגענע, גליקליכערע צייטען.

— מאַריא אָסיפּאָוונא, — האט זיך אָנגערופען יעווסיי פּא־וולאוויטש, ווען זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. — היינט ווען איהר זענט צום ערשטן מאָל דער גאַסט ביי מיין טיש, וועל איך שפּילען די ראָלע פון דעם בעל־הבית, און וועל אייך בעדינען,

אבער טאקי נור היינט, ווייל איהר זענט נאך מיעד פון וועג און איהר פיהלט זיך נאך נישט היימיש. אחוץ דעם מוז איך אייך ערקלערען, אז דא אין „אזיאטישען" סיביר ווייסט מען נישט פון דער פערפוילטע „אייראפעאישער" עטיקעטע, ביים טיש זענען אלע אייגענע, אלע היימישע, אהן א שום צערעמאניע.

— זענען אלע סיבירער אזוי? — האט מאריא אסיפאווא געפרעגט.

— כמעט אלע. בכלל איז דער סיבירער אפענהערציג, גערארדליגג, גאסט־פריינדליך, ארבייטזאם, אבער נישט נערוועז, נישט סענטימענטאל. אט אזוי זענען דא סיי אידען, סיי קריסטען. דאס היגע קלימאט, די היגע לעבענס־בעדינגונגען האבען אונז פערהארטעוועט און בעשיצט פון דער אייראפעאישער שוואכקייט און דעמאראליזאציע. זעלבס־פעשטענדליך, איז נישטא קיין כלל אהן אויסנאהמען, נור אויסנאהמען ווערען אין אכט נישט גענומען. און אויך אט די דאזיגע טרויעריגע אויסנאהמען האבען מיר צו פערדאנקען די פערדארבענע אריסטאקראטען און פאלשע קולטור־טרעגער, וועלכע די צענטראלע מאכט שיקט אהער אראב אויף אונזער קארק...

— און איך האב מיר גאנץ אנדערש סיביר פארגע־שטעלט, — האט מאריא אסיפאוונא געזאגט.

— איך וויס, — האט יעווסיי פאוולאוויטש געענטפערט און דאביי זיך צעלאכט. — ביי אייך האט מען וועגען סיביר א בעגריף, ווי וועגען א לאנד, אין וועלכען אויף אלע וועגען שווינבעלט פון וועלף, פון בערען, און אין די גאסען קוילעט מען מענשען. כא־כא־כא.

— דאס האט איהר שוין א ביסעל איבערטריבען, יעווסיי פאוולאוויטש, — האט לייכט לאכענדיג, זיך ווי פערטיידיגט מאריא אסיפאוונא, — נור דער נאמען „סיביר" רופט ביי אונז ארויס א שרעק, א שוידער.

— ווייל סיביר איז דאס אומגליקליכע לאַנד, וואוהין אונזער „קלוגע״ רעגירונג פערשיקט אלע מערדער, אַלע פער־ברעכער, יעדען אויסוואורף פון יענער געזעלשאַפט...

ביי די ווערטער האָט מאַריא אָסיפאוונא אראבגעלאָזט די אויגען, און איר געזוכט האָט פלוצלינג בעקומען דעם אויסדרוק פון אַ שארפען אינערליכען שמערץ.

יעווסיי פאוולאָוויטש האט דאָס באַמערקט. ער האט פער־שטאנען, אז ער האָט נישט־ווילענדיג פערשאפט שמערץ דער אָרימער פרוי דורך זיין נישט־טאַקטישען אויסדריקען זיך, און ער האט זיך אָנגערופען מיט אַ זאנפטער שטים:

— מאריא אָסיפאוונאַ, איך האָף, אז נישט איהר און נישט איך צעהלען אייער געערטען מאַן צו דער קאַטעגאָריע פערשיקטע, וועלכע פערפעסטעט און בעלעסטיגט סיביר. אַייער מאן איז אַ אונשולדיגער קרבן פון דעם טראגישען, מענשענפיינדלעכען רעזשים, אין גערטשינסק וועט איהר צווישן די קאַטאָרזשניקעס געפונען אַ סך אכטונגסווירדיגע קעמפער פאַטריאָטען פון די פערשידענע פערפאָלגטע נאַציאנאַליטעטען, וואס בעוואוינען דאס גרוסע רוסישע לאַנד. אָפיציעל הייסען זיי „פערברעכער״, „מערדער״, אבער פאַקטיש זענען דאס הייליגע, אויסדערוועהלטע מערטירער, און אײנער פון זיי איז ס א מ ו א י ל מ א ר ד ו כ א ו ו ג ע ל ע ס.

מאריא אָסיפאוונאַ האט געשוויגען, און צוויי טראָפען טרערען זענען אַריינגעפאלן אין גלאָז טײ, וואס איז פאַר איהר געשטאנען.

איז אייער מאַן שוין לאנג אין גערטשינסק? — האט יעווסיי פאוולאָוויטש געפרעגט נאך אייניגע מונועטן פון אַ גע־שפאנטען שטילשווייגען.

— שוין א יאר דריי, — האט מאריא אָסיפאוונא בעענט־פערט אין דרביי טיעף אָבגעזיפצט.

— האָט איהר פון איהם פיעל בריף ערהאַלטען?

— קיין איינציגען נישט.

— קיין איין בריעף נישט ערהאַלטען? מיט וואס, אייגענטליך, ערקלערט איר דאָס?

איך מיין, אז ער האָט זיך ערלויבט אין זיינע בריעף שרייבען אַזעלכעס, וואס דער קאַטאָרגע־צענזור איז נישט געפעלען און זי האט די בריעף פערניכטעט.

— דאס איז זעהר מעגליך. נור דאָס וואלט פון זיין זייט געווען זעהר נישט פראַקטיש.

— פראַקטיש,—האט מאריא אָסיפאָוונא דערויף געענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכל.—מיין מאַן איז קיינמאל נישט געווען דער מענש פון פראַקטישען לעבען. ער איז פון דער יוגענד אַ אידעאַ־ליסט, אָדער ווי מיין פאָטער רופט איהם, אַ הייך־קאָפּ. ביז אַכצעהן יאָהר איז ער געזעסען ביי זיין פאָטער אין אַ קאָלאָניע. האט גע־לערנט, געלייענט, געשריבען פּעזיע און זיך פערנומען מיט ערד־אַרבייט. דערנאָך איז ער אַוועק אין אדעס שטודירען אַגראָנאָמיע און געענדיגט דעם אינסטיטוט מיט אַ אויסצייכנונג. בעקענט האָבען מיר אונז טאקי אין אדעס, ווען איך בין געווען צוגאַסט ביי מיינער אַ קוזינע. דארט האָבען מיר אונז פערלויבט, אוועקגע־פאָהרען קיין קישינעוו בעטען ביי מיינע עלטערן זייער ברכה, נור מיין פאָטער האט בשום אופן נישט איינגעוויליגט. איהם האָט דער שידוך נישט געפּאַסט, און מיר האָבן חתונה געהאַט בעגען זיין ווילען. סאמואיל האט געדונגען אַ וואוינונג, האָט גע־בראַכט פון דער קאָלניע זיין יונגע׳רע שוועסטער, און אַזוי האבען מיר זיך געלעבט צוזאמען פון די שטונדען, וואס סאמואיל האט געגעבען, און פון דער שטיצע, וואס מיין מוטער האט מיר פון צייט צו צייט געגעבען בסיד, אז דער פאָטער מיינער האט דערפון מ׳כלומר׳שט נישט געוואוסט. דער מאַן מיינער האָט כסדר פאנטאזירט וועגען ערד־אַרבייט אין פּאַלעסטינא

נור פלוצלינג איז אויסגעבראָכן דער בלוטיגער פּאָגראָם, מיין מאַן האט דערשאָסען דעם כוליגאַן, וואס האָט געוואָלט שענדען זיין שוועסטער, און איצט ארבעט ער קאַטארגע אין גערטשינסק אנשטאט די ערד אין ארץ־ישראל...

— אזוי, אזוי, מאַריא אָסיפּאַוונאַ. יעדער מענש האָט זיין דראָמע אין לעבען... נור, איך מיין, אז פאר אייך איז צייט זיך געהן אויסרוהען.

זיי זענען ביידע אויפגעשטאנען פון טיש, יעווסיי פּאוולאָ־וויטש האָט זיין גאַסט אריינגעפירט אין די ביבליאָטעק, און, מאכענדיג איר אויפמערקזאַם, אז אויף יעדער שראַנק איז בע־צייכענט וואָס פאר אַ ווערק אין אים געפונט זיך, האט ער גע־זאגט:

— דאס אַלץ שטעהט צו אייער דיספּאָזיציע. דאָ האט איהר ווערק און פערשידענע שפראַכן. אפילו אין אונזער אלטער העברעאישער שפּראַך...

— אפילו אין העברעאישען? — האט מאַריא אָסיפּאַוונא אַ איבערראשטע אויסגעשריען און איז דאַביי רויט געווארן.

— איך האָב די שפּראַך זעהר ליעב געהאט און איר פיעל געלייענט. געלערנט די שפּראַך האָב איך ביי מיין זעליגען פאטער, וועלכער איז פאר זיין העברעאיש בעטראכט געווארען אין זיין געבורטס־שטעטל פאר אַ אפיקורס און אָפּגעגעבן געווארן אין די רעקרוטען... און אַצינד, אַ גוטע נאַכט, מאריאַ אָסיפּאַוונא, אַ רוהיגען שלאָף!

יעווסיי פּאוולאָוויטש איז אוועק צו זיך אין קאַבינעט, און מאַריאַ אָסיפּאַוונא איז אַריין און איהר צימער.

6.

שוין לאַנג איז מאַריא אָסיפּאַוונא נישט געלעגן און אזא

זויבערן, בעקוועמען בעט מיט אַזא שנעה־ווייסען בעטצייג און אין אַזא קאָמפּאָרטאַבעלן, רוהיגען צימער.

נאָך די האַרטע טאַפּטשאַנעס אין די שווידערליכע סיבירער סטאַנציעס, נאָך די עקעלהאַפטע, שמוציגע געלעגערס, נאָך די טרייסעלנדע, שטויביגע „אָסט־טאַראַנטאַסען, האט זי געפיהלט, ווי עס גלייבען זיך איהר אויס די צעבראָכענע גלידער, ווי אַ באַלזאַם פון גליקזעליגקייט פליסט איבער איהר ערשעפּטען קערפּער, און דאָך איז זי לאַנג געלעגען מיט אָפענע אויסגעשטאַרטע אויגען און נישט געקאָנט איינשלאָפען.

אין איהר מוח איז געווען אַ ווירוואַר, אַ כאַאָס פון פער־שידענע עראינערונגען, פון פערשידענע בילדער, פון פערשידענע געדאַנקען. די נערוון זענען געווען גערייצט, דאָס האַרץ איז געווען איבערפולט פון פערשידענע געפילען, און דאָס אַלץ האָט זי נישט געלאָזט רוהען און גערויבט איהר שלאָף.

— וואו בין איך דאָ? — האָט זי זיך געפרעגט פון צייט צו צייט. — וואס קומט דאָ מיט מיר פאָר? וואס וועט נאָך מיט מיר פאָרגעקומען?...

און זי האָט אויפ'ס־ניי בעטראַכט דאָס בעט, דאָס צימער, אין וועלכען זי געפינט זיך, און פערשידענאַרטיגע געדאַנקען האָבען זיך פון ס'ניי אָנגעהויבען פּלאָנטערען אין איהר מוח, און פערשידענאַרטיגע ערינערונגען, פערשידענאַרטיגע בילדער זענען אין אַ כאַאָטישער אונאָרדנונג אויסגעוואַקסען און האָבען געשוועבט פאַר איהרע מידע אויגען.

— וואו בין איך? וואס קומט דא מיט מיר פאָר?...

און אָט איז זי אין אדעס... אָט זיצט זי צווישען בלומען אין פּראַכטפולען פּאַרק ביים שוואַרצען ים, נעבען איהר זיצט סאַמואיל אַ בעגייסטערטער, אַ פערשווערמטער און זינגט איהר דאָס ליעד פון אייביגער, הייליגער ליעבע...

און אָט איז זי אין גערטשינסק... אָט זעהט זי, ווי סאַ־

מואיל האָט מיט אַ שווערען לאָם די הארטע פעלזען, און בלו-טיגע טראָפּען שוויס פאַלן פון זיין אָבגעצערטען געזיכט...

און אַט איז זי אָנגעטהון אין ווייסען חופה-קלייד, נור דער טאַטע איהרער קוקט אויף איהר מיט בייזע אויגען, קריצט מיט די צייהן און ברומט: „געה צו דער חופה מיט דעם היין-קאָפּ, מיט דעם אידישען מוזשיק"...

און זי פרעגט ביי זיך:

— וואו בין איך? וואס קומט מיט מיר פאַר?

און... אַט הערט זי אַ ווילדען גערויש... מ'ברעכט פענסטער מ'רייסט אויף טהירען, מ'האַקט מעבעל, מ'רייסט בעטציי.... אַט הערט זי פערצווייפעלטע וועהגעשרייען... אַט זעהט זי בלוט, אָט הערט זיך אַ שאָס, זי שרייט אויס „סאַמואיל", אַלץ ווערט פלוצלינג איינגעהילט אין אַ געדיכטען שוואַרצען נעבעל און מעהר זעהט זי שוין גאָרנישט...

עס קלירען און קלינגען שווערע אייזערנע קייטען, עס גלאַנצען פון דער זון ענטבלויזטע שווערדען, עס בעוועגט זיך אַ מחנה פערפינסטערטע, נידערגעשלאָגענע מענשען אין גרויע פלאַשטשען מיט געלע לאַטעס, און צווישען זיי שלעפּט זיך אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ איהר סאַמואיל...

— אָ, גאָט מיינער! וואו בין איך?...

און אָט שטעהט פאַר איהר אַנאַסטאַסיאַ גריגאָריעוונא און דערצעהלט איהר, וואס פאַר אַ דראַמע עס האָט זיך אין דעם הויז אָבגעשפּילט צווישען יעווסיי פּאַוולאַוויטש און טאַטיאַנאַ סאַלאַמאַנאָוונאַ...

קיין איינציגען בריף, קיין איינציגע צייל, קיין שום צייכען האָט זי פון איהר סאַמואילען די גאַנצע לאַנגע צייט נישט ערהאַלטען...

וואָס פאַר אַ לאַנגער וועג... וואס פאַר אַ שווערער וועג... וואָס זי איז אַלץ נישט אויסגעשטאַנען אין דעם דאָזיגען וועג,

וואס זי האָט זיך אַלץ נישט אָנגעקוקט און אָנגעהערט...

איהר מוטער נעביך... צי לעבט זי נאָך? צי האָט זי דאָס אויסגעהאַלטען?...

— וואו בין איך איצט?... וואס וועט נאָך מיט מיר פּאַרקומען?

אַזוי איז מאַריא אָסיפּאָוונאַ געלעגען ווי אין היגער-פּלעט, אין א שווערען קאָשמאַר, און ערשט פּאַרטאָג האָבען זיך איהרע אויגען פערמאכט און זי איז טיעף איינגעשלאָפען.

נישט פיעל וועניגער אונרוהיג האט יענע נאכט פער־בראַכט יעווסיי פּאוולאָוויטש.

ווען ער איז פון דער ביבליאָטעק, געזעגענדיג זיך מיט מאריא אָסיפּאָוונא, אריין צו זיך אין קאבינעט, האט ער אַרויס־גענומען דעם בריעף פון זיין יוגענד-פריינד, פון דעם קישינע־ווער אַדוואקאט, און אין איהם זיך שטארק פערטיעפט.

די ערשטע און די וויכטיגסטע ביטע פון זיין פריינד איז בעשטאנען אין דעם, ער זאָל אָנווענדען אלע קרעפטען און ווירקען אויף מאריא אָסיפּאוונא, זי זאָל זיך ענטזאגען פון איהר פאטאלען בעשלוס, זי זאָל נישט בעגראבען אין פינעטערן קבר איהרע יונגע יאָהרען, און זאָל צוריק אהיים פאָהרען.

אָבער ווי אַזוי מאכט מען דאס?

ער אליין ווייסט זעהר גוט, און אפשר פיעל בעסער פון דעם אדוואָקאט, אז די אומגליקליכע פּרוי בעגעהט א לייכטזיני־גען, א צוועקלאָזען טהאט. ער קען דעם רעזשים פון די קאַ־טאָרזשניקעס פיעל גענויער, ווי מ'קען דארט אין בעסאראביע. ער ווייסט, אז איהר אייגען לעבען פערדארבט און פערקירצט מאריא אָסיפּאָוונא, און איהר מאנ'ס לעבען וועט זי דאמיט אויף איין האָר נישט לייכטער מאכען. ער ווייסט זעהר גוט, אז איהר שטעהט פאָר א ביטערע ענטוישונג. עס וועט שוין אָבער זיין צו-שפּעט, און זי וועט זינקען טיעפער און טיעפער אין א שרעקליכען אָבגרונד.

אָ, ער קען געגוג טראַגעדיעס און שוידערהאַפטע סצענעס, וואס עס שפּילט זיך אָב מיט די פרויען און טעכטער פון די רעכטלאָזע קאטאָרזשניקעס, אַ דאנק דער אונפעראַנטוואָרטליכקייט פון די רויהע, ברוטאלע, דעמאָראַליזירטע בעאַמטע.

ער ווייסט פון פאַקטען, וואס מ׳פייניגט און מ׳קאַטעוועט די אומגליקליכע קאטארזשניקעס אין דער געגענווארט פון זייערע „איינגעשפּארטע״, „נישט־נאָכגעביגע״ פרויען און טעכטער, בכדי צו ברעכען אזוי ארום די עקשנות פון די לעצטע...

ער ווייסט פון זעלבסטמאָרדען, וואס ס׳זענען בעגאַנגען אַזעלכע פרויען און טעכטער אין אַ מאָמענט פון דער לעצטער פערצווייפלונג.

אָ! ער ווייסט צו דערצעהלען פיעל־פיעל שרעקליכעס און גרויזאמעס...

אבער ווי אַזוי זאגט מען דאס דער אונערפאהרענער, דער באַאיווער מאַריא אָסיפּאוונאַ?

ווי אזוי הויבט מען אָן דערפון מיט איהר צו רעדען?

אַ יונגע פרוי האט פערלאָזט אַ רוהיג לעבען אין רייכען הויז פון איהרע עלטערן. האָט זיך אָבגעקוועלט לאנגע וואָכען אין אַזא שווערען וועג. לויפט פול עקסטאז און ליעבע, טיילען דעם גורל פון איהר אומגליקליכען קאטאָרזשניק. גלויבט צו פּערזיסען, צו פערלייכטערן זיין שווער לעבען — און פּלוצלינג געה זאג איהר, אַז איהר אָפּפער איז גאַנץ צוועקלאָז און אַז די זאָל זיך אָבזאגען פון איהר שטרעבען און זיך אומקעהרען צוריק אַ היים?...

פּלוצלינג געה דערצעהל איהר אזעלכע רויבער־געשיכטען, פון וועלכע דער מוח הויבט זיך ביים שטאַרקסטען מענשען און אַ פראָסט געהט דורך אַלע גלידער...

— אַ שווערע אויפגאבע, אַ שווער שטיקעל אַרבייט האט מיר מיין געעהרטער קאָלעגע אויפגעגעבען.

די דאָזיגע אויפגאבע מוז אָבער ענטשיידן ווערן, נישט נור ווייל דאס איז דער איינציגסטער וואונש פון זיין יוגענד־פריינד, נור ווייל דאס איז זיין פערזענליכע פליכט אין בעצוג צו אַ שוואכער אונערפאַהרענער, יונגער פרוי.

אבער ווי מאַכט מען דאָס? ווי אַזוי ערפילט מען מיט ערפאָלג די דאָזיגע פליכט?

לאַנג, ביז שפעט אין דער נאַכט, איז יעווסיי פּאַוולאָוויטש געזעסען ביי זיך אין קאבינעט און געבראכען דעם מוח איבער דער דאזיגער וויכטיגער פראַגע, ביז ער האָט צו זיך ענדליך געזאָגט דאס רוסישע שפריכוואָרט: „דער מאָרגען איז קלוגער פון דעם אָוועגד”, און איז אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער.

ווי אַ מענש מיט געזונטע נערווען און אַ שטאַרקען ווילען איז יעווסיי פּאַוולאָוויטש באַלד איינגעשלאָפען און איז אויפגע־שטאַנען אַ רוהיגער, אַ מונטערער צו דער געוועהנליכער שעה און האָט זיך געזעצט צו זיין געוועהליכער אַרבייט ביים שרייב־טיש.

ערלעדיגענדיג אַ געוויסע אַרבייט האָט ער אָנגעקלונגען און געזאָגט דעם אריינגעקומענעם לאָקיי:

— איך געה אין ביורא. זאג אנאַסטאַסיען, זי זאָל דעקען דעם טיש צו פריהשטיק, און אז מאַריאַ אָסיפּאָוונא וועט אויפ־שטעהן, זאָל מען מיך רופען.

ערשט פאַר האַלבען טאָג האט מאַריא אָסיפּאָוונא ערוואַכט. דער טיעפער שלאָף האט זי ערפרישט, געקרעפטיגט, און זי האָט זיך געפיהלט, ווי אַ ניי־געבוירענע.

— עס מוז שוין זעהר שפעט זיין, — האט זי זיך אָנ־גערופען צו דער גאַרניטשנע. וועלכע האָט זיך צו איהר גע־מאָלדען.

— נישט זעהר, מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ, — האט אנאַסטאַסיאַ

געענטפערט מיט אַ קאָקעטען שמייכעל. — עס איז אַצינד נישט מעהר ווי האַלב צוועלף.

האַלב צוועלף?! — האָט זיך געוואונדערט מאַריאַ אָסיפּאָוונא. — נו, נו. דאס הייסט פערשלאָפען.

— זאָל אייך זיין צו געזונד, מאַריאַ אָסיפּאָוונא. איך מיין אַז איהר האט גאָרנישט פערשפּעטיגט.

— און וואס טהוט יעווסיי פּאַוולאָוויטש?

— ער איז אין קאַנטאָר.

— איז ער שוין נאך פריהשטיק?

— ניין. ער וואַרט אויף אייך.

— אָ, גאָט מייגער! צוליב מיר?...

— שאַדט נישט, מאַריאַ אָסיפּאָוונא. אָט וועט מען איהם גלייך רופען. דער טיש איז שוין געדעקט.

מיט דער הילף פון דער געשיקטער אַנאַסטאַסיאַ האָט מאַריאַ אָסיפּאָוונא גיך און זאָרגפעלטיג געמאַכט איהר טואַלעט, און אַ קרעפטיגע איז זי אַריין אין עס־צימער, וואו יעווסיי פּאַוולאָוויטש האט שוין אויף איהר געוואַרט.

7.

— גוט מאָרגען, מאַריאַ אָסיפּאָוונא, — האט דער בעל־הביא לעבהאפט בעגריסט זיין גאסט. — זענט איהר גוט גע־שלאפען?

— מיין בעסטען דאַנק, יעווסיי פאוולאוויטש. שוין לאַנג, לאנג בין איך אזוי נישט געשלאפען.

— יאָ, פיעל געשעצטע מאַריא אָסיפּאוונא. די נאטור פאָ־דערט איהרעס. בפרט אַ יונגע נאטור...

— אָבער צוליב מיר האט איהר דערווייל געהונגערט, — האָט מאריא אָסיפּאוונאַ געזאגט מיט אַ זשענירטען טאָן.

— שאדט נישט, מאריאַ אָסיפּאָוונא. מיר סיבירער זענען נישט אזוי עמפּפינדליך. הונגער, פראָסט, היץ — מיר זענען צו אַלץ געוואוינט. אט וועל איך איצט דערפאר עסען מיט אַ בע־סערען אַפּעטיט.

עטליכע מינוט זענען אַוועק אין שטילשווייגען. יעדער פון זיי ביידע איז געווען קאָנצענטרירט אין זיינע געדאנקען, און ווען דער טיש איז געווען צו ענדע, האט זיך יעווסיי פּאַוולאָ־וויטש אָנגערופען:

— אַ דאנק אייער גוטען שלאָף, האב איך בעוויזען צו ערלעדיגען אין ביורא אַלע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען, און קאן אונגעשטערט מיט אייך זיך אונטערהאלטען. מיר וועלען אריינ־געהן אין ביבליאָטעק־צימער.

— מיט פערגעניגען, יעווסיי פּאוולאָוויטש.

— היינט וועל איך צו אונזער פריינד אין קישינעוו שרייבען ענטפער אויף זיין בריף און איהם בעשרייבען, ווי אַזוי איהר זענט אהער אָנגעקומען, ווי אזוי איהר פיהלט אייך און אומגעפעהר ווען איהר רעכענט צו פאהרען ווייטער. האט יעווסיי פּאַוולאָוויטש געזאָגט, ווען זיי זענען געזעסען אין ביבליאָטעק־צימער אין די בעקוועמע פאטעלען.

— קאן איך אויך צושרייבען און ביי דער געלעגענהייט לאזען גריסען מיינע עלטערן? — האט מאַריא אָסיפּאָוונא געפרעגט.

— גאנץ בעשטימט... איך מיין איהם שרייבען, אז איהר וועט דאָ אויסרוהען אַ טאג אַכט, ביז איהר וועט אייך פול־שטענדיג ערהאלען.

— גאנצע אכט טעג? אָ, ניין, יעווסיי פּאוולאָוויטש. פאר מיר איז יעדע שעה אַ יאהר, אזוי בעגעהר איך שוין צו זיין נעבען איהם. אַ טאג צוויי, דריי העכסטענס.

— איך מוז אייך נאך אמאָל זאגען, מאַריא אָסיפּאָוונא, אז אייך שטעהט נאך פאר אַ וואכען־לאנגער, ערמידענדער וועג.

אויב איהר ליעבטווירקליך אייער מאַן — און וואָס איך צוויי־פעל נישט — דאַרפט איהר אליין וועלען קומען צו איהם אַ געזונדטע, אַ קרעפטיגע, און נישט פערגרעסערען זיינע פיזישע און מאָראַלישע ליידען מיט אייער אויסגעמאטערטען און אויסגע־בלאסטען געזיכט.

— אבער ווי קאָן איך אזוי לאַנג מיסברויכען אייער.. אייער גאסטפריינדליכקייט? מיר איז דאס פיינליך, יעווסיי־פאווולאָוויטש.

— און ווען איך וועל אייך פערזיכערן אז אייער דאָ־זיין אין מיין הויז פערשאַפט מיר פערגעניגען?

— פערגעניגען? — האט מאַריאַ אָסיפּאווגא געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— יאָ, מאַריא אָסיפּאווגאַ, פערגעניגען. וויל, אַ דאנק אייך, האב איך צום ערשטען מאָל די געלעגענהייט, ערפילען אַ וואונש פון מיין קישיניעווער קאלעגע און דינען זיין קליענטין מיט טהאַט און ראַט. איך וועל אייך צייגען אונזער פיעל־יעהריגען בריף־וועקסעל, וועט איהר זיך איבערצייגען, וואס פאר אַ הערצ־ליכע פריינדשאפט אונז פעראייניגט.

— אַ שטיקעל בעגריף האב איך וועגען דעם. אייער פריינד האָט מיט מיר פיעל גערעדט וועגען אייך. אבער אַכט טעג...

— שאדט נישט, מאַריא אָסיפּאווגא. אייער מאַן וועט מיר דערפאַר דאַנקען.

— איך מיין, יעווסיי פּאַוולאָוויטש, אז קודם כל וואָלט מען בעדארפט ערלעדיגען אין דער קאנצעלאַריע ביים גענעראל־גובערנאַטאָר?

— דאס האט צייט, מאַריא אָסיפּאווגא. דאס וועט ערלע־דיגט ווערען אין אַ צוואַנציג מינוט. אין טאָג פון אייער אָב־רייזען וועלען מיר צופאהרען צו דער קאַנצעלאַריע, און די זאך אין ערלעדיגט. וועגען דעם קאָנט איהר גאַנץ רוהיג זיין.

— איך בין פולשטענדיג רוהיג. איך פערשטעה שוין אונ־טער וועמענס השגחה איך געפין זיך.

— און נאָך וואס איך מוז אייך זאגען, טייערסטע מאַריא אָסיפּאוונאַ. אַ דאנק מיין פריינד, וועל איך עטליכע טעג נישט זיין אַזוי איינזאם. וועל האָבען אין מיין הויז אַ אינטעליגענטע פּערזאן, מיט וועלכער איך קאָן אַ וואָרט אויסטוישען.

— לעבט איהר דען שטענדיג אַזוי איינזאַם?

— כּמעט שטענדיג. איך קום מיט מענשען אין בעריה־רונג כּמעט אויסשליסליך אין מיין ביורא. דארט האב איך מיינע אָנגעשטעלטע, מיינע געשעפטס־פריינד, דארט קומט אריין אַזוי א בעקאַנטער, דא אבער, אין פריוואַט־וואויהנונג, בין איך גאַנץ איינזאם. דא האב איך נור אט די דאָזיגע געזעלשאַפט.

יעווסיי פּאוולאָוויטש האט ביי די ווערטער אָנגעוויזען אויף די ביכער־שרענק.

— און די דאָזיגע געזעלשאַפט געניגט אייך?

— פולשטענדיג, מאַריאַ אָסיפּאוונאַ. איך האב זיך איבער־צייגט, אז אין דער געזעלשאַפט פון ביכער הערט מען נישט ווייניגער קלוגע רייד, ווי אין דער געזעלשאַפט פון מענשען...

— גאַנץ בעשטימט, יעווסיי פּאוולאָוויטש. — האט זיך מאַריאַ אָסיפּאָוונא אָנגערופען מיט אַ לייכטען געלעכטער.

— און די הויפּט־זאך איז די, וואס א בוך וועט אייך קיינמאָל נישט פּערראַטען. — האט יעווסיי פּאַוולאוויטש צוגע־געבען מיט אַ ערנסטען טאָן.

אייניגע סעקונדען האט אין צימער געהערשט א שטיל־שווייגען, און יעווסיי פּאוולאָוויטש האט ווידער געזאָגט:

— געדענקט איהר, מאַריא אָסיפּאָוונאַ, נעכטען אין אָוענד ווען איהר האָט מיר אין קורצען דערצעהלט אייערע איבער־לעבענישען, האב איך זיך אויסגעדריקט, אַז יעדער מענש האָט זיין דראמע אין לעבען?

— איך געדענק, און די ווערטער האָבען מיר לאַנג גע־קלונגען אין די אויערען...

— די ווערטער האב איך געזאָגט ניט ווי אַ אַפאריזם, זאנדערן, ווי אַ קרעכץ, ווי אַ וועה־געשריי, וואָס רייסט זיך ניט־ווילענדיג ארויס פון אַ הארץ, אין וועלכען עס לעבט נאָך די אַלטע, פערגעסענע וואונד...

„פערגעסענע״? — האָט יעווסיי פאוולאָוויטש פּאַרטגעזעצט נאָך אַ קורצע פויזע. — איך האב זיך נישט געהעריג אויסגע־דריקט. פאַרהאַן וואונדען, וואס לאָזען זיך קיינמאָל נישט פער־געסען... איהר בעמיהט אייך צו פערגעסען און איהר גלויבט, אַז איהר האט פערגעסען, אָבער ביי דער ערשטער בעסטער גע־לעגענהייט, רופט זיך אָב דער אַלטער שמערץ, און איהר לעבט אויפסניי איבער יענע טרויריגע מאָמענטען...

און יעווסיי פאוולאָוויטש האט אַפּענהערציג, מיט אַלע דע־טיילען, דערצעהלט די געשיכטע פון זיין פאמיליען־דראמע.

מאריא אָסיפּאוונאַ האט מיט דער גאנצער אויפמערקזאַמ־קייט און מיט דער גרעסטער פעראינטערעסירקייט זיך צוגע־הערט, הגם זי האָט זיך מיט דער געשיכטע נאָך נעכטען אין אָווענד בעקאַנט, אַ דאנק אַנאַסטאַסיען.

— איצט פערשטעהט איהר שוין, פארוואס איך האַלט זיך צוריקגעצויגען פון באנאַלער מענשען־געזעלשאַפט?...

נאָך דעם דאָזיגען געשפרעך איז די בעציהונג צווישע־הערר גראָדנער און פרוי געלעס געגענזייטיג געוואָרען אַ הערצ־ליכערע, אַ אינטימערע. זיי האָבען דאס נישט ארויסגעזאָגט אין זייערע ווייטערע אונטערהאנדלונגען, אבער יעדער פון זיי האט עס געפיהלט און דערפון זיך אָבגעגעבען דין וחשבון.

אין אַ פאר טעג ארום, ווען זיי זענען ביידע געזעסען אין שענעם גאַסט־צימער ביים טראַדיציאָנעלען טהיי, האט זיך יעווסיי

פּאַװלאָװיטש געװענדעט צו מאַריאַ אָסיפּאָװנאַ מיט פאָלגענדער פראַגע:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, מאַריאַ אָסיפּאָװנאַ, צי װײסט איהר, צי זענט איהר בעקאַנט מיט'ן לעבען פון די קאַטאָרזשניקעס און מיט די בעדינגונגען, אין װעלכע עס לעבען זײערע פאַמיליעס, װאָס קומען צו זײ פרײַװיליג?

— ניין. איך האָב נישט דעם קלענסטען בעגריף, איך שטעל מיר פאָר דאָס ערנסטע און פאָהר...

— האַלט איך פאַר מײַן פליכט, אײַך בעקאַנט מאַכען מיט דעם בילד פון דעם קאַטאָרגע-לעבען, נישט מיט דער אָבזיכט אײַך אָבצושרעקען און אָבקיהלען אײער התלהבות, נאָר בלױז מיט'ן צװעק, אײַך װאָרנען פאַר דער פאַטאַלער ענטױשונג, װעלכע קאָן אײַך געװצליך נידערשלאָגען, װען איהר װעט זיך בעגעגענען פּנים אל פּנים מיט דער רױהער װירקליכקײט.

— איך הער יעװסײ פּאַװלאָװיטש, — האָט די יונגע פרױ געזאָגט מיט אַ פערשטיקטער, ציטערנדער שטים.

— קאַטאָרזשניקעס טײלען זיך אױף צװײ קאַטעגאָריעס: אױף „פּאָליטישע פערברעכער" און אױף „געמײנע פערברעכער". די ערשטע, פונקט אַזױ װי די צװײטע, אַרבײטען צװאַנגס-אַרבײט טראָגען שװערע קײטען אױף די פיס, װערען זעהר אָפט צו-געשמידט צו דער טאָטשקע, טראָגען גרױע כאַלאַטען מיט געלע לאַטעס, ליגען אין ענגע, שמוציגע טורמעס, און דאָך איז אַ גרױסע אונטערשיד צװישען זײ און די געמײנע פערברעכער. זײ, די פּאָליטישע הײסט עס, װערען דאָך עטװאָס מענשליכער בעהאַנדעלט, װײל זײ האָבען פיעל פערטײדיגער און סימפּאַטי-קער אין דער בעסערער רוסישער געזעלשאַפט. די ליבעראַלע פּרעסע הױבט אױף פון צײַט צו צײַט איהר שטים און פּראָ-טעסטירט געגען די אונגעזעצליכע האַנדלונגען פון די קאַטאָר-גע-בעאַמטע אין בעצוג צו די פּאָליטישע פערשיקטע. די אױס-

לענדישע פרעסע האָט איהרע אַגענטען, וועלכע ליווערען איהר שרייענדע, קאמפּראמיטירענדע פאַקטען פון די פערשיקונגס־ערטער, און די רעגירונג אונזערע, צי זי וויל, צי זי וויל נישט, מוז זיך רעכנען מיט אַזעלכע רעוועלאַציעס און נעהמען אין געזעצליכען שוץ די פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס. די פרויען פון די פּאָליטישע, וואָס קומען פרייווילליג אין די קאַטאָרגע־ערטער, וואוינען אין בעזונדערע הייזלעך, פיהרען פריי זייערווירטשאַפט און זעהען זיך מיט די מענער צוויי מאָל די וואָך. אַחוץ דעם איז דאָ פאר פּאָליטישע די אַזוי גערופענע „פרייע קאָמאַנ־דע״, וואו עס וואוינען מיט זייערע פאַמיליעס אין בעזונדערע, אייגענע הייזלעך, פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס, וועלכע האָבען זיך אין א משך פון אַ געוויסער צייט אויפגעפיהרט רוהיג און קאָרעקט. אנשטאט דער טורמע, איז זיי ערלויבט יאָך דער ארבייט צו זיין אין דער „פרייער קאָמאַנדע״, זעלבסטפערשטענדליך, אונטער דער שטרענגסטער אויפזיכט פון זשאַנדאַרמען. גאַנץ אַנדערש אָבער איז די לאַגע פון די געמיינע קאַטאָרזשניקעס. זייער לעבען איז אַ אמת׳ער גיהנום, זיי ווערען בעהאַנדעלט מיט דער גרעסטער אכזריות. פאר זיי איז נישטאָ קיין שום געזעץ, זיי ווערען נישט בעטראַכט ווי לעבעדיגע מענשען, נור ווי ווערעם, וועלכע יעדער טרעט מיט די פיס, זיי זענען אינגאַנצען אָבהענ־גיג פון ווילקיר פון די גראָבע, בעסטיאַלע וועכטער, קיינער אויף דער וועלט נעהמט זיך נישט אָן זייער קריוודע, קיינער רעדט פאַר זיי נישט קיין גוט וואָרט, און דרייסט קאָן מען אויפשרייבען איבער די טויערען פון זייערע טורמעס, דאס וואס דאַנטע האט אויפגעשריבען איבער דער טהיר פון זיין „גיהנום״: „זאלען פערגעסען אלע זייערע האפנונגען, די וואָס האבען בע־טרעטען דעם דאָזיגען שוועל״...

ביי די ווערטער האָט פרוי געלעס אויפגעשוידערט. זי

האט זיך לענגער נישט געקאָנט בעהערשען און איז אויסגעבראָ־
כען מיט אַ געוויין.

יעווסיי פּאוולאָוויטש האָט אָבגעווארט ביז די נערוועז פון
זיין גאַסט האבען זיך בערוהיגט, און ער האָט ווייטער אָנ־
געהויבען:

— איך מוז אייך נאך אַמאָל איבערחזרן, אז איך האָב
נישט די אבזיכט אייך צו שרעקען און אָבהאלטען פון דעם
איידעלען בעשלוס. איך וויל נור, איהר זאָלט וויסען דעם ביטע־
רען אמת איידער איהר זענט אויפ'ן אָרט...

— איך הער, יעווסיי פּאוולאָוויטש, — האט די אומגליק־
ליכע געזאָגט מיט אַ נאך מעהר פערשטיקטער שטים.

— פיעל נידערטרעכטיגער, פיעל אבשויליכער, ווי די
געמיינע קאטארזשניקעס, ווערען בעהאנדעלט זייערע פרויען, אט
די דאזיגע פרייוויליגע מערטירערינען... פּונקט ווי זייערע מענער
שטעהען זיי אויסער יעדען שוץ פון געזעץ. צעהנדליגער פּא־
מיליעס מיט קינדער, מיט פערשידענע קראַנקהייטען, וואלגערן
זיך אין קאלטע, פערפעסטעטע באַראקען, און דער געמיינסטער,
דער רויהסטער, בעזאָפּענער בעאמטער, אדער סאָלדאט, איז אַ
אונבעגרענצטער הערר איבער זייער טויט און לעבען, איבער
זייער פרויען־עהרע... און מעהר ווי איינמאָל אין חודש ווערט
זיי נישט ערלויבט זיך צו זעהען מיט זייערע מענער. אייער
מאַן, מאריאַ אָסיפּאוונא, געהער, ליידער, צו דער צווייטער, צו
דער אומגליקליכער קאטעגאָריע קאטאָרזשניקעס, און איהר וועט
דארט הייסען די פרוי פון אַ געמיינעם פערברעכער. דאס איז
אלץ, וועגען וואס איהר האָט קיין בעגריף נישט געהאט, ווען
איהר האָט זיך בעשלאָסען פאהרען קיין גערטשינסק, און דאָס
האט מיר מיין פליכט געהייסען אייך קלאר מאַכען.

— און דאך פאהר איך אויסטרינקען מיט מיין מאַן צו־
זאמען ביז צום דנא דעם בעכער פון אונזערע ליידען. — האט

מאַריאַ אָסיפּאָווּנאַ נאָך אַ קורצען שטילשווייגען אויסגערופען מיט אַ פּעסטער, מוטיגער שטים.

8.

געשווינדט זענען די שטונדען פערשוואונדען סיי פאַר יעווסיי פּאוולאָוויטש און סיי פאַר זיין סימפּאטישען גאַסט. און צוזאמען מיט די פערשוואונדענע שטונדען האט זיך אלץ מעהר דערנעהנטערט דער טאג, אין וועלכע פרוי געלעס האט אונ־ווידעררופליך בעשלאָסען צו פערלאָזען אירקוטסק און פאָהרען קיין גערטשינסק.

יעווסיי פּאוולאָוויטש האט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אז די יונגע, פּעראונגליקטע פרוי זאל זיך רעכט ערהאלען, זאָל נישט זארגען, נישט טראכטען, און אָנקלויבען די בויטיגע קרעפטען און זיך'עם בויטיגען מוט צו דער וויטערדיגער רייזע, און דאס איז איהם פולשטענדיג געלונגען.

מאריא אָסיפּאָווּנאַ איז געקומען צו זיך, די דונקעל־בלויע ראהמען ארום די אויגען און די בלאסקייט פון איהר געזיכט זענען פערשוואונדען. איהרע אויגען האבען געקוקט העל און לעבהאפט. איהרע באקען האָט בעדעקט אַ געזונדטע שענע פאַרב. איהרע בעוועגונגען זענען געווארען מונטערע, זיכערע, קרעפטיגע. איהר שטים האט זיס געקלונגען, און איהר אַמאָליגע שענהייט האט אויפסניי אויפגעבליהט מיט'ן גאַנצען רייץ.

ס'איז געווען ענדע אויגוסטע, די שענסטע יאָהרעס־צייט אין אירקוטסק, ווען די זון ברענט אָהן רחמנות, און די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט דעם אַנגענעהמען, ערפרישענדען דופט פון די אַרומיגע פעלדער און טייגאס.

יעווסיי פּאוולאָוויטש האט אויסגענוצט די דאזיגע גינסטיגע צייט, האט יעדען טאג, פאר זון־אונטערגאנג, געהייסען שפּאנען

זיין בעקוועמע קארעטע און איז מיט מאַריא אָסיפּאווגא געפּאה־רען שפּאצירען אויסערהאלב דער שטאדט.

שפּאצירענדיג, האט ער געוועהנליך מיט איהר געפּיהרט גאנץ גלייכגילטיגע רוהיגע געשפּרעכען וועגען סיבירער לעבען, וועגען אירקוטסקער געזעלשאפט, וועגען די אומגעגענד, וועגען די גאָלד־גרובעריי, וועגען קולטור, און ביי דער ערשטער גע־לעגענהייט האט ער זיך אָנגערופען, ווי דרך אַגב:

— פאָלגט מיר, מאַריא אָסיפּאווגא, און פאהרט צוריק.

— צוריק? וואוהין?...

— קיין קישינעוו. צו אייערע עלטערן.

— עס זאָל יעדער אויף מיר שארפען די צייהן און ווייזען מיט די פינגער? אָ, ניין, יעווסיי פּאוולאָוויטש...

— טאָ בלייבט דאָ אין אירקוטסק, ביז אייער מאַן וועט אָבקומען זיין שטראָף.

— ניין, ניין, יעווסיי פּאוולאָוויטש. איך פאָהר צו איהם, און נאָך וואס די איבריגע רייד?

— איהר האט רעכט, מאַריא אָסיפּאָווגא. נאך וואס די אומזיסטע רייד?...

אזוי איז אַוועק א טאָג נאך א טאָג, און עס איז אָנגעקו־מען ענדליך דער פריהמאָרגען פון דעם לעצטען טאָג.

ביים לעצטען פריהשטיק זענען זיי ביידע געזעסען אין א מעלאנכאָלישער שטימונג. יעדער פון זיי איז געווען ווי צערשטרויט, ווי פערטיפט אין אויסערגעוועהנליכע געדאַנקען. זייער געשפּרעך האָט זיך נישט געקלעבט, נישט לאנג אָנגע־האַלטען. זייערע פראזען זענען געווען קורצע, לאקאָנישע, אָבּ־געריסענע, און זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט זעלטען און נישט דרייסט, פּונקט ווי יעדער פון זיי האָט זיך געהיט אַז דער צווייטער זאָל פון זיינע אויגען נישט אַרויסלייענען דאָס, וואס קומט פאָר אין זיין זעלע...

ווען דאס פריהשטיק האָט זיך געענדיגט, האָט יעווסיי פּאַוולאָוויטש גענומען פאר די האַנד מאַריאַ אָסיפּאָוונא, זי שווייגענד אַריינגעפיהרט אין ביבליאָטעק=צימער, וואו זיי האָבען זיך ביידע היגגעזעצט אין צווי פאָטעלען איינער געגענאיבער דעם צווייטען.

אַ פּאָר מינוט זענען פערגאַנגען אין שטילשווייגען. מאַריאַ אָסיפּאָוונא האָט געהאַלטען די אויגען אַראָבגעלאָזען און האָט געוואַרט מיט אַ געפּרעסטען אָטהעם צו הערען, וואס יעווסיי פּאַוולאָוויטש וועט איהר דא זאגען.

— מאַריא אָסיפּאָוונא — האָט ער זיך ענדליך אָבגערו=פען און פלוצליגג געבליבען שטיל.

— איך הער, יעווסיי פּאַוולאָוויטש, — האט זי געענט=פערט און ווייטער געזעסען אין דער זעלבער פּאָזע.

— מאַריאַ אָסיפּאָוונא, — האט ווידער אָנגעהויבען יעווסיי פּאוולאוויטש מיט א זאנפטער, ווייכער שטים. — איידער מיר פּאהרען צום גענעראַל=גובערנאַטאר ערלעדיגען די נויטיגע פאר=מאַליטעטען... איידער מיר פאהרען צום גענעראַל=גובענאטאָר, וויל איך מיט אייך צום לעצטען מאַל רעדען אפען און ערנסט...

— איך הער, יעווסיי פּאַוולאוויטש.

— פאַרהאַן פיעל מענשען, וועלכע מאכען אַמאַל אין לעבען אַ פּאַטאַלען שריט אונטער דעם איינפלוס פון אַ געוויסען מאָמענט, און נאך אַ געוויסער צייט, ווען דער היפּנאָז איז שוין לאַנג אַוועק, און זייער פערשטאַנד האָט זיך אויסגעניכטערט, זעהן זיי מיט אָפענע אויגען, אז זיי זענע בעגאַנגען אַ פעלער און שטעהען אויף א קרומען וועג. נור זייער קליינמוטיגע אַמ=ביציע לאָזט זיי נישט זיך צוריקציהען פון דער פאלשער פּאָ=זיציע, און שטויסט זיי אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז זיי פאַלען

אין אָבגרונד, פון וועלכען ס׳איז פאר זיי קיין שום רעטונג מעהר נישטאָ...

— און דאָס בין איך איינע פון די דאָזיגע מענשען, ווילט איהר זאָגען?...

— אָהן א שום ספק! אייער בעשלוס האט איהר אָנגענו־מען אין א מאמענט, ווען אייך האט בערוישט אַנ׳עקסטאַז פון ליבע, פון מיטלייד, פון פערצווייפלונג, און אייער פערשטאַנד איז נישט געווען פעהיג צו אַנאַליזירען און זיך אבגעבען דין וחשבון פון דעם שריט, אויף וועלכען איהר בעשליסט זיך. פאר אייער גערייצטער פאַנטאזיע האט נור געשוועבט דאס עלענדע בילד פון אייער אונגליקליכען מאַן, און דאס דאזיגע בילד האט אייך געצויגען צו זיך מיט דער גאַנצער געהיימער מאַכט, מיט דעם פרישען ברען פון דעם גרויסען שלאג, וואס האט אייער יונג האַרץ געטראפען. און איהר האָט דעם שריט געמאַכט. איהר האָט זיך ענטזאַגט פון אייער היים, פון אייערע עלטערן, פון אייער בעקוועמען לעבען; פון דער פרייהייט, וועלכע אייער מאַן האט אייך געגעבען דורך דעם גט, וואָס ער האט אונ־טערגעשריבען...

— אויך דאס איז אייך בעקאַנט?...

— אייער אַדוואקאט האט מיר וועגען אלץ געשריבען... מיט איין וואָרט, איהר האט זיך פון אַלץ עטזאַגט און זענט געלאָפען אין אַ גיהנום, פון וועלכען איהר האָט נישט געהאַט דעם קלענסטען בעגריף. איך גלויב אָבער, אז אייער עקסטאז איז שוין לאַנג אָבגעקיהלט, אייער פערנונפט האט זיך שוין אויסגעניכטערט און איהר פערשטעהט, אז אייער זעלבסטאָפּפער אין גאַנץ צוועקלאָז, און נור די פאלשע אַמביציע שטויסט אייך צום אָבגרונד, געגען אייער אינערליכער איבערצייגונג. זייט מוטיג, מאַריא אָסיפּאָוונא, און בעקעמפט אָט די אַמביציע...

— איך בין מוטיג, יעווסיי פּאַוולאוויטש, — האט זי גע־

זאָגט מיט אַנ׳אויפגערעגטען קול און איז האַסטיג אויפגעשפּרונ־
גען פון פאָטעל. — איך בין מוטיג, און מיר פאָהרען צו גע־
נעראַל־גובערנאטאָר...

יעווסיי פּאַוולאָוויטש האט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען, האט אָנגעקלונגען און געזאָגט דעם לאַקיי מ׳זאל שפּאַנען די קאַרעטע.

— גאָט זאל אייך געבען די נויטיגע קרעפטען און זיין אייער היטער אויף דעם דערנער־וועג... איך וועל אייך אָבפיהרען אין מיין קארעטע ביז צום בייקאל, און דאָרט וועלען מיר אונז פעראבשיידען.

נאך אַ פערלויף פון אַ צוואנציג מינוט זענען זיי ביידע געזעסען פאר דעם שעף פון דער קאַטארגע־אָבטיילונג אין דעם גענעראַל־גובערנאטאָרס קאַנצעלאַריע.

— אָט וועל איך באַלד הייסען ברענגען די געהעריגע אַקטען, — האט דער טשינאָווניק געזאָגט מיט אַנ׳אייז־קאַלטער שטים, ווען יעווסיי פּאַוולאָוויטש האט איהם גערייכט דעם מיניסטערס ערלויבניש מיט מאריאָ אָסיפּאָוונאס פּאַשפּאָרט.

ער האט אנגעקלונגען און פלעגמאַטיש געהייסען אַרייג־שיקען דעם געהעריגען רעפערענט.

— אַנדריי אַנדרייאיטש, — האָט ער זיך מיט דער זעל־בער פלעגמאַטישער שטים געווענדעט צום רעפערענט. — די אַקטען פון דעם קאַטארזשניק געלעס, סאַמואיל מאָרדוכאָוו.

— אַ פּאָליטישער, צי אַ קרימינעלער? — האט דער רע־פערענט געפרעגט.

— אַ קרימינעלער, — האט דער טשינאָווניק געענטפערט קוקענדיג אין דער ערלויבניש.

דער רעפערענט האָט פערלאָזט דעם קאַבינעט, און אין אַ צעהן מינוט אַרום איז ער געקומען מיט די אַקטען.

דער שעף האָט לאַנגזאַם געלייענט, געבלעטערט, און

ענדליך זיך אָנגערופען קאַלטבלוטיג, נישט אויפהויבענדיג די אויגען פון די אַקטען.

— אַ פּראָטאָקאָל... א ראפּאָרט צום בעסאראַבער גובערנאַ־טאר. דער קרימינעלער קאַטארזשניק... סאמואיל מאָרדוכאווו געלעס... אַ איד... ניין און צוואנציג יאָהר אַלט... פערארורטיילט פון קישינעווער אָקרוזשנאַי סוד צו זעכצעהן יאָהר קאַטארגע... אָבגעזעסען אין נאָרעבלאַגאָדאַטסק, גערטשינסקער בעצירק, דריי יאָהר קאַטארגע... דעם צעהנטען יולי דאס יאָהר... פון אַ פלעקען־טיפוס געשטאָרבען...

אין קאַבינעט האט א פּאָר סעקונדען געהערשט א קברים־שטילקייט. פּלוצלינג האט א הילך געגעבען א משונה׳דיגער, אַ הערצרייסענדער אויסגעשריי:

— „געשטארבען!!!״...

און די אומגליקליכע מאַריא אסיפאוונא איז געפאַלען אין אהנמאַכט.

9.

ווען מאַריא אָסיפאוונא האט צום ערשטען מאָל געעפענט די אויגען נאך דער לאַנגער בעוואוסטלאָזיגקייט, האט זי דער־זעהן, אַז זי ליגט אין אַ בעט אין מיטען דעם גרויסען זאַל, פון וועלכען דאָס מעבעל איז ארויסגעטראגען. דער זאַל איז בעלויכטען מיט מאַט־רויטער עלעקטריע. אויף איהר קאָפּ ליגט אַנ׳אייז־קאָמפּרעס. פון איין זייט בעט שטעהט יעווסיי פּאוולאוויטש, און זיין בליק איז קאָנצענטרירט אויף דעם אַלטען מאַן מיט דער שנעע־ווייסער באָרד, וואס זיצט אויף אַ שטוהל פון דער צווייטער זייט בעט, האלט איהר פּולס און קוקט אויף זיין גאָל־דענע טאשען־אוהר. אין אַ זייט, עטוואס אָבגעטרעטען פון דעם

אלטען מאַן, שטעהען צוויי באַרמהערציגע שוועסטער מיט רויטע קרייצען אויף די ווייסע באַלאכאָנען.

די קראַנקע האָט באלד ווידער פערמאַכט די אויגען און איז צוריק ארייגעפאלען אין אַ בעוואוסטלאזען צושטאנד.

דער אַלטער מאַן, דער אַרצט איז פאָרזיכטיג אויפגעשטאַנען פון שטוהל, האָט ביי אייגער פון די שוועסטער גענומען און דורכגעקוקט דאָס פאפיר מיט דער פערנאָטירטער טעמפעראַטור און איז מיט יעווסיי פאַוולאָוויטש, שטילשווייגענד און ערנסט, אַריין אין קאַבינעט.

דער אַרצט האָט זיך געזעצט ביים שרייב-טיש, האט איייביגע סעקונדען געטראַכט און האט אויפגעשריבען דאס רעצעפט.

— יעדע דריי שעה פופצעהן טראָפען, — ערנעהרען ווי ביז איצט. נישט רעדען צום פאַציענט, אָבהיטען אבסאָלוטע שטילקייט אין איהר צימער און כסדר מעסטען 3 מאָל אין טאָג די טעמפעראַטור.

— און ווי געפינט איהר זי היינט, פעליקס פעליקסאָוויטש ? — האט יעווסיי פאַוולאָוויטש בעזארגט געפרעגט.

— דערווייל איינס און דאס זעלבע, אַ זעהר ערנסטער צושטאנד. געהירן-ענטצינדונג, לאָמיר האָפען אויף דאס בעסטע. איהר יונגער שטארקער אָרגאניזם קאָן די קראנקהייט איבערווינדען. דערווייל אָבער איז זעהר ערנסט, זעהר ערנסט... אָט דאס איז אַ פלאָקען, אָט דער טשינאָווניק דארט, — האט דער אַרצט צוגעגעבען מיט עמפערונג. — אַ פערגליווערטער רוסישער ביוראָקראַט, אַ פערזשאווערטע שרייב מאַשין... נו, נו. די אָרעמע פרוי האט דאָך געקאָנט בלייבען אויפ׳ן ארט, דערהערענדיג פלוצלינג אַזא בשורה טובה... נור, לאָמיר האפען, יעווסיי פאוולאוויטש, לאָמיר האָפען, אז מיין מיה און אייער זארגפעלטיגקייט וועלען נישט פערלוירען געהן. אויף ווידערזעהן, יעווסיי פאוילאָוויטש.

אויף ווידערזעהן, פעליקס פעליקסאָוויטש.

יעווסיי פאוולאָוויטש האט בעגלייט דעם אַרצט ביז צום פאָדערצימער, דארט האט ער אַנאַסטאַסיען געגעבען דאס רעצעפט, געשיקט אין אפטייק, איהר געהייסען דאָרט וואַרטען ביז די טראָפּען וועלען געמאכט ווערען, און אַליין איז ער אַריין אין זאַל איבערגעגעבען די שוועסטער די פעראָרדנונג פון אַרצט.

מיט אַ שווער געמיט, מיט בעטריבטע געדאנקען און אַ טיפען קומער איז יעווסיי פאוולאָוויטש געשטאנען פאר דעם בעט און געקוקט אויף דאס געזיכט מיט די פערמאַכטע אויגען, אויף די שוואַרצע האָר, וואס האבען ארויסגעקוקט פון אונטער דעם אייז-קאָמפּרעס, אויף די אלבאסטער-ווייסע הענד, וואס זענען געלעגען אויף דער באָרדאָ-זיידענער דעקע, און אין די אויערען האבען איהר געקלונגען דעם דאָקטארס לאַקאָנישע ווערטער: „דערווייל אָבער איז ערנסט, זעהר ערנסט"...

אזוי איי ער געשטאנען ביז אנאסטאסיע האט געבראַכט טראָפּען, און נאך דעם ווי די שוועסטער האבען געשיקט און דעליקאט אריינגעגאָסען אין דער קראנקערס מויל דאס ערשטע לעפעלע פון דער מעדיצין, האט ער שטילערהייד בעגייסטערט געזאָגט: „צו רפואה", און איז אוועק צו זיך אין קאַבינעט.

אַ שווערע לאסט האט זיין ברוסט געפּרעסט, א גרויזאמע שרעק פאר עטוואָס טראגישעס, קאטאַסטראָפאלעס האט גענאָגט זיין מוח. ער האט געפיהלט, אז אין זיין רוהיגען אייגזאמען הויז שפּיעלט זיך אָב א שטילער, טרויעריגער אַקט פון א שוידערליכע דראמע און אפשר דער לעצטער אַקט. ער האט זיך אָבגעגעבען א דין וחשבון, אַז דער מקור פון אט דער דאָזיגער שוידערליכער דראמע איז די אידישע לאגע אין רוסלאַנד, די אידישע רעכטלאָזיקייט, דער אידישער עלענד, די ווילדע העצעריי פון די אידען-פרעסער, די מערדערישע פּאָגראמען, די פערברעכערישע בעסטיאלע אינסטינקטען פון דער נישט-פעראנטווארטליכער, פער-

דאַרבענער פּאָליציי — און זיין אידיש הארץ, וואס איז ביז איצט רוהיג געשלאָפען אין זיין ברוסט, האט פּלוצלינג ערוואכט, האָט אָנגעהויבען האסטיגער שלאָגען, און אַ טיפער רחמנות צום גאנצען פערפאָלגטען פאלק און צו זיינע פעראיינצעלטע קרבנות האט איהם ערגריפען.

— פאר וואס? — האט ער זיך געפרעגט. — פאַר וואס קומט די אידען אַזא ביטערער גורל? מיט וואס שטעהען זיי נידריגער פאַר אלע אנדערע נאַציאָנען? מיט וואס זענען זיי שעדליך דעם מעכטיגען רוסישען לאַנד? פאר וואס פאַלען אַזעלכע קרבנות ווי סאַמואיל מאָרדוכאָוו געלעס, ווי מאַריא אָסי-פּאוונא?...

ביי דעם נאָמען מאַריא אָסיפּאוונא האט ער דערפיהלט אַ שארפען שמערץ אין מוח. ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאהנט אין זיין פערשטאָרבענער טאטיאנאַ סאלאָמאנאָוונאַ, ער האט אַנאַ-ליזירט דעם שרייענדען קאנטראַסט צווישען די ביידע פרויען און האט ביי זיך געטראַכט:

— ווי גליקליך וואָלט איך געווען מיט טאַטיאנען, ווען זי וואלט געווען אזא עהרליכע, אַזא אונשולדיגע, אזא ריינע און טרייע נאטור, ווי מאריא אָסיפּאָוונא, און ווי גליקליך וואלט זי אליין געווען!...

איבערהויפּט איז ביי איהם דער נאמען מאַריא אָסיפּאוונאַ געווארען אַ הייליגטום, אַ מין סימבאָל פון איבערגעבענהייט, פון קרישטאל-ריינער ליבע און פון זעלבסטאויפּאָפּפערונג. און ער האט דעם נאמען נישט געקאנט גלייכגילטיג אויסרעדען.

נאך איידער ער האט זי פּערזענליך קענען געלערנט, נאך מיט אַ פּאָר וואכען צוריק, ווען ער האט ערהאַלטען דעם בריף פונם קישינעווער אדוואקאט האָט דער בעשלוס פון דער אונבעקאנטער פרוי געמאכט אויף איהם אַ טיפען איינדרוק. און זי האט זיך איהם פארגעשטעלט, ווי עטוואס ערהאבענעס, אידעי-

אלישעס, ווי די אונשטערבליכע ווייבער פון די פערשיקטע „דעקאבריסטען". ווי די יונגע און שענע פירשטין יעקאַטערינאַ איוואַנאָווינאַ טרובעצקאיא, אָדער מאריאַ ניקאָלאיעווינאַ וואָלקאָנסקאיאַ, און האט מיט אונגעדולד אָבגעוואַרט איהר אָנקומען. אין דער קורצע צייט אבער, וואס זי איז געווען דער גאסט פון זיין הויז, איז זי נאך העכער אויסגעוואקסען אין זיינע אויגען. איהר בעשיידענקייט, איהר זויבערער כאַראקטער, איהר פעסטע ליבע צו איהר פערשיקטען מאן, איהר ברייטזאַמקייט צו טיילען מיט איהם זיינע ביטערע ליידען — האבען איהם אימפאנירט, בעצויבערט, און ער האט מיט יעדער שעה, מיט יעדען טאָג צו איהר געפיהלט מעהר אַכטונג און סימפּאַטיע. און ער האט כמעט מקנא געווען דעם פערשיקטען קאַטאָרזשניק, וועלכער בעזיצט אזא זעלטענעם אוצר.

אויך ער, יעווסיי פּאַוולאָוויטש האט אמאל געהאַט אַ אוצר דאס הייסט, ער האט געגלויבט, אז ער בעזיצט א אוצר, אבער ווי מיאוס, ווי געמיין יענער אוצר האט איהם פערראַטען...

און ער וואונדערט זיך נישט. דאס ערקלערט זיך ביי איהם גאַנץ נאַטירליך: יענע איז געווען דער פּראָדוקט פון לייכטזין, פון פאַלשער ציוויליזאציע, פון דער אונוויסענדער סיבירער אַסימילאַציע, און די דאָזיגע איז אַ קינד פון פאָלק, פון דער אידישער „טשערטאַ", מיט די אידישע זויבערע זיטען און מיט דער אידישער טראַדיציאָנעלער „טהרת־המשפחה"...

און די דאָזיגע מרים בת ר' יוסף ליגט אַצינד אין זיין הויז, ווייט פון איהר היים, ווייט פון איהרע נאָהנטע, און איהר נשמה שוועבט צווישען לעבען און טויט...

— אָ, ניין! — האט ער אויסגעשריען מיט אַ שטים פון אַ בעפעהל־געבער. — זי טאר נישט שטאַרבען! אַלע קרעפטען וועל איך אָנווענדען, מיין גאַנץ פערמעגען וועל איך אָבגעבען, איך מוז זי רעטען...

און ער האטווירקליך געקעמפט מיט דער געפאהר, האָט נישט געשוינט קיין מיה און האָט די קראנקע אַרומגערינגעלט מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיגקייט.

פיער באַרמהערציגע שוועסטער האָבען געוואכט ביים קראַנ־קען־בעט טאָג און נאכט. דער אלטער, ערפאהרענער אַרצט, דער זון פון אַ פוילישען פאוסטאניעץ, פעליקס פעליקסאָוויטש, האָט בעזוכט די קראנקע צוויי מאָל טעגליך. יעדען צווייטען טאָג איז געווען אַ קאָנסוליום פון די גרעסטע אירקוטסקער דאָקטוירים, אין גאנצען הויז האָט געהערשט אַ קלויסטער־שטילקייט, און די פעראָרדנונגען פון די דאָקטוירים זענען געוואָרען אויסגעפיהרט מיט אַ סובטעלער פעדאנטעריע.

ער אַליין, דאס הייסט, יעווסיי פאוולאָוויטש, איז וועניג און נישט צו אָפט אריינגעגאַנגען צו דער קראַנקער אין זאַל, ער האָט נישט געקאָנט רוהיג קוקען אויף דאָס געזיכט מיט די געשלאָסענע אויגען, און על פּי רוב איז פעליקס פעליקסאָוויטש נאָך יעדען בעזוך געקומען צו איהם אין קאַבינעט איהם אָבגע־בען רעלאַציע.

— זאגט מיר, יעווסיי פאוולאָוויטש, — האט איהם איינ־מאל געפרעגט דער דאָקטאר — וואס געהער זיך מיט אייך אָן די פּאַציענטין ?...

— איך ווייס נישט, פעליקס פעליקסאָוויטש. — זי איז נישט מיינע אַנ׳אייגענע, זי איז נישט מיינע אפילו אַנ׳אלטע בעקאנטע, נאר נעהמט ביי מיר מיין גאַנץ פערמעגען, און רע־טעט איהר לעבען...

ביי זיך אין קאַנטאָר איז יעווסיי פאוולאָוויטש געווען דער ועלבער, ווי געוועהנליך. ער האָט מיט זיין געוועהנליכער רוהיג־קייט און פּינקטליכקייט ערלעדיגט זיינע געשעפטען און אָבגע־פערטיגט אינטערעסאַנטען, און קיינער האָט פון זיין רוהיגען געזיכט נישט געקאָנט לייענען דאס, וואס עס טהוט זיך ביי איהם

אין האַרצען. נור ווען ער איז געזעסען אַליין ביי זיך אין קאבינעט, אָדער אין ביבלאָטעק־צימער, האָט ער געגעבען פריי־הייט זיינע געפיהלען, און דער דאָזיגער שטארקער מאַן האָט נישט איין מאָל געווישט די טרערען פון די אויגען.

לאַנג און שווער האָבען זיך געצויגען די אונרוהיגע טעג און שלאָפלאזע נעכט, ביז ענדליך אין אַ פריהמאָרגען איז צו איהם אין קאבינעט, נישט ארייגעגאנגען ווי געוועהנליך, נור אַרייג־געטאַנצט, ווי אַ שול־אינגעל, דער אַלטער פאָלאק און אויסגע־שריען מיט פרעהליכע טרערען אין קול:

— זי איז אונזערע, יעווסיי פאוולאָוויטש! די נאַכט איז געוועזען דער קריזיס און, גאָט זיי דאנק, זי איז שוין אונזערע!...

10.

דער צופאל מיט מאַריא אָסיפאוונאַ אין דער קאַנצעלאריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, איהר געפעהרליכע קרענק, ווי אויך די קאָלאָסאַלע קאָסטען און די אונגעהויערע זאָרגפעלטיגקייט פון דעם „קאַלטען מאַטעריאַליסט" יעווסיי פאוולאָוויטש, האבען נישט ווייניג אויפגערודערט דעם שטעהענדיגען זומפ פון דער איר־קוטסקער בירגערליכער געזעלשאפט, און עס האבען זיך אַפילו געפונען „דרייסטע" הערען און דאַמען, וואָס האָבען געפונען פאר ענטשפרעכענד, בעזוכען דעם „בעזאָרגטען איינזאַמען" הערר גראַדנער, און „טרייסטען" איהם, אויסדריקען „מיטלייד", געבען עפּעס אַ„עצה", און ביי דער געלעגענהייט געוואויר ווערען פון איהם עפעס „געגויערעס" עפעס „פיקאַנטעס". נור יעווסיי פאוולאָוויטש האָט זיך אויף זיין אופן אָבגעפערטיגט קורץ און שארף מיט די אומגעבעטענע געסט, און זיי זענען אַוועק פון איהם מיט דעם, וואָס זיי זענען געקומען.

נור איין מענשט איז געווען אין אירקוטסק, וולאדימיר

לוואָוויטש פעלדנער, פון פאַך אַ לעהרער, פון איבערצייגונג אַ הייסער ציוניסט און פון דער נאַטור אַן אומגליקליכער שווינד־זיכטיגער, וואָס האָט געהאַט דאָס „גליק" זיך דערנעהנטערן צו יעווסיי פּאַוולאָוויטש גראָדנער, אין דער צייט פון מאַריאַ אָסי־פּאָוונאַס קראַנקהייט, און זאָגאַר געוואונען זיין פריינדשאַפט.

וולאַדימיר לוואָוויטש איז געווען אַ זוהן פון אַ פערשיק־טען, וועלכער איז געשטאָרבען אין טורמע נאָך דעם ערשטען יאָהר קאַטאָרגע.

געקומען איז וולאַדימיר לוואָוויטש קיין סיביר צוזאַמען מיט זיין מוטער, וועלכע איז אין אַ קורצער צייט נאָך איהר מאַנס טויט אויך אַוועק אויף יענער וועלט.

וולאַדימיר לוואָוויטש האָט שווער פערטראָגען סיבירער קלימאַט און איז אריינגעפאַלען אין שווינדזוכט.

זייענדיג פון די פריהע יונגע יאָהרען אַ פאַנטאַסט, אַ אידע־אַליסט, און פיהלענדיג זיך פאַר דעם „שעיר לעזאזל" אין לעבען, צוליב דעם שלאַג, וואָס האָט געטראָפען זייער הויז און צוליב דער פאַטאַלער קראַנקהייט, וואָס קוועלט איהם טאָג און נאַכט, האָט וולאַדימיר לוואָוויטש אויסגעמעקט זיין פערזענליכען „איך", האָט אינגאַנצען איגנאָרירט דאָס אלטעגליכע גשמיות־לעבען, און האָט זיך געווידמעט העכערע, גייסטיגע פּראָבלעמען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז דאָס קליינליכע, בעשרענקטע, מאַטעריאַליסטישע לעבען פון דער אירקוטסקער בירגערשאַפט מיט איהרע אויבערפלעכליכע געזעלשאַפטליכע אינטערעסען האָבען אַזא נאַטור, ווי וולאַדימיר לוואָוויטש, נישט געקאָנט צופרידענ־שטעלען. און ער האָט אָרגאַניזירט אַ ענגען קרייז פון דער אידישער יוגענד, וואו ער האָט געקאָנט מיט ערפאָלג לייסטען אין דער ריכטונג, וואָס ער האָט זיך געשטעלט צום ציעל.

און אַזוי ווי די אידישע בעפעלקערונג אין אירקוטסק, ווי בכלל אין סיביר, בעשטעהט פון געוועזענע קאַנטאָניסטען אָדער

פון ניקאלאיעווסקע סאָלדאטען און זייערע קינדער, פון פער־שיקטע, וואס זענען אָבגעקומען זייער שטראָף פאר נישט קיין שענע מעשים אין „תחום המושב", פון פּאָליטישע פאָסעליענצעס וועלכע האָבען אין דער היים געקעמפט פאר פרעמדע געטער און פרעמדע אידעאַלען — דאס הייסט, פון אַזעלכע עלעמענטען, פאר וועלכע דאס אידענטום מיט זיין קולטור איז אַ פוסטער חלום, אמין אַרטיקעל אָהן אַ שום פּראקטישען, רעאַל'ען ווערט, האט זיך וולאַדימיר לוואָוויטש געשטעלט די אויפגאַבע: „פער־אידישען" די יוגענד פון דער דאָזיגער בעפעלקערונג, בעקאַנט מאכען זי מיט דער פערגאַנגענהייט פון דעם „אייביגען וואַנ־דערער", מיט זיין אוראלטער קולטור, מיט זיין היסטאָרישער שפּראַך, מיט דער עטיק פון זיינע חכמים, מיט זיינע הויכע אידעאַלען און מיט זיין האָפנונג אין דער צוקונפט.

וולאדימיר לוואָוויטש איז געווען דער ערשטער, וואס האָט פערזייט אין די הערצער פון זיינע תלמידים און תלמידות דאס קערנדעל פון רעיון הלאומי, פון שאפען אאידישע היים אין דעם אידישען היסטארישען לאנד — פון ציוניזם, און אויף דעם דאזיגען דאנקבארען באָדען האט ער אויסגענוצט זיינע בעסטע גייסטיגע כחות און האָט בעוויזען וואונדער.

וולאדימיר לוואָוויטש האָט געשילדערט פאר זיינע גע־צעהלטע, אויסדערוועהלטע צוהערער דאָס שוידערהאפטע בילד פון אאידישען פּאָגראָם אין רוסלאנד, די אונמענשליכע רדיפות, די אכזריותדיגע נאַכט־אָבלאַוועס, דאס אַרויסטרייבען פון די דערפער — און די יונגע, עמפפינדליכע הערצער פון די סיבי־רער קינדער, וואס זענען געבוירען און אויפגעוואַקסען געוואָרען אין אַב'אטמאָספערע פון טאָלעראנץ, ווייט פון פינסטערן גלויבענס־שאָוויניזם און נאַציאָנאַלען האס, אָט די יונגע הערצער זענען ערשיטערט געווארען, פון דעם, וואס זיי האָבען געהערט, און זיי האָבען פערשטאנען אז „ציוניזם" איז דער הויכער פּראטעסט

פון אַ גאנצען פאָלק געגען דעם אונרעכט, וואס איהם געשעהט.

וולאַדימיר לוואָוויטש איז ביסלעכווייז געוואָרען פאָפּולער. די רייהען פון זיינע אָנהענגער זענען געוואקסען, „ציוניזם" איז אריין אין דער מאָדע, די יוגענד האט זיך אַלץ מעהר פער־אינטערעסירט מיט דער אידישער קולטור און נישט איין מאָל האט צו זיך אליין געזאָגט דער אָרימער שווינדזיכטיגער: „אמותה הפעם", איך קאָן שוין רוהיג שטאַרבען. די בלום, וואס איך האב פערפלאַנצט, וועט שוין בליהען, וועט זיך שוין ענט־וויקלען...

ווען דער ביוראָ־אינגעל האט געמאָלדען יעווסיי פּאַוולאָ־וויטש'ן, אַז וולאדימיר לוואוויטש פערלאנגט זיך מיט איהם צו זעהען, האט ער איהם גלייך געהייסען אריינבעטען און זיך מיט איהם זעהר הערצליך בעגריסט.

— מיט וואס קאָן איך אייך דינען? — האט יעווסיי פּאַוולאוויטש געפרעגט און אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל. — נעהמט פּלאַץ, וולאדימיר לוואוויטש.

וולאדימיר לוואָוויטש האט זיך געזעצט, האט אָבגעווישט דעם קאַלטען שוויס פון זיין הויכען שטערן און געזאָגט:

— יעווסיי פּאַוולאוויטש, איך וויל די טעג האלטען אַ רעפעראַט וועגען ר' יהודה הלוי, האב איך אבער נישט זיינע שירים, וועלכע איך וואלט וועלען ציטירען. אויף וויפיעל איך וויס, דארפען זיי זיך געפינען אין אייער ביבליאָטעק. איך וויס, אז אייער זעליגער פאָטער האט זיי יאָ געהאַט.

צופעליגערווייזע איז דער דאָזיגער בעזוך פאָרגעקומען גראדע נאָך יענער נאַכט, ווען די לאַגע פון דער קראַנקער איז נאך געווען אַ קריטישע און ווען דאס אידישע האַרץ האט ערוואכט ביי יעווסיי פּאַוולאוויטש מיט אַ געפיהל פון מיטלייד צום רעכטלאָזען פאלק און צו זיינע אונשולדיגע קרבנות.

— געוויס, וולאַדימיר לוואָוויטש, — האט יעווסיי פּאַוולאָ־

וויטש געענטפערט מיט אַ זעלטענער העפליכקייט. — איך וועל זיי אייך מיט פערגעניגען לייהען.

— ווען קאָן איך צו אייך קומען נאָך זיי?

— ניין, וולאַדימיר לוואָוויטש, צו מיר אין וואוינונג קאָן מען די טעג נישט קומען. אין מיין הויז געפינט זיך אַ שווערער חולה, און איך עמפפאַנג דאָרט קיינעם נישט. נור דאָס בוך וועל איך אייך צושיקען צו אייך אַ היים און איך וועל אייך אויך עפּעס בעטען.

— איהר מיך?

— ביי אייך געפינט זיך דאָך מסתמא גענוג ציוניסטישע ליטעראַטור, וועט איהר אזוי גוט זיין און איבערגעבען דאָס, וואָס איהר וועט אַליין פאַרשטעהן, דעם אינגעל, וואָס וועט אייך ברענגען ר׳ יהודה הלוי. די לעצטע צייט האָט מיר די דאָזיגע בעוועגונג אָנגעהויבען אינטערעסירען.

— די בעוועגונג איז נאָך זעהר אַ יונגע, יעווסיי פּאוולאָ־וויטש, און די ליטעראַטור איהרע איז נאָך זעהר אָרים. איך מיין אָבער, אז דער רעיון נויטיגט זיך נישט אין אַ ליטעראַטור פּונקט ווי עס נויטיגט זיך נישט אין אַ ליטעראַטור די לופט צום איינאָטמען און דאָס וואַסער צום טרינקען. פאר אונז אידען איז ציוניזם לופט און וואַסער. איך גלויב, אז יעדער איד, אין וועלכען עס לעבט דאָס געפיהל פון זעלבסטווירדע און זעלבסט־אַכטונג, איז אַ ציוניסט, און וויל נישט זיין ווי דער ציגיינער, פאַר וועלכען זיין פאָטערלאַנד איז דאָרט, וואו זיין קערפּער קאָן זיך זאַט אָנעסען, און ער פיהלט נישט די פעראַכטונג און דעם האַס פון די מענשען, צווישען וועלכע ער בעוועגט זיך.

— אויף האַס און פעראַכטונג קאָנען מיר, סיבירער אידען, זיך נישט בעקלאָגען, וולאַדימיר לוואָוויטש. מיר לעבען מיט דער קריסטליכער באַפעלקערונג, ווי גלייכע בירגער. דאָ, אין סיביר, איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישטאָ.

— אין נישטאָ הייגט — וועט זיין מאָרגען. — האט וולאדי־מיר לוואָוויטש געענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכעל. — אַנטי־סעמיטיזם איז אַ מין עפּידעמישע קרענק, וועלכע טראָגט זיך איבער מיט דער לופט פון איין אָרט אין צווייטען. בפרט נאָך, ווען בעשטאָכענע פּערבּרעכערישע הענד צעשפּרייטען בייזוויליג יה״ע מיקראָבען איבער׳ן גאַנצען לאנד... ביי אונז, אין רוס־לאנד, געהט דער אַנטיסעמיטיזם פון אויבען, ווי אַ רעגירונגס־סיסטעם. אנטיסעמיטיזם ווערט גערעכענט פאר אַ חוב געגען דער קרוין ביי יעדען בעאַמטען. אַנטיסעמיטיזם ווערט גוט בע־צאהלט אין דער פּרעסע. אנטיסעמיטיזם איז געווארען דער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס האלט זיך די רעאַקציע, מיינט איהר, אַז מען האט זיך אָן סיביר פערגעסען? אז מען האָט זי דאָרט, אין די ספערען, אויסגעשטריכען פון דער רוסישער מאַפּע?...

— האט איהר, הייסט עס, פאר מיר גאר נישט אין אייער אוצר הספרים?

— איך וועל אייך צושיקען „אלטניילאנד" פון ד״ר הרצל.

11.

פעליקס פעליקסאָוויטש, דער אַלטער, ערפאהרענער אַרצט, האט קיין טעות נישט געהאט.

דער יונגער, געזונטער אָרגאניזם פון דער אַלמנה געלעס האט אויסגעהאַלטען און איבערוויגדעט די שווערע, געפעהרליכע געהירען־ענטצינדונג׳ און זי איז מיט יעדען טאָג מעהר געקומען צו די קרעפטען.

גראדנערס הויז האָט אויפגעלעבט. די בעדינונג, וועלכע איז געוועזן נידערגעשלאָגען און בעזאָרגט אין דער גאַנצער צייט פון דער קראַנקהייט צוליב גרויס מיטלייד צו דער „גוטער

באַריניאַ״, איז געווען גליקליך, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל פערלאָזט דאָס בעט, זיי האָבען געוויינט פון גרויס שמחה, האָבען זיך פרום געצלמ׳ט און יעדער פון זיי איז געלאָפען אין צערקווע, שטעלען אַ ליכטעל פאַר דאָס בילד פון ניקאָליי דעם בעל־מופת, פאַר דעם וואונדער, וואָס ער האָט בעוויזען מיט דער קראַנקער.

נור גליקליכער פון אַלע איז געווען יעווסיי פּאַוולאָוויטש. ער האָט עס נישט אונטערגעשטריכען מיט באַנאַלע ווערטער, ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזען דורך ביליגע התפעלות, נור אין זיין אינערליכער וועלט איז פאָרגעקומען אַזאַ שינוי, ווי דער שינוי, וואָס קומט־פאָר אין דער נאַטור, בעת דער קאַלטער ווינטער פערשווינדעט, און זיין אָרט פערנעהמט דער בעצויבערנדער פריהלינג.

ער האָט געפיהלט, אַז אויך אין זיין לעבען קומט־פאָר אַ קריזיס, אַז זיין קאַלטע, פּראָסטיגע פערגאַנגענהייט איז פערשוואונדען, און איהר אָרט פערנעהמט אַ פריהלינג פון זיסער אָהנפונג, פון גליק, פון ליבע...

יאָ, פון ליבע! ווייל ער ליעבט מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ פון דעם ערשטען מאָמענט, אין וועלכען זי האָט צום ערשטען מאָל בעטרעטען זיין שוועל... און ער וועט מיט איהר לעבען גליקליך... און זי וועט אויך גליקליך זיין... זיי וועלען ביידע בעלויהנט ווערען פאַר זייער ביטערע פערגאַנגענהייט.

און מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ לייענט אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אין יעווסיי פּאַוולאָוויטש׳ס האַרץ. זי פיהלט דאָס מיט איהר עמפּפינדליכען פרויען־האַרץ, און אפשר טאַקי צוליב דעם, וואָס זיינע געפיהלען בעגעגנען אַ אָבקלאַנג ביי איהר אין האַרצען...

אַ דאַנק דער אויסערגעוועהנליכער גוטער פלעגע, האָט זיך מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ גיך ערהוילט, און, מערקווירדיג, וואָס מעהר עס זענען שטאַרקער געוואָרען איהרע פיזישע קרעפטע,

אַלץ גרעסער איז געוואָרען איהר טרויער נאָך דעם פערשטאָר־בענעם מאַן.

יעווסיי פּאַוולאָוויטש האָט דאָס גוט בעמערקט, נור ער האט נישט געפונען קיין ווערטער, וועלכע זאָלעןווירקען אויף דעם זעעלען־צושטאַנד פון דער טרויערנדער פרוי און זאָלען היילען די וואונד פון איהר האַרץ.

נישט איין מאָל, ווען זיי זענען געזעסען אין ביבליאָטעק־צימער יעדער מיט זיין בוך אין דער האַנד, האָט זיך יעווסיי פּאַוולאָוויטש אָנגענומען מיט מוט און געוואָלט פאַר איהר עפע־נען זיין האַרץ און זאָגען איהר אָפען דאָס, וואָס ער פיהלט און דענקט, נור זי האָט דאָס גלייך דערפיהלט און זיך די ערשטע אָנגערופען:

— זאָגט, יעווסיי פּאַוולאָוויטש: קאָן איך פערגעסען דעם מענשען, וועלכען איך האָב אַזוי געליעבט, וועלכער האט מיך אַזוי געליעבט, און וועלכער איז אַזוי טראַגיש אַוועק פון דער וועלט?

און ווידער האבען זיך שטילע טרעהרען געגאָסען פון איהרע אויגען.

— פערגעסען? נאָך וואָס פערגעסען? — האט דערויף געוועהנליך געענטפערט יעווסיי פּאַוולאָוויטש, נישט אויפהויבענדיג די אויגען פון בוך. — איך בין אָבער איבערצייגט, אַז ווען עס וואָלט מעגליך זיין צו ערפאַהרען פון אַ פערשטאָרבענעם זיין ווילען, וואלט איהר זיך דערוואוסט, אַז אייער מאַנס ווילען איז, איהר זאָלט גליקליך זיין, איהר זאָלט נאָך געניסען פון לעבען, ווייל ער האט אייך געליעבט און אייך שטענדיג גע־וואלט זעהען גליקליך... און דעם בעסטען בעווייז האָט איהר אין דעם פאַקט. וואס ער האט פאַר זיין פערשיקט־ווערען איבער־געלאָזט פאַר אייך אַ גט.

— יאָ, דער פאַקט זאָגט זעהר פיעל, — האט זיך מיט

אַ זיפּץ אָבגערופען מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ. — פון דעם פּאַקט אַליין קאָנט איהר אייך מאַכען אַ בעגריף, וואס פאַר אַ עדעלער כאַראַקטער דאס איז געווען, און וועמען איך האָב פערלוירען.

— און נאָך אַ פּאַקט, מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ, — האט יעווסייפּאַוולאָוויטש ווייטער געזאָגט, שוין מעהר לעבהאַפטער און בעריהרענדיג איהר האַנד. — אייער מאַן איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז איהר וועט זיך בענוצען מיט'ן גט און איהר וועט חתונה האָבען, און דעריבער האט ער צו אייך נישט געשריבען. ער האט אייך נישט געוואָלט בעאונרוהיגען מיט זיינע בריף, ער האָט געוואָלט איהר זאָלט אָן איהם פערגעסען און לעבען רוהיג.

נאָך אַזאַ געשפּרעך איז געוועהנליך אַריבער אַ געוויסע צייט, און די דאָזיגע אָנגעלעגענהייט איז נישט בעריהרט געוואָרען. זיי האבען זיך ווי אויסגעוויכען געגענזייטיג און זענען געזעסען צוזאַמען נור ביים עסען, ביים טיי, אָדער ווען וולאדימיר לוואָוויטש האט זיי בעזוכט.

און וולאדימיר לוואָוויטש איז געוואָרען אַ אָפטער, אַ געוואונשענער, כמעט אַ נויטוועגדיגער גאַסט אין גראַדנערס הויז.

די לופט אין סיביר האָט אנגעהויבען ביסלעכווייז „פערדארבען" ווערען. דאָרט, אין פּעטערבורג, האט מען זיך דערמאהנט, אַז סיביר איז נור אַ רוסישע פּראָווינץ, אַ טייל פון דעם ריעזיגען אָרגאַניזם, און אַז אויך אין סיביר דאַרף הערשען דער זעלבער רעזשים און דעם זעלבען גייסט, ווי אין אַלע רוסישע פּראָווינצען. די שלאַנגען-פּרעסע האט אָנגעהויבען צו צישען אויף איהר אופן און אָנווייזען אויף דער „געפאַהר", אין וועלכער עס געפינט זיך די ריין-רוסישע קויפמאַנשאַפט אין סיביר, אַ דאַנק דער „אונגעזעצליכער" פרייהייט, וואס אידען האבען דאָרט. די דאָזיגע פּרעסע האט אפילו אויסגעזאָגט דעם „סוד", בכן אַז אידען בעגעהען פערשידענע פערברעכען אין

דער „טשערטאַ״ מיט דער אַבזיכט, פערשיקט צו ווערען קיין סיביר, און דאָרט קאָנען פראנק־און־פריי שווינדלען. אין סיביר גופא האבען אָנגעהויבען ערשיינען גיפטיגע בלעטלעך, וועלכע האבען געהאט די אויפגאבע, צו פערשפרייטען די שעדליכע מיקראָבען צווישען די נידריגע שיכטען פון דער אָרטיגער געזעלשאַפט, און צוגרייטען דעם גרונד פאר בלוטיגע עקסצעסען.

די דאזיגע קולות וברקים האָבען אויפגעוועקט די צענטראַלע מאכט, זי האט זיך גענומען רעכענען מיט דעם דאָזיגען מ׳כלומר׳שטען „דעת־הקהל״ און האט אָנגעהויבען ביסלעכווייז, אויף איהר אופן, „רייניגען״ סיביר.

און פונקט ווי דער רוסישער פויער אין שפריכוואָרט, וועלכער הייבט זיך אָן צלמ׳ען ערשט ווען עס דונערט שוין, אזוי האבען זיך ערשט דעמאָלט די סיבירער אידען אויפגעכאַפּט פון זייער אינדיפערענטיזם און האבען דערזעהן, אַז אין סיביר איז אויך דאָ די פאטאלע „אידען־פראגע״, און פיעל פון זיי, וועלכע האבען פריהער געקוקט אויף דער אידישער נאַציאָנאַלער בעוועגונג אין דער ווייטער „טשערטאַ״ און אויפ׳ן ציוניזם, וועלכער איז „אריינגעשמוגעלט״ צו זיי דורך אַזעלכע „אויטאָפּיסטען״, ווי וולאַדימיר לוואָוויטש — ווי אויף אַ „קינדער־שפּיל״, ווי אויף אַ אידעע, וואס קאָן נור טאָלערירט ווערען, ווייל זי איז נישט מעלה און נישט מוריד, — פיעל פון די דאָזיגע אינדיפערענטיסטען זענען געווארען זייער אייפריגע אָנהענגער.

איינער פון אזעלכע „בעלי־תשובה״ איז געווען יעווסיי פּאוולאָוויטש. די געדאַנקען און די געפיהלען, וועלכע האָבען זיך נאך פריהער אין איהם ערוועקט אונטער דעם איינפלוס פון זיין געליבטער מאַריא אָסיפּאָוונאַ׳ס קראנקהייט, האבען זיך איצט אין איהם געשטארקט און מעהר ענטוויקעלט, צוליב די אַנטי־סעמיטישע העצערייען געגען סיבירער אידענטום, און דער „קאַלטער מאַטעריאַליסט״ איז געווארען אַ „ווארימער איד״, און

די גנז עלשאַפט פון וולאַדימיר לוואוויטש איז פאַר איהם בע־ווארען אַ געוואונשטע, אַ נויטוועגדיגע.

וולאדימיר לוואוויטש איז אין גראדנערס הויז געווארען דער „רעפּאָרטער" פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, פון דער פּאָזיטיווער אַרבייט אין פּאַלעסטינא, פון דער קולטורעלער אַרבייט אין די גלות־לענדער, פון די דעבאטען אויף דעם ציוניסטישען קאָנגרעס, פון די פאָרטשריט, וואס דער ציוניזם מאכט אין סיביר בכלל און אין אירקוטסק בפרט.

אַזוי ארום איז וולאדימיר לוואָוויטש געוואָרען מעהר ווי בעפריינדעט מיט יעווסיי פּאוולאוויטש און מאַריאַ אָסיפּאוונא, ער איז געוואָרען ווי אַ שטוב מענש, פאר וועלכען מ׳ענטפלעקט אמאָל אַ סוד און מ׳רעדט זיך אויס דאס האַרץ.

ווען מאריא אָסיפּאוונא פלעגט זיך, אויסרעדענדיג פאַר איהם דאס הארץ, צו איהם ווענדען מיט די ווערטער:

— הייבט פערשטעהט מיין לאגע, וולאדימיר לוואָוויטש... זיצט אַ יונגע אַלמנה ביי אַ בלוט־פרעמדען מאַנספּערזאָן אין הויז, און וואס זאגען מענשען? וואָס טראַכטען זיי זיך?... זאגט, פאַר וואס לויף איך נישט פון דאנען? וואס האלט מיך דאָ?...

האט וולאדימיר לוואוויטש געשוויגען. ער האט גאָרנישט בעזאגט, הגם ער האט גוט געוואוסט, פּארוואס זי לויפט נישט פון דארט. און פּונקט אַזוי האט ער געשוויגען, ווען יעווסיי פּאוולאוויטש פלעגט איהם פרעגען:

— ווי מיינט איהר, וועט ענדליך מאַריאַ אָסיפּאוונא איינ־וויליגען און ווערען מיין ווייב?... זי זאָגט אַלץ, אז נאכ׳ן טרויער־יאהר וועט זי „זעהען"... דאס טרויער־יאָהר לאזט זיך אויס דעם צעהנטען יולי... נאך אַ אכט חדשים, הייסט עס... אַ מערקווירדיגער טיפּ די אידישע פרוי פון דער „טשערטא". מיט אונזערע סיבירער פרויען געהט עס לייכטער...

וולאדימיר לוואוויטש האט אויסגעהערט און ווייטער גע־

שוויגען. נור איינמאָל, ווען זיי זענען זאלבעדריט געזעסען אין גאסט־צימער ביים טהיי און הייס געשמועסט וועגען דער קאָלאָ־ ניזאציע אין ארץ ישראל, האט זיך פלוצלינג וולאַדימיר לוואָ־ וויטש אָנגערופען:

— ווען איך זאָל זיין אויף אייער אָרט, יעווסיי פּאַוולאָ־ וויטש, וואָלט איך געמאַכט צו געלד מיין גאַנץ פערמעגען, וואָלט חתונה געהאַט אָט מיט דער אלמנה, וואָלט מיט איהר אַוועק קיין פּאַלעסטינאַ און וואָלט דאָרט געוואָרען אַ רייכער אידישער קאָלאָניסט.

אַלע האָבען זיך דערביי הערצליך צעלאַכט, און יעווסיי פּאַוולאָוויטש האָט זיך אָנגערופען:

— וואס זאָגט איהר דערויף, מאַריאַ אַסיפּאָוונאַ? דאַכט זיך גאָרנישט קיין קרומער פּלאַן...

מאַריאַ אָסיפּאָוונא איז פּלוצלינג געוואָרען ערנסט און האָט בעטענטפערט, ווי געוועהנליך, מיט אַ רוהיגער בעשלאָסענהייט:

— ביז צום ערשטען „יאָהר־צייט” איז נישטאָ פון וואָס צו רעדען...

12.

די איינפאַכע, ריינהערציגע און לאָגישע ווערטער פון וולאַדימיר לוואָוויטש זענען נישט אַוועק מיטן ווינד, און ביי פּאַר מאַריאַ אָסיפּאָוונא האָבען זיי געהאַט די פּראַקטישע בעדייטונג: „אונטערציהען די סומע פון דער פערגאַנגענהייט, פערגעסען דאָס, וואָס עס מוז פערגעסען ווערען, פערלאָזען די לופט, וואָס איז פול מיט שווערע עראינערונגען פון דער פערשטאָרבענער צייט און איז אָנגעזאָפּט מיטן שלאַנגען־גיפט פון דער געגענ־ וואַרט, מיט איין וואָרט — מאַכען אַ סוף מיט דעם, וואָס עס

איז געווען, און אָנהויבען אַ נײַ לעבען מיט אַ שענערער צוקונפט".

אַזוי האָבען זיי ביידע פערשטאַנען וולאַדימיר לוואָוויטשעס ווערטער, און פון דעם מאָמענט אַז זענען זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען געוואָרען קלאָרער, פרייער, דייטליכער.

ס'איז בעשלאָסען.

מען מוז געדולדיג אָבוואַרטען, ביז עס וועט פערגעהן דאָס יאָהר פון סאַמואיל געלעס טויט, און די צייט אויסנוצען פאַר די נויטיגע פאַרבערייטונגען צו פערווירקליכען וולאַדימיר לוואָוויטש'ס ראַט.

מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ איז געוואָרען מונטערער, עס האָבען זיך פאַר איהר פלוצלינג געעפענט נײַע האָריזאָנטען, די צוקונפט האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אין דעם פּראַכטפולסטען שיין. איהר פאַנטאַזיע האָט איהר געמאָלט איהר נײַ לעבען אין פּאַלעסטינאַ מיט די רייצענדסטע פאַרבען, און אַזוי שווערמענדיג האָט זי זיך ווידער ערינערט אָן איהר פערגאַנגענעם גליק, אָן די צייטען, וואָס פאַר'ן פּאָגראָם, ווען איהר סאַמואיל האָט מיט איהר צוזאַמען געחלומ'ט וועגען ערד-אַרבייט אין ארץ-ישראל...

און ווידער האָבען זיך געגאָסען איהרע שטילע טרעהרען. נאָר די דאָזיגע ערינערונגען און די דאָזיגע טרעהרען האָבען איהר נישט פערשאַפט קיין שמערצען, האָבען נישט געקלעמט איהר האַרץ, האָבען נישט געבערענט איהר מוט — דאָס זענען געווען זיסע-טרויעריגע ערינערונגען און בערוהיגענדע, וואָהלטהוענדע טרעהרען...

יעוסיי פּאַוולאָוויטש האָט אויסגענוצט די ווינטער-חדשים און רעאַליזירט זיין פערמעגען, דאָס הויז אין אירקוטסק האָט ער בעשטימט איבערצוגעבען דער אידישער געמיינדע צום וואָהלטעטיגען צוועק, און דורך דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל-

גובערנאטאר האט ער קאָרעספאנדירט מיט דער קאַבינעט פער־וואלטונג אין פעטערבורג וועגען איבערנעהמען ביי איהם זיין גאָלד־גרובעריי מיט אַלע אנלאגען.

אָנהויב פריהלינג איז אנגעקומען פון פעטערבורג א גינסטיגער ענטפער צו יעווסיי פאוולאוויטש, אז די פערוואלטונג געהט־איין אויף זיין פארשלאג און אז ווי נאָר עס וועט זיך עפענען די נאַוויגאציע אויף דער לענא, וועט ארויספאהרען א קאמיסיע איבערנעהמען די גאָלד־קוועלע און בעשטימען די סומע, וועלכע די קרוין האָט איהם צו בעצאהלען. די קאמיסיע וועט אָנקומען קיין אירקוטסק ענדע מאַי אדער אָנפאנגס יוני, בכן זאל ער זיין צו דעם טערמין פערטיג ארויסצופאהרען צוזאמען מיט איהר אויפ'ן אָרט.

— נו, מאַריא אָסיפאָווגא, נו, וולאדימיר לוואוויטש, — האט יעווסיי פאוולאוויטש פרעהליך אויסגערופען נאָכדעם, ווי ער האט איבערגעלייענט די מיטטיילונג פון פעטערבורג. — אצינד קאן איך שוין בעשטימט זאגען, אז מיר זענען פאלעס־טינער בירגער. איהר זענט אמאָל געווען אויף דער לענאַ, וולאדימיר לוואוויטש?

— ווי קום איך צו זיין אויף דער לענאַ?

— קענט איהר די לאנדשאפט ביים רהיין? קענט איהר די לאנדשאַפט אין דער שווייץ?

— איהר מאַכט פון מיר חוזק, יעווסיי פאַוולאוויטש. וואו בין איך, אומגליקליכע קאַליקע, געווען אַחוץ די סיביריער סטעפעס און די פעלדער און וועלדער, וואס אַרום מיין געבורטס־שטאדט אין וויטעבסקער גובערניע?

— וועט איהר מיט אונז מיטפאהרען אצינד צו מיין גאַלד־קוועלע. און איהר אויך, מאַריא אָסיפאָווגא. מיין דאַמפער איז איינגעריכטעט מיט אַלע בעקוועמליכקייטען און פאָרט זעהר רוהיג. קיין מענשליכע פאנטאזיע איז גאָרנישט אימשטאַנד זיך

פארצושטעלען, וואס די אויגען זעהען, פאַהרענדיג זומער־צייט מיט דער לענא. אין דער שווייץ, אדער און רהיין־לאַנד זעהען מיר מעהר קונסט, ווי נאַטור. דארט בעל־הבתישוועט שוין לאנג דעם מענשענ׳ס האַנד, און דא האט איהר די נאַטור אין איהר גאנצער אונבעריהרטקייט, מיט איהר גאנצער גרויזאַמער פראַכט.

— אמת, מאַריא אָסיפאָוונא, — האט וולאַדימיר לוואוויטש געזאָגט. — אלע זענען ענטציקט פון דער לענא.

— וואס קאָן מען זיך פארשטעלען פון דעם, וואס מענ־שען רעדען? דאס דארף מען זעהן מיט די אייגענע אויגען און בעוואונדערן. פאר אייך וועט די רייזע זעהר נוצליך זיין, וולאדימיר לוואוויטש. די לופט אויף דער לענא אום זומער איז זעהר אַ ריינע, ממש אַ היילענדע. פאהרען מיר, הייסט עס?

— גאנץ בעשטימט, וולאדימיר לוואוויטש, — האט זיך אָנגערופען מאַריא אָסיפאָוונא, — איך וועל אָהן אייך נישט פאָהרען.

— איהר האט געהערט, יעווסיי פאַוולאוויטש?... אַ פרויענ־צימער איז באלד מיט טרעאָר, כאַ־כאַ־כאַ. דא וועט שוין קיין עקשנות נישט העלפען, און מ׳וועט מוזען פאהרען.

— געוויס — האט זיך ווידער אָנגערופען די יונגע פרוי — יעווסיי פאוולאָוויטש וועט דאָרט זיין בעשעפטיגט מיט דער קאָמיסיע, און איך וועל זיך דערווייל לאנגווייל׳לען.

— ס׳איז אָבגעמאכט, מאַריא אָסיפאָוונא, איך פאהר.

— און איהר וועט קיין חרטה נישט האָבען — האט צו־געגעבען יעווסיי פאוולאוויטש. אחוץ דעם וואָס איהר וועט דאָרט האבען צו בעוואונדערן די גראַנדיעזע ווערק פון דער אַלמעכ־טיגער נאַטור, וועט איהר אויך ערשטוינט זיין, זעהענדיג, וואס אויך דער אַלמעכטיגער מענש קאָן שאַפען אין א ווילדער מדבר. דאס מיין איך „ריאבצאָווס זאַאימקע״...

— „ריאבצאָווס זאַאימקע״? וואס איז דאס אַזוינס?

דאס איז אַ קליין פערמעלע צווישען אַלעקמינסק און נאָכ־טוי, נישט ווייט פון מיין גאלד־גרוב. דער דאָזיגער ריאבצאָוו, ניקאַלאַי גאווריל‎אָוו רופט מען איהם, איז אַ פּאָסעליענעץ, אליין איז ער פון פסקאָווער גובערניע. און דערהיים איז ער געווען אַ גנב, אַ זשוליק, אַנאָויסוואורף. פאר זיינע מעשים טובים איז ער אהער פערשיקט געווארען אויף אייביגע פּאָסעלעניע. האט איהם דער אַלעקמינסקער איספראווניק געגעבן אַ טייל גרונט, וואו ער האט זיך בעזעצט און זיך גענומען צו בעארבייטען די ערד. ווען איהר זעהן, וואס ארבייטזאמקייט און גוטער ווילען האבען אויפגעטהון אין אַ משך פון דריי יאָהר.

— אין יאקוטער פּראָווינץ? — האט זיך וולאדימיר לוואָ־וויטש געוואונדערט. — וואו די ערד האט פון ששת ימי בראשית קיין אקער נישט אַנגעזעהן? און א פאסעלענ־יעץ, וואס האט זיך אין דערהיים פערנומען מיט גנבה און גזלה?... דאס איז פשוט נישט צו פערשטעהן.

— בא, פערשטעהען מיר דען אַלץ, וואס מיר זעהען מיט די אויגען? און איז דען נישט דער מענש אַליין דאָס גרעסטע רעטעניש אין דער נאַטור?

— ווי, זאגט איהר, רופט מען איהם, אט דעם פּאָסעלע־ניעץ? — האט מאַריא אָסיפאווגא געפרעגט.

— ריאבצאוו, ניקאָלאַי גאווריל‎אוו ריאבצאָוו. זיין זאאימקע איז בעריהמט אין דער גאנצער יאקוטער פראווינץ. טוריסטען געהען בעוואונדערן דאס אָריגינעלע גן־עדן׳דעל. און איהר וועט אָנקוקען אַ בריאה. איך מיין, אז אזוי האָט אויסגעזעהן ראבינזאָהן קרוזא אויף דער ווינטער אינזעל. אַ פערווילדעטע שוואַרצע באָרד, אַ קאפּ פערוואָקסען מיט געדיכטע לאַנגע האר. דאס גע־זיכט און די הענד שטארק פערברענט פון דער זון און זעגען פיעל ברוינער ווי ביי די יאקוטען, אויגען טיפע, שווארצע דורכדרינגענדע, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָב אינטעליגענץ

און רעזיגנאציע. ער רעדט זעלטען אַ וואָרט מיט די, וואָס בע־זוכען זיין זאַאימקע. גלייך ווי דער ווינטער געהט־אוועק נעהמט ער זיך צו דער ארבייט אין זיין גאָרטען. ער אַרבייט מיט אַזאַרט, מיט התלהבות אפילו ביי די גרעסטע היצען. און ווען ער האָט נישט וואָס צו טהון אין גאָרטען, קלעטערט ער אַרויף אויף דעם העכסטען פעלד ביי דער לענא, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ צויףביידע הענד, שטאַרט אויס די שוואַרצע אויגען, און קוקט שטונדען־לאנג ווייט־ווייט, אין איין ריכטונג. ווינטער ווידער, אין דער צייט פון די גרויסע פרעסט, זיצט ער אייגזאם אין זיין יורטע פאַר דעם קאַמעלאָק און קוקט אויף דעם פלאקערנ־דיגען פייער, פערטיפט אין זיינע געהיימע, רעטזעלהאפטע גע־דאנקען. וואס פאַר א געדאנקען האט דער דאזיגער מענש? וואס פאר אַנ׳עראינערונגען בעשעפטיגען זיין מוח? ווייסט קיין מענש נישט.

— און איהר גלויבט, אז די פערגאנגענהייט פון אזא וואונדערבארען פאָסעלעניעץ בעשטעהט גאָר פון גנבה און גזלה? — האט וולאָדימיר לוואָוויטש בעמערקט.

— פון וואס אין דער קאָרט. דאס איז אַ פאקט.

— ווי אלט איז ער?

— א יאָהר דרייסיג, נישט מעהר. אין דער גאַנצער צייט וואס איך קען איהם, האב איך נאָר צוויי מאל געהאט די זכיה פון איהם אַ פּאר ווערטער צו הערען.

— און איהר האט נישט געפּרובט פערפיהרען מיט איהם אַ לענגערן געשפּרעך?

— געוויס האב איך געפּרובט עס איז מיר אָבער. נישט געלונגען. ביי מיינע ערשטע ווערטער האט ער אראָבגעלאזט זיין פערוואקסענעם קאָפּ, האט מיך אנ׳אויגענבליק אָנגעקוקט מיסטרויאיש און איז אַוועק אין דער יורטע...

— ביין, יעווסיי פּאוולאָוויטש, — האט אויסגערופען וולא־

דימיר לוואוויטש. — עס לעגט זיך נישט אין מוח, אז די פער־גאנגענהייט פון אט דעם פּאָסעלעניעץ זאָל בעשטעהן נאר פון דעם, וואס עס איז אָנגעגעבען אין די אָפיציעלע דאָקומענטען. איך גיב מיין קאָפּ, אז דער זאנדערלינג טראגט אין הארצען גאר א וויכטיג געהיימניס.

— איך מיין אויך אזוי — האט צוגעגעבען מאַריא אָסי־פּאוונא.

נו, וולאדימיר לוואָוויטש. אייער פאנטאזיע זעהט אומעטום „אויסערגעוועהנליכעס”.

— פיהרט ער זיך גוט אויף? — האט מאריא אָסיפּאוונא געפרעגט. — איז ער נישט קיין געפעהרליכער מענש?

— דאס איז דער רוהיגסטער מענש אויף דער וועלט, מאַריאַ אָסיפּאוונא. ער לעבט ווי אַ הייליגער. דער אָלעקמינסקער איספּראווניק קאן זיך נישט געגוג אָבלויבען. ער פערשטעהט נישט, זאגט ער, ווי מיט אַ מענשען קאן פּאָרקומען אַזאַ מעטאַר־מאָרפאָזע. פון אַ געפעהרליכען פּוסט־און־פּאסניק זאָל ווערען אַזאַ רוהיגער, אזא זיטליכער אַרבייטער.

— איהר האט מיך שטארק פעראינטערעסירט מיט דעם ריאַבצאָוו'ן. יעווסיי פּאוולאָוויטש איך וועל שוין נישט רוהען, ביז איך וועל איהם נישט קענען לערנען. איך מיין, אַז מיר וועט זיך איינגעבען ציהען פון איהם ווערטער.

— איהר וועט איהם שוין זעהן, וולאַדימיר לוואוויטש. נאך אַ פּאר וואכען.

13.

די פּאר וואכען זענען גיך פערגאנגען. און אין אַ שענעם פריה־מארגען איז גראדבערס דאמפּפער אוועק מיט דער לענא, פיהרענדיג צו דער גאָלד־גרובעריי מאריא אָסיפּאוונא'ן. יעווסיי

פאוולאוויטש׳ן, וולאדימיר לוואוויטש׳ן און די פעטערבורגער קאמיסיע.

דער דאמפפער איז אָנגעקומען אויפ׳ן אָרט גאנץ פריה ווען די זון האט נאָך נישט געברענט און די לופט איז געווען פריש און אנגענעהם.

די פאסאזשירען זענען געווען אויסגעשלאפען, אויסגערוהט, זאט און האבען זיך געפיהלט שטאַרק און מונטער.

— וולאדימיר לוואוויטש, — האט זיך אָבגערופען יעווסיי פאוולאוויטש, — איך געה מיט דער קאמיסיע צו דער גרובעריי, און איהר וועט אייך מאַכען אַ שפאציר מיט מאַריאַ אָסיפאוונא צו ריאבצאוו׳ס זאאימקע. איך וועל אייך געבען א מענש, ער זאל אייך אהין פיהרען. סטעפאן! — האט ער זיך געווענדעט פון דאמפפער — דו וועסט אבפיהרען די הערשאפטען צו ריאבצאָוו׳ס זאַאימקע, און דו זאלסט באלד קומען צוריק.

— איך הער, יעווסיי פאוולאָוויטש.

— אויף ווידערזעהען, יעווסיי פאוולאוויטש — האט מאַריא אָסיפאוונא געזאגט.

— צוריק וועלען מיר אַליין טרעפען, — האט צוגעגעבען וולאדימיר לוואוויטש.

— אויף ווידערזעהען. און אייך ווינש איך ערפאָלג, וולאַדימיר לוואָוויטש, — האט יעווסיי פאוולאוויטש געזאגט מיט א איראָנישען שמייכעל.

ווען וולאדימיר לוואוויטש און מאַריא אָסיפאוונא זענען אָנגעקומען אין דער זאאימקע, איז ריאבצאָוו געשטאנען אויף די קניע צווישען די בייטען און האט בעזייטיגט דעם שעדליכען גראָז. אויף דער מעלדונג פון דעם מאַטראס, אַז די געסט זענען געקומען מיט יעווסיי פאוולאָוויטש גראדנער, האט ריאַבצאוו גאר נישט געענטפערט און האט ווייטער געטהון זיין אַרבייט, און דער מאַטראָס איז אוועק זיין וועג.

— גאט העלף! — האט זיך אָנגערופען וולאַדימיר לוואוויטש.

— אַדאנק, — האט געענטפערט דער פאָסעלעניעץ, בישט אויפהויבענדיג דעם קאפּ און טהוענדיג דאס זייניגע, ווי פריהער.

מאריאַ אָסיפּאוונא האט לייכט ערציטערט, דערהערענדיג די שטים פון דעם זאנדערבארען פאסעלעניעץ, נור זי האט דערויף קיין געוויכט נישט געלעגט און האט רוהיג געקוקט אויף דער איינגעבויגענער פיגור.

— הערר ריאבצאָוו, קאנען מיר בעזעהען אייער גארטען? — האט וולאַדימיר לוואָוויטש געפרעגט.

— אויב איהר פערלאַנגט, — האט ריאבצאָוו קורץ גע-ענטפערט.

מאריאַ אָסיפּאוונא האט ווידער אויפגעציטערט.

— קומט, מאריאַ אָסיפּאוונא. וואס פאר אַבוימער זענען דאָרט פערפלאַנצט? זעהט ווי שען זיי בליהען. לאָמיר זיי דאָרט בעקוקען, מאַריא אָסיפּאוונא.

זיי זענען ביידע אוועק צו די בוימער, און ריאבצאָוו האט אויפגעהויבען דעם קאפּ, האט זיי אַמינוט נאכגעקוקט, האט זיך ווי פערטראַכט און ווייטער זיך גענומען צו דער אַרבייט.

וולאַדימיר לוואוויטש איז געווען אין גרויסער התפּעלות. ער איז אַנ׳ענטציקטער געלאפען פון איין בוים צום צווייטען, פון איין געוויקס צום אַנדערען, און כּסדר גערופען מאריאַ אָסיפּאוונאַ׳ן טיילען מיט איהר דעם איינדרוק, וואָס אלץ האט אויף איהם געמאכט.

ריאבצאָוו איז געשטאנען די גאַנצע צייט אויף די קניע, האט געטהון זיין אַרבייט, נור ביי יעדעס מאָל, וואס ער האט געהערט דעם נאָמען מאריא אָסיפּאוונא, האט ער אינסטינקטיו אויפגעהויבען דעם קאפּ אויף אַ סעקונדע און האט זיין שאַרפען בליק געריכטעט אויף דער דאַמע.

— איהר זענט שוין מסתמא מיעד, מאַריא אָסיפּאָוונא??— האט וולאַדימיר לוואָוויטש געפרעגט, ווען זיי זענען ווידער צוגעקומען צום אָרט, וואו ריאַבצאָוו האט געיעטעט.

— יאָ, וולאַדימיר לוואָוויטש. איך מיין, אז איהר זענט שוין אויך מיעד.

— קאָן מען אריינגעהן אין אייער יורטע, הערר ריאַבצאָוו,— האט וולאַדימיר לוואָוויטש געפרעגט, — און דאָרט אָבּרוהען?

— אויב אייך איז ליעב, — האט ריאַבצאָוו געענטפערט און האט דאָס מאל אַ קוק געטהון אויף די געסט.

מאַריא אָסיפּאָוונא האט שטאַרקער אויפגעציטערט, נור זי האט דאס ערקלערט מיט דעם שוידערליכען איינדרוק, וואס דאס ברוינע, פערווילדעטע געזיכט האט אויף איהר געמאַכט.

זיי זענען ביידע אוועק צו דער יורטע

ריאַבצאָוו האט אויסגעגלייכט דעם רוקען. ער האָט אויפגעהערט ארבייטען, האט דעם קאָפּ מיט דעם ברייטען, שווארצען באַרד אַראָבּגעבויגען אויף זיין ענטפּלעקטער, פערברענטער ברוסט, ער האָט פון אונטער דעם שטערען געריכטעט זיין בליק אין דער זייט פון דער יורטע און געברומט נאכדענקענד צו זיך:

— עהנליך... זעהר עהנליך... און דער נאמען... מאַריא אָסיפּאָוונו... און איהר גאַנג... איהר וואוקס... מאשא... מיין מאשאַ...

און איז אזוי געשטאנען אַ פּאר מינוט אונבעוועגליך.

— הע, — האט ער פּלוצלינג אַ מאך געטהון מיט דער האנד, און אַ שמערצהאפטער שמייכעל האט בעדעקט זיין געזיכט. — פּוסטע חלומות...

און ער האט ווידער אָנגעהויבען אַרבייטען.

— קוקט אייך צו, וואס פאר אַ זויבערקייט, וואס פאר אַ אָרדנונג עס הערשט אין דעם קליינעם נעסט, — האט זיך

וולאדימיר לוואוויטש אָנגערופען צו מאריא אָסיפאווגא, ווען זיי זענען געזעסען אין דער יורטע.

— אבער קיין סימבאל פון א וועלכען עס איז גלויבען.

— א רעטזעלהאפטע פערזאן. איהר האט בעאויבאכטעט, ווי ער איז קאָנצענטרירט אין זיך?

— און מערקווירדיג. וואס פאר א עמפפינדונג זיין שטים רופט אין מיר ארויס...

זיי זענעןביידע שטיל געבליבען. אין יורטע איז אריינגעקומען ריאבצאָוו. ער איז א ווייל|ע געשטאנען ביים שוועל. האט געקוקט אמאָל אויף מאריא אָסיפאווגא, אמאָל אויף וולאדימיר לוואוויטש, האט געמאכט א זאנדערבארע בעוועגונג מיט'ן קאָפּ און לאנגזאם פערלאזט די יורטע.

— וולאדימיר לוואוויטש... דער מענש שרעקט מיך, — האט מאריא אָסיפאווגא געזאגט מיט א ציטערנדער שטים און דערביי זעהר בלאס געווארען.

— מיט וואס? וואס זעהט איהר אין איהם שרעקליכעס?— האט זי בערוהיגט וולאדימיר לוואוויטש. — איהר זיצט דא, און איך וועל ארויסגעהן צו איהם. איך וויל פרובירען. אפשר וועט מיר געלונגען פערפיהרען מיט איהם א שמועס...

וולאדימיר לוואוויטש האט געפונען דעם פאסעלעניעץ א זיצענדיגען אויף דער פריזבע ביי דער יורטע מיט'ן קאָפּ אנגעשפאַרט. אויף די ענטבלויזטע פערברענטע הענד און האָט געקוקט פון אונטער'ן שטערן אין א וויי‌טען פונקט.

— אייך רופט מען וולאדימיר לוואוויטש? — האט ריאבצאָוו געפרעגט ניִשט ענדערנדיג די פאָזע.

— יאָ, הערר ריאבצאָוו.

— און די דאמע רופט מען מאריא אָסיפאווגא?

— יאָ, הערר ריאבצאָוו.

— זי איז אייער כלה?... אייער פרוי?...

— ניין, הערר ריאבצאָוו.

— וואס געהער זי זיך אָן מיט יעוסיי פּאַוולאָוויטש?

— זי איז זיין כּלה.

— נאך וועמען טראגט זי טרויער?...

— נאך איהר ערשטען מאַן.

— ווער איז געווען איהר ערשטער מאַן?...

— אַ קאטאָרזשניק. ער איז געשטארבען אין גערטשינסקער קאטאָרגע.

— אַ קאטאָרזשניק?... אין גערטשינסקער קאַטארגע? — האט ריאַבצאָוו געפרעגט מיט אַ משונה׳יגען קול און זיין גאנצער קערפּער האט דערביי אויפגעשוידערט.

ער האט זיך שווער אויפגעהויבען פון דער פריזבע, האט זיך אויסגעגלייכט, האט געריכטעט זיין טיפען דורכדרינגענדען בליק גראדע אין וולאַדימיר לוואוויטש׳ס אויגען, און האט ווידער געפרעגט מיט׳ן זעלבען קול, אַקצענטירענדיג יעדעס וואָרט:

— און ווי האט מען גערופען דעם קאטאָרזשניק?

— סאמואיל מאָרדוכאָוו געלעס...

— סאמו... סאמואיל... סאמואיל געלעס...

און די זאַאימקע האט פערהילכט אַ ווילדער אַ וואהנזיניגער מיט שמערץ און טרייסט געמישטער, אויסגעשריי:

— מאַשאַ!!!...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

...עס איז אַוועק אַ געוויסע צייט, און די בעסאַראבער אידישע קאָלאניע אין פּאַלעסטינאַ איז רייכער געווארען מיט דריי אידישע נפשות. מיט דעם סיבירער קאַפּיטאליסט יהושע

ב״ר שרגא גראָדנער, מיט דעם טיכטיגען אגראָנאם שמואל ב״ר מרדכי געלעס און מיט זיין טרייער פרוי מרים בת ר׳ יוסף...

און די סיבירער פּאָליציי זוכט ביז היינטיגען טאג דעם אנטלאָפענעם פּאָסעלעניעץ ניקאלאי גאווריליאָוו ריאַבצאָוו.

ענדע

דאס פינטעלע איד

1

ענדע נאָוועמבער איז דאָס געווען, ווען אין די סיבירער סטעפּעס פייפט און בושעוועט מיט׳ן ווילדעסטען גרימצארען אַ שרעקליכער שטורם־ווינט, דער שנעע שטעכט אייך דאָס געזיכט, ווי מיט שפּיזען, און דער פראָסט קריכט אייך אַריין אין דער זיבעטער ריפּ דורך אלע אַייערע קליידער. איינגעקנייטשט אין צעהנטען בין איך געזעסען אין שליטען און זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז אט קום איך אויף דער באַהן־סטאציע פעטרושקאָווא און וועל אריין אין בעקוועמען, וואַרעמען פּולמאַנישען וואגאָן, צו פאהרען נאר אירקוטסק.

ווי דער שטייגער איז, בין איך מסתּמאָ אנגעקומען צו דער סטאציע פּונקט צעהן מינוט נאָך דעם, ווי דער צוג איז אבגעגאַנגען און מיר איז פאָרגעשטאנען צו בלייבען גאנצע צוועלף שעה אין דער קאַלטער און פייכטער געביידע, וועלכע שטעהט עלענד און איינזאַם אין וויסטען סטעפּ, אין וועלכער ס׳איז נישטאָ קיין זכר פון א בופעט און עס קאָן גאָר די רעדע נישט זיין פון בעקומען, אַ גלעזעל טיי, און ווי עס איז דערוואַרעמען די געפרוירענע גלידער.

— וואָס טהוט מען, ברודערקע מיינער? פרעג איך א פערצווייפעלטער דעם סטאציע־וועכטער, וואס האט מיין טשעמאָדאַן אַריינגעטראָגען.

— וואָס האָט מען צו טהון? זעצט אייך אָט אויף דער באַנק און וואַרט, ביז דער נומער 3 וועט אָנפאָהרען. — ענטפערט מיר דער וועכטער קאַלטבלוטיג, רויכערנדיג די פּאַפּירענע ליולקע מיט מאַכאָרקע.

פּערפּאַלען. איך זעץ מיך אוועק און הויב אָן האָבען געדולד.

אין אַ האַלבע שעה אַרום קומט צו מיר ווייטער צו דער וועכטער און זאָגט:

— דא דאַרף באַלד אָנקומען אַ פראַכט־צוג פון קראַסנאָ־יאַרסק קיי אירקוטסק, שמועסט אייך אדורך מיטן מאַשיניסט, אפשר וועט ער אייך בעהמען צו זיך אויף דער מאַשין ביז טיישעט. דאָרט איז אַ גרויסע סטאַציע מיט אַן׳ערשט־קלאַסיגען בופעט, וועט אייך דאָרט זיין בעקוועמער צו וואַרטען אויפן נומער דריי.

איך האָב אַרויסגענומען אַ גרינע אַסיגנאַציע, דערלאַנגט דעם וועכטער, זאָגענדיג:

— נאַ, ברודערקע. אַרבייט דו אָב דאָס געשעפט.

— נאך וואָס? דאָס איז איבריג. איך וועל בעהמען אייער טשעמאָדאַן, איהר וועט געהן מיט מיר צו דער מאַשין און פּטור. מאַקסים לאַזאַריטש איז אַ גוטער מענש ער איז ביי אונז איינער פון די בעסטע מאַשיניסטען. ווען עס פאָהרט נאַטשאַל־סטוואָ פיהרט ער די מאַשין. ער וועט אייך נישט אָבזאָגען. און פאַר מיר איז גאַנץ גענוג אַ פּאַלטיניק.

אין דעם האָט זיך געלאָזט הערען אַ לאַנגער, הייזערי־גער פייף.

— אָט קומט ער אָן. — האָט זיך אָנגערופען דער וועכ־טער און האָט האַסטיג געכאַפּט מיין טשעמאָדאַן. — קומט.

ביי דעם לאָקאָמאָטיוו, אונטער אַ לעדערנעם צודעק, איז געזעסען אַ מאַן אין עכט סיבירישער ווינטערדיגער קליידונג.

די שטיוועל, די הויזען, די קורטקע און די היטעל מיט לאפּען זענען געווען פון בערען-פעל מיט די האָר פון דרויסען. פון דעם גאַנצען געזיכט האָבען זיך ארויסגעזעהן אַ פּאָר דונקעל-בלויע אויגען און אַ שטיקעל פון דער נאָז. הינטער איהם איז געשטאַנען דער הייצער און צורעכט געמאַכט דאָס האָלץ אונ-טער׳ן קעסעל.

— מאקסים לאַזאַרעוויטש, — האט זיך אָנגערופען דער וועכטער, אָנווייזענדיג אויף מיר. — זיי האָבען פערשפּעטיגט דעם צוג און ווילען צופאָהרען ביז טיישעט. קאָן מען?

— זעצט אייך, — האט דערויף קורץ געענטפערט דער מענש אין די בערישע קליידער און דערביי געזאָגט דעם היי-צער: — נעהם דעם טשעמאדאן.

איך האָב דעם מאשיניסט דעם וועכטער, דעם הייצער און זיך ווי עס איז פּאַמיעששטשעט אין אַ ווינקעלע נאָהנט פון הייסען קעסעל.

II

— פון רוסלאנד? — האט מיר לאקאָניש געפרעגט דער מאשיניסט, ווען מיר זענען שוין אבגעפאָהרען אַ מינוט צוואַנציג.

— ניין, פון פוילען, — האב איך געענטפערט.

— פון לאָדז?

— פון ווארשא.

— אַ רייזענדער?

— אַ רייזענדער.

— אַ ביטערער פאַך. איך בין אייך נישט מקנא. בפרט דא אין סיביר. ווינטער מוראדיגע פרעסט. זומער מוראדיגע היץ. יאָ, יאָ, אַ געפעהרליך שטיקעל ברויט.

— וואס קאָן מען טהון? דער קאמף פאר די עקזיסטענץ צווינגט אונז דערצו.

— מסתמא אַ איד?

— יאָ אַ איד.

— אָט דאס איז די מעשה, א פאָלק וואס לעבט נאר פון ווינט, פון האַנדעל און וואַנדעל.

נאָך דער בעמערקונג בין איך געבליבען שטיל. פון לאַנגער ערפאהרונג האָב איך געוואוסט, אז יעדער אַנטיסעמיט הויבט אָן מיט אָט דעם נוסח זיין גיפטיגען שמועס מיט אַ איד. מיר איז צו מוט נישט געווען אַזוי פרעהליך און אַנטיסעמיטישע שטעכווערטלעך זענען נישט אזוי אַנגענעהם, האָב איך אויסגעמיטען צו ענטפערן.

אין טיישעט בייט זיך די בריגאדע, ווי אויך דער לאָקאָמאָטיוו.

איך האב זיך פעראָבשיידעט פון דעם מאַשיניסט, וועלכער איז אַוועק מיט דער מאַשין אין דעפאָ, און איך בין אַריין אין וואָקזאַל.

איך האָב זיך גרונדליך אָבגעוואַשען אין טאָאַלעטען-צימער האב געקויפט אַ פּאָר צייטונגען, זיך בעקוועם אַוועקגעזעצט ביי אַ געדעקטען טיש, זיך געהייסען געבען טיי און גענומען לייענען די לעצטע נייעס פון דער גאַנצער וועלט.

נאָך אַ געוויסער צייט קומט צו מיר צו דער מאַשיניסט און טיילט מיר מיט, אז צוליב דעם אונגעהויערען שנעע-שטורם צווישען אָמסק און קראַסנאָיארסק, איז דער נומער דריי פערהאַלטען געוואָרען אין אַטשינסק, און ס'איז נישט בעשטימט די שעה, ווען ער קאָן אָנקומען קיין טיישעט. ביים בעסטען פאַל, וועט ער פריהער, ווי מאָרגען אין די מיטאג-שטונדען אהער נישט אָנקומען. אט נאר וואס איז ערהאַלטען געוואָרען אַ דעפּעשע,

— דאס הייסט אַ פּעך! — האָב איך כמעט אויסגעשריען פּערצווייפעלט. — וואס טהוט מען אַצינד? קיין האטעל איז דאך דאָ מסתמא נישטא, וואו איך זאל זיך קאָנען אויסרוהען?

— נאך וואָס אַ האטעל? — האט זיך גוטמוטיג און מיט ליידענד אָבגערופען מאַקסים לאַזאראָוויטש. — ביי מיר וועט איהר בעסער זיך אויסרוהען, ווי אין אַ האטעל.

— ביי אייך? — האָב איך געפרעגט פערלעגען. — וועל איך נישט שטערען אייער פאַמיליע?

— דערווייל האָב איך נאָך נישט קיין פאַמיליע, — האט דער מאַשיניסט געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — אַנו, וואו איז אייער טשעמאָדאַן,

און נישט לאַנג טראַכטענדיג, האט ער געכאַפּט מיין טשעמאָדאַן און זיך געלאָזט געהן צו דער טיר.

III

ס'איז געוועזן אַ זייגער זעקס אין אָוונד. אין קליינעם הילצערנעם הייזעל, וואו מיר זענען אַריינגעגאַנגען איז געוועזן שטאָק-פינסטער, נור אין דער קיך, וואס ביים פאָרהויז, האָט געברענט אַ קליין באַפּט-לעמפּעל און אויפ'ן קוימען האט געפלאַקערט אַ פרעהליכער פייער.

דער מאַשיניסט האט מיר פאַר דער האנד, פאָרזיכטיג אַריינגעפיהרט אין צימער, האָט אוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן מיר אַוועקגעזעצט אויף אַ קאַנאַפּע און אַ רוף געטהון:

— אַנאַסטאַסיא גאַברילאָוונא!

— איך הער מאַקסים לאַזאַריטש, — האט זיך אָבגערופען אַ פרויען-שטים פון פאָרהויז.

— די לאָמפּען אנצינדען, דעם טיש דעקען, דעם סאַמאָוואר אָנשטעלען.

— איך הער.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וועניאַמין יאַקאָוולעוויטש, — האָט זיך צו מיר געווענדעט דער מאַשיניסט, — איך געה מיך איבערטהון, — און ביי די ווערטער איז ער אַוועק אַין אַ צווייטען צימער.

אין דער מינוט איז אַריין אַנאַסטאַסיא גאַוורילאָוונא און אָנגעצונדען אַ שענע שטעהנדע בליך־לאָמפּ. אין צימער איז געוואָרען אָנגענעהם העל, און איך האָב געהאַט די מעגליכקייט צו בעטראַכטען די איינריכטונג, וועלכע איז בעשטאַנען פון אַ דונקעל־ברוינעם שרייב־טיש ביים איינציגען פענסטער, פון אַ האַלב טוץ „ויענער" שטוהלען, פון אַ קליינעם ביכער־שראַנק און פון דער קאַנאַפּע, אויף וועלכער איך בין געזעסען, אויף די וואַנד איז געהאָנגען אַ גרויסע און גענויע קאַרטע פון סיביר מיט דער באַהן־ליניע, ווי אויך בילדער פון הויכע באַהן־בעאַמטע. ביי דער בעשיידענהייט פון דער איינריכטונג איז אין צימער געווען געמיטליך און פּעדז׳נטיש זויבער.

— וועניאַמין יאַקאָלעוויטש, איך בעט אייך אין עס־צימער,— האָט זיך מיר אָנגערופען אַ מענש פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג אין אַ עלעגאַנטען אַנצוג מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר, וועלכען איך האָב בלויז נאָך דעם קול דערקענט, אַז דאָס איז דער מאַשיניסט אין די בערישע קליידער, מאַקסים לאַזאַראָוויטש.

אַ מינוט צייט האָב איך מיט ערשטוינונג געקוקט אויף דעם אַזוי פערענדערטען מענשען, נור נאָך גרעסער איז געוועזען מיין איבערראַשונג, ווען איך האָב בעטרעטען די שוועל פון׳ם עס־צימער.

איינגעפאַסט אין אַ גרויסען שוואַרצען ראַהם, צווישען צוויי פענסטער, אויף דער וואַנד פונקט געגענאיבער דער טהיר, האָט אויף מיר געקוקט אַ בילד פון א טיפּישער, אַלטוועליכער, בע־

סאראבער, אדער פאדאָלער אידענע, מיט אַ ווייס זיידענעם טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, מיט זאנפטע בלויע אויגען, מיט אַ פערזאָרגטען גע־ זיכט און מיט אַ טרויעריגען שמייכעל אויף די ליפען.

אונטער דעם בילד איז מיט גרויסע אידישע אותיות קאַ־ ליגראפיש פערצייכענט געווען:

„מינוס־נסק, בי״ח ניסן, תרמ״ח. תנצב״ה״.

איך בין נאָך נישט געקומען צו זיך פון דעם טיפען איינדרוק, וועלכען די אַנזיכט פון דעם בילד האָט אויף מיר געמאַכט, האט מיר שוין געוואַרט אַ צווייטע איבערראַשונג:

אויפ׳ן בלאַט פון אייגעם פון די פענסטער האב איך פלוצ־ לינג בעמערקט אַ זילבערן חנוכה־לעמפעל מיט זעקס נאָך נישט אָנגעצונדענע ליכטלעך.

— וואו בין איך דאָ? — האב איך נישט־ווילענדיג אויסגעשריען.

— ביי אַ „געפעהרליכען אַנטיסעמיט״, — האָט מאַקסים לאַזאראָוויטש איראניש געענטפערט און דערביי זיך הערצליך צולאַכט. נאך דעם האָט ער בעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ זיידען קאַפּעל, האט געבענטשט חנוכה־ליכט מיט אַלע פּרטים, מיר האָבען צוזאמען געזונגען „מעוז צור ישועותי״ און זיך געזעצט צום גאסטפרײנדליכען טיש.

IV

„— אין באַלטער בלוטיגען פּאָגראָם, — האָב איך פער־ לוירען מיין טאַטען און מיינע ביידע עלטערע ברידער. איך האָב דאַמאָלס שטודירט מעכאַניק אין כארקאָוו איז מיין מוטער אָט די אידענע — דערביי האָט ער אָנגעוויזען אויפן בילד — געבליבען עלענד און אָרים אין באַלטא. אין כאַרקאָוו האט זיך

דאמאָלס געפונען אַ גרופּע אידישע יונגע־לייט פון באלטא, וואס האָבען שטודירט אין פערשידענע לעהר־אַנשטאלטען. ערפאהרען האָבען מיר, אַז איינער פון די טעטיגסטע אָרגאַניזאטאָרען פון דעם שוידערהאַפטען פּאָגראם אין אונזער געבורטס־שטאָדט איז געווען דער שעף פון דער דאָרטיגער אָכראנע. אַ געמיינער משומד. נאך דעם פּאָגראם איז ער אויף זיין פערלאַנג פערזעצט געוואָרען קיין כאַרקאָוו, נאך לאנגע בעראטונגען האט אונזער גרופּע בעשלאָסען נוקם זין זיך אין דעם נידערטרעכטיגען רענעגאט און מאַכען מיט איהם אַ סוף.

„— אַ פּנים, אז צווישען אונז האָט זיך געפונען אַ פּראָוואָקאַטאָר. זשאנדאמעריע איז בעפאלען אונזער קאָנספּירירטע פערזאַמלונג, עס זענען געמאַכט געווארען רעוויזיעס אין אונזערע וואוינונגען, מ׳האט געפונען אונלעגאַלע ליטעראַטור, ביי איניגע זאגאר געוועהר, און מיר זענען אַ מאן אַכט אַריינגעזעצט געווארען אין דער בעריהמטער גרויזאמער כאַרקאָווער טורמע, וועלכע איז געשטאַנען אויף איין מדרגה מיט פּעטערבורגער, היסטאָרישע פּעטראָפּאַוולער פעסטונג.

„— צוויי יאָהר האָבען מיר זיך אָבגעמוטשעט אין די קאַלטע, פינסטערע, פייכטע, איינזאמע „שטיינערנע זעק”. צוויי פון אונז האָבען דאָרט בעקומען די גאלאָפּירענדע שווינדזוכט און האָבען אין זייער טראַגישער עלענדקייט אויסגעהויכט די נשמה איינער איז אויף אַ שרעקליכען אופן בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, און מיר פינף זענען ענדליך, אָהן אַ שום געריכט, פערשיקט געוואָרען אין פערשידענע ערטער אין סיביר, מיך האָט מען פערשיקט קיין מינוסינסק, אין די מוטער מיינער האָט, נאך פיעל השתדלות, געפועלט, מ׳זאל איהר ערלויבען וואוינען מיט מיר אין מיין פערשיקונגס־אָרט.

„— ביטער און שווער איז געווען אונזער לעבען אין דעם וייטען, פרעמדען, וויסטען לאַנד, איך האָב זיך נישט גע־

קאַנט פריי בעוועגען, ניט געהאַט וואו אויסצונוצען מיין פאַך, איך האָב זיך שטענדיג געפונען אונטער פּאָליציייאישער אויפזיכט, גאַנצע וואכען האָבען מיר געלעבט מיט טרוקענעם, שוואַרצען ברויט, מיט די ביין קאָפּייקען אַ טאָג, וואס קאַזנא האָט מיר אויסגעצאָהלט, מיין אָרימע מאמע איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, איהר שוואכער, אויסגעמוטשעטער, צעבראָכענער אָרגאַניזם האָט ניט אויסגעהאַלטען דעם גרויזאמען מאַנגעל און זי איז קורצען אָבגעשטאָרבען...

מאַקסים לאַזאַרעוויטש איז פּלוצלינג פערשוויגען געוואָרען ביי די לעצטע ווערטער האָבען זיך אין זיין שטים געפיהלט פערשיקטע טרעהרען, און אַ שמערצהאפטע מינע האָט אויף אַ־ אויגענבליק זיין געזיכט פערענדערט, נור ער האָט זיך גיך בעהערשט און ווייטער דערצעהלט:

”עטליכע מינוט פאַר'ן טויט האָט זי געהאַלטען מיין האַנד אין איהרע קראַנקע אויסגעדאַרטע הענד און צו מיר געזאָגט, קוים־קוים וואס איך האָב געהערט: „אַ יאָ, מאָטעניו, דו וועסט נאָך מיר זאגען קדיש?... בלייב אַ איד, מאָטעניו... מעק ניט אָב פון דיין הארץ דאס פּינטעלע איד”... — און גלייך נאָך די ווערטער האָט זיך אָנגעהויבען דער לעצטער קאַמף צווישען טויט מיט'ן לעבען, און איך האָב דערפיהלט, ווי מיין האַנד דריקען צוויי קאַלטע שטייפע הענד.

„שרעקליך און לעער איז מיר געווען דאס לעבען די ערשטע צייט נאָך מיין מוטערס טויט, ניט איין מאָל בין איך געווען בערייט אויף זיך מיין האַנד אויפהויבען און מאַכען אַ סוף צו מיינע ליידען, נור אין יענע קריטישע מאָמענטען זענען מיר פּלוצלינג געקומען אויף די געדאַנקען מיין מוטערס לעצטע ווערטער, און איך האָב ניט געמאַכט דעם פערצוויי־ פעלטען, קליינמוטיגען, ניט־אידישען שריט. אזוי האָב איך גע־

בידעוועט ביז עס האט זיך אין דער געגענד אָנגעהויבען די אַרבייט ביי דער באַהן-ליניע.

„אויב ס'איז אייך בעוואוסט, איז צווישען די פונקטען, וואס דער מיניסטער וויטע האָט פארגעשטעלט דעם קייזער, אונטערנעהמענדיג זיך צו דורכפיהרען דעם גראנדיעזען פּלאַן פון דער סיבירער באַהן, געווען אַ פונקט, אַז ער האט דאָס פולע רעכט זיך צו בענוצען מיט יעדער ענטשפּרעכענדער אינטעלעקטועלער און פיזישער קראפט, וואָס געפינט זיך אין סיביר, נישט אויסגעשלאָסען פרייע פּאָליטישע פערשיקטע, אָהן אַ אונטערשיעד פון נאַציאָנאליטעט און גלויבען.

„— אויף אַזא אופן זענען פיעל אונגליקליכע געהאָלפען געווארען. אַלע פאכלייט זענען געוואָרען אָנגעשטעלטע ביי דער באהן, און אָט אַזוי ארום בין איך געווארען מאַשיניסט. אויף דער לאַנגער באַהן-שטרעקע פון טשעליאבינסק ביז סרעטיענסק געפונען זיך מעהר ווי אַ מנין אידישע מאַשיניסטען, עטליכע אינזשינירען, עטליכע סטאַציע-שעפס, און אויף וויפיעל איך ווייס האט נאך קיינער פון זיי נישט אויסגעמעקט דאָס פינטעלע איד".

DRUK. SIKORA I MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.